STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00846

# FUN NYU-YORK BIZ REHOVOT UN TSURIK

Yehoash

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*by Abraham & Barbara Rothenberg*
*in honor of Anna & Yakav Moshe Rothenberg*
*and Belle & Max Henkin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון ניו-יאָרק ביז רחובות
# און צוריק

פון יהואש

דריטער טהייל

ארויסגעגעבען פון
היברו פאַבלישינג קאָמפּאַני
1918

*Copyright 1917 by S. Bloomgarden.*
*(All rights reserved)*

# אינהאַלט


| | | |
|---|---|---|
| XLVIII | די חמאָרע | 5 |
| XLIV | שרעקען | 17 |
| L | אַ דעלעגאַציע | 28 |
| LI | פון הר הזיתים | 39 |
| LII | פאָהרענדיג | 47 |
| LIII | די שטאָדט פון די אבות | 56 |
| LIV | אַן איבערקעהרעניש | 69 |
| LV | ימות הגשמים | 76 |
| LVI | שווערע טעג | 83 |
| LVII | אַ בריף | 92 |
| LVIII | וואָך-נאָכט | 98 |
| LIX | להתראות בארץ ישראל | 105 |
| LX | „סטאָרם ענד סטרייפס" | 115 |
| LXI | אין אַלעקסאַנדריאַ | 124 |
| LXII | ויסעו ויחנו | 132 |
| LXIII | כופר | 141 |
| LXIV | חעלוואַן | 148 |
| LXV | אַראַבעסקען | 156 |
| LXVI | אַאידאַ | 163 |
| LXVII | מוחאַמעד אַלי | 173 |
| LXVIII | דער גאָט „ראַ" | 181 |
| LXIX | על אוהאַר | 190 |
| LXX | די זעפפעה | 198 |
| LXXI | אַפּשייד | 207 |
| LXXII | אַטהען | 216 |
| LXXIII | צוריק | 224 |

והנה רוח גדולה באה

(איוב א. יט.)

# XLVIII.

# די כמאַרע

דער דינער פּאַדעם האָט זיך אָפּגעריסען און די שווערד איז ארונטערגעפאַלען... דאָס שווערע געוויטער, וואָס איז געהאַנגען איבער די מערב־פּעלקער, האָט פּאַנאַנדערגעפּלאַצט און דער קראַך האָט שנעל אַן אָפּשאַל געפונען אין פּאַלעסטינא. פון מויל צו מויל איז געשפּרונגען דאָס בלוטיג וואָרט: מלחמה...

אונבעשטימטע שרעקען זיינען אריינגעקראָכען אין די געמיטהער. פּאַסירונגען זיינען געקומען שנעל איינער נאָך דער אַנדערער, אזוי ווי איוב'ס אומגליקען, און דער וואָלקען, וואָס האָט זיך פון אייראָפּא אהער געצויגען, האָט זיך צושפּרייט און צעוואַקסען וואָס א טאָג, וואָס א שעה אַלץ מעהר...

פון סטאַמבול איז געקומען א בעפעהל צו מאָביליזירען דעם רעדיף (רעזערוו אַרמעע), און פון די ארומיגע דערפער האָבען גאַנצע טעג געשפּאַנט אויפ'ן הייסען זאַמד אָפּגעריסענע און באָרוויסע אַראַבישע רעזערוויסטען, קיין יפו...

---

מיין קליינע טאָכטער איז ניט געזונד געווען. האָט אונז דער דאָקטאָר פון דער מושבה געראָטהען מיר זאָלען זי נעהמען ביים ים. דעם אמת זאָגענדיג, איז מיר זעהר ניט געווען צום הארצען צו פערלאָזען רחובות אפילו אויף א קורצע צייט. מיר האָבען זיך שוין געהאָט איינגעלעבט אין אונזער נייער סביבה, און איך פלעג זאָגען צו מיינע בעקאַנטע, אַז מיינע זויהלען הויבען אָן ווערען שווערער, א סימן אַז איך ווער צוגעוואַקסען. אָבער דעם ים האָט מען ניט געקענט ברענגען קיין רחובות, האָבען מיר ניט־ווילענדיג געמוזט זיך ווידער אריבערפעקלען קיין תל־אביב, לכל הפחות, אויף א דריי־פיער וואָכען:

מיר זיינען אָנגעקומען מיט'ן דיליזשאַנס ארום עלף א זייגער אין דער פריה קיין יפו. איך האָב געהאַט אַן אָנווייזונג פון דער „אמעריקאן עקספּרעס קאָמפּאַני" אויף די „באַנק אַטאָמאַן". זיינען מיר דירעקט פון „חאַן" אוועק אַהין, אָפּצונעהמען דאָס געלד.

מיר זיינען פאַרביי־געגאַנגען די סאַראיע (ראטה־הויז) און האָבען זיך מיט אמאָל געפונען אין מיטען פון א טויזענד־קעפּיגען געזעמעל אַראָבער. אויף די טרעפּ פון דער סאַראיע איז געשטאַנען א מיליטערישער בעאַמטער און האָט געהאַלטען א פּאַטריאָטישען דרוש... אָבער דער עולם האָט זיך געהאַלטען זעהר רוהיג. אַזא רוהיגע האַלטונג פון געצוואונגענע רעקרוטען האָט מיך שטאַרק פערוואונדערט. איך האָב עס צוגעשריעבען צו דעם מאַחמעדאַנישען פאַטאַליזם. מרדכי בן הלל הכהן, דער העברעאישער שריפט־

שטעלער, ווען איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פאַקט, האָט געשמייכעלט:

— דאָס איז ווייל דער עולם האָט קיין „קידוש" ניט געמאַכט...

---

דער קורס וואָס דער קאַסירער אין דער „באַנק אָטאָ־מאַן" האָט מיר געוואָלט בערעכענען, האָט זיך מיר אויס־געוויזען צו זיין זעהר הויך, האָב איך בעשלאָסען אַז איך וועל וואַרטען אויף אַ בעסערען קורס, און אַזוי ווי די אַנג־לאָ־פאַלעסטינא באַנק איז בלויז אַ טריט פון דער אָטאָמאַ־נישער באַנק, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אַהין זאָגען גראַזאָווסקי'ן „שלום" פאַר איין גאַנג.

די באַנק איז געווען געפּאַקט מיט מענשען, און קוים מיט מיה האָב איך זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צו גראַזאָוו־סקי'ס קאַבינעט. ער איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט סוחרים, טוריסטען און גלאַט אַזוי דעפּאָזי־טאָרס ווען ער האָט איבערגע'חזר'ט צום צעהנטען מאָל, אַז די אַנגלאָ־פאַלעסטינא באַנק ווי אַלע אַנדערע בענק אין פאַלעסטינא, האָט ערקלערט מאַראַטאָריום, און אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט די באַנק ניט אויסצאָהלען אפילו דעם גרעסטען דעפּאָזיטאָר מעהר ווי הונדערט פראַנק אַ וואָך.

די ערקלערונג האָט אָנגעמאַכט אַ מהומה, איבער־הויפּט צווישען די, וואָס האָבען געמוזט באַלד אָבפאָהרען. געווען אַזעלכע וואָס האָבען ערשט מיט אַ טאָג אָדער צוויי צוריק אַריינגעלעגט גרויסע סומען. זיי האָט די נאַכריכט

געטראָפען ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג. אומעטום האָבען זיך געזעהען צוטראָגענע, פערצווייפעלטע געזיכ־טער, און דער טומעל אין דער באַנק איז געשטיגען פון מי־נוט צו מינוט.

אַלע פענסטערלעך זיינען געווען בעלאַגערט און די אָנגעשטעלטע האָבען זיך ארויסגעשלאָגען פון די כחות און זיינען הייזעריג געוואָרען, ענטפערענדיג אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל דיזעלביגע פראַגעס.

---

ס'האָט אויך ניט געפעהלט דער קאָמישער אונטער־שלאַג, אַזוי ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען.

אַן עלטערער איד מיט אַ פיינער באָרד, צולעגט אין צוויי לאַנגע שפּיצען אויף דער ברוסט, קומט אונטער צו גראַזאַווסקי'ן און פערלאַנגט זיין געלד.

שמייכעלט גראַזאַווסקי אַזוי פריינדליך ווי ער קען און זאָגט:

— ס'איז מאַראַטאָריום...

— מאַ—ראַ—טאָ—ריע? — פרעגט דער איד לאַנג־זאַם איבער און גלעט די שעהנע באָרד.

— אודאי!

— נו, מילא, טאָ זייט־זשע מיר געזונד.

אין אַ ווייל ארום, דערזעלבינער איד איז ווידער דאָ, דאָס מאָל שוין שטאַרק ירגזון'דיג.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַן אינטערעס אייער „מאַראַטאָריע"?...

---

איך בענוץ זיך מיט א מאָמענט ווען דער געדראַנג ארום גראזאווסקי'ן ווערט אביסעל שיטערער, איהם צו דריקען די האַנד.

איך זעה, אז ער איז אויסגעמאַטערט און אין גאַנצען צעבראָכען. די אויגען זיינען איהם פייכט...

— איהר זעהט — זאָגט ער צו מיר — אַט אַזוי שטעה איך פון אין דער פריה אָן... נאָך ניט געהאַט א פרייע מי־נוט. זיי ווילען קיינער ניט גלויבען. און דאָך — די בע־טריעבטע אויגען פלעמלען אויף מיט שטאָלץ — זיינען מיר די איינציגע וואָס צאַהלען אפילו א קליינע סומע. די איבעריגע בענק, א חוץ די „באַנק אַטאַמאַן", האָבען אין גאַנצען אויפגעהערט צו צאַהלען...

דערצעהל איך איהם, אז איך האָב אַן אַנווייזונג אויף דער „באַנק אַטאַמאַן".

— וואו איז די אַנווייזונג?

— איך האָב זי ביי זיך. זיי ווילען ארונטערציהען צו־פיעל, האָב איך ניט גענומען.

— נעהמט פיעל זיי גיבען... שפּעטער וועט איהר דאָס אויך ניט קריגען — שושקעט ער מיר שטיל צו.

---

איך האָב זיך אומגעקעהרט אין דער „באַנק אַטאַמאַן" און האָב דעם קאַסיר ווידער דערלאַנגט מיין אַנווייזונג.

ער האָט איבערגעדרעהט די אַנווייזונג מעהרערע מאָל אַזוי ווי ער וואָלט זי בלומרשט וועלען נאָכאַמאָל בעקוקען, אָבער איך האָב גלייך געזעהן, אז דאָס איז בלויז צו פער־דעקען זיין ישוב־הדעת.

— איהר האָט דאָך די אָנווייזונג מיט א פּערטעל שטונדע צוריק געזעהען און געווען גרייט זי אויסצובייטען — און איך דערמאָן איהם דעם קורס, וואָס ער האָט בע־רעכענט.

ער שמייכעלט אין פערלעגענהייט און ערקלערט מיר, אַז ער מוז אָנפרעגען ביי דעם דירעקטאָר.

ווערט ער פערשוואונדען אויף אַ ווייל און קומט צו־ריק מיט דעם ענטפער, אַז דער קורס איז איצט מיט זעקס פראנק וועניגער. אויב איך בין צופריעדען איז רעכט, ווען ניט מעג איך זיך ריכטען, אַז דער קורס וועט נאָך מעהר פאלען...

---

קומענדיג אין תל־אביב האָב איך זיך געטראָפען מיט א יונגען פועלי־ציוניסט פון קאַנאַדאַ, א יונגען געזונדען בחור אין ארבייט־שטיוועל, מיט א פּנים אָפּגעבּאַקען פון דער זון. דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב איהם געזעהן איז געווען מיט א יאָהר פיער צוריק, אין מאָנטרעאָל. דערווי־סען איז געווען א שרעקליכער פראָסט און דער שנעע איז געשטאַנען ווי א מויער פוןביידע זייטען גאַס. צוליעב דער בלאָקאַדע פון פראָסט, בין איך ניט ארויס פון מיין האָטעל. פלעגט ער מעהרערע מאָל א טאָג זיך ארויפכאַפּען צו מיר פרעגען, אויב איך האָב ניט עפּעס צו בעזאָרגען.

ער דערצעהלט מיר, אַז ער איז דאָ שוין א פּאָאר יאָהר און איז שטאַרק צופריעדען מיט ארץ ישראל. זיין פּנים שטראַהלט פון גליק און זאָגט קלאָר עדות, אַז איהם בענקט זיך לחלוטין ניט נאָך דעם סיר הבשר פון אמערי־

קאַ, וואו איהם איז גאַנץ גוט געגאַנגען. איצטער ארבייט ער צוזאַמען מיט אַ „קבוצה" (קאָאָפּעראַטיווע גרופּע) אין דער קאָלאָניע פּתח תקוה.

— אפשר וועט איהר זיך טאַקע דורכפאָהרען אין אונזער מקום און זיין דער גאַסט פון אונזער „קבוצה"? אַלע וואוילע בחורים. מיר וואוינען אין אַ ביאַרע, און אַ דירה האָבען מיר, איז דער האָטעל וואו איהר זייט איינגעשטאַנען אין מאָנטרעאָל, אַ הונד קעגען דעם. גיבען מיר זי אייך אָפּ אינגאַנצען, און די „קבוצה" וועט שלאָפען אויף'ן גג (דאַך).

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט. מיר האָט זיך שוין פון לאַנג צוריק שטאַרק געגלוסט אָנקוקען די גרעסטע אידישע קאָלאָניע פון ארץ ישראל, וועלכע איך האָב זיך אויסגעמאָלט — איך ווייס אייגענטליך אַליין ניט ווי אַזוי עס איז צו מיר געקומען אַזאַ בעגריף — אַלס די גהעטאָ פון דעם נייעם ישוב. אָבער איך האָב ניט געהאַט דעם טוריסט'ס מאָטיוו זיך צו איילען, האָב איך מיין נסיעה קיין פּתח תקוה, אַזוי ווי פיעל אַנדערע נסיעות דורך יהודה און גליל, אָפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג ביז עס וועט זיך מאַכען אַ פּאַסיגע געלעגענהייט. די איצטיגע געלעגענהייט איז געווען ווי געוואונשען.

האָב איך אָפּגערעדט מיט דעם קאַנאַדאַ'ער בחור, ער זאָל תיכף געהן און בעשטעלען פאַר אונז פּלעצער אויף'ן דיליזשאַנס, און מיר זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען ארום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג אין דעם „חאַן".

ארום צוויי א זייגער זיינען מיר צוזאמען מיט נאך א צעהנדליג פאסאזשירען געווען אויף דעם דיליזשאנס, וואס פאהרט פון תל־אביב קיין יפו.

ווען מיר זיינען געווען האלב־וועגס צווישען תל־אביב און דער שטאדט, איז אונז אנטקעגען געקומען א צווייטער דיליזשאנס אין פולען גאלאפ. דער בעל־עגלה האט אונ־דערבארעמלעך געבייטשט די פערד און ער אזוי ווי די פא־סאזשירען, אלע בלייכע און צושראקענע, האבען צוגעשרי־ען צו אונז מיר זאלען פערדרעהען צוריק און זיך אומקעה־רען וואס שנעלער קיין תל־אביב, אויב דאס לעבען איז אונז ליעב.

אויף אונזער פראגע: וואס איז דער מעהר? הא־בען זיי בלויז צוגעווארפען די ווערטער:

— א בעפאל... מע שלאגט... מע שיסט...

און ניט זאגענדיג וואו און ווער מע שלאגט, איז דער דיליזשאנס האסטיג אוועקגעפלויגען.

אונזער בעל־עגלה האט גיך גענומען אויסדרעהען די פערד און אייניגע צושראקענע פאסאזשירען זיינען ארונ־טערגעשפרונגען פון וואגען און האבען זיך געלאזט לויפען קיין תל־אביב צו־פוס.

פון ווייטען האבען מיר געזעהן הינטער אונז לויפענ־דיג פון יפו אין אונזער ריכטונג, א מחנה פוסגעהער און צווישען זיי דראזשקעס אנגעפילט מיט פאסאזשירען.

אויף תל־אביב איז דערווייל אנגעפאלען דער שרעק פון א פאגראם. מע האט גענומען צומאכען די טהירען און

די לאַדענס און די יונגע לייט זיינען געלאָפען כאַפּען זייע־
רע רעוואָלווערען...

---

די מהומה און די טויט־שרעק האָבען געדויערט ארום
א האַלבע שעה, וואָס האָט זיך אויסגעדראַכט ווי אַן אייביג־
קייט. ביז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּאַניקע איז
אַרויסגעקומען צוליעב דער פאָלגענדער פּאַסירונג:

איינער פון די אַראַבישע רעזערוויסטען האָט זיך צע־
ווילדעוועט און האָט געשריען „טויט צו די אונגלויביגע".
אַן אָפיציער האָט איהם בעפוילען צו זיין שטיל, האָט דער
צעיושעטער אַראַבער אַרויסגעצויגען זיין מעסער און האָט
זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן אָפיציער. האָט דער אָפיציער
אויסגעשאָסען אויף איהם פון זיין רעוואָלווער און האָט
איהם געטויט אויף'ן אָרט. דער שאָס האָט אַנגעוואָרפען אַ
פּחד אויף דעם טויזענד־קעפּיגען המון, וואָס האָט אָנגע־
פילט דעם פּלאַץ ארום דער סאראיע. איז געוואָרען אַ גע־
לאָף און אַ בהלה, און די אידישע קרעמער האָבען פון שרעק
פערמאַכט די געשעפטען, ניט־אַכטענדיג דערויף וואָס פיעל
פון די אָנגעזעהענע אַראַבישע בעלי־בתים האָבען זיי גע־
בעטען זיי זאָלען עס ניט טהאָן, כדי ניט צו מאַכען די פּאַ־
ניקע נאָך גרעסער...

אויף מאָרגען איז אין יפו ערקלערט געוואָרען קריעג־
צושטאַנד.

---

אין פּתח תקוה זיינען מיר שוין ניט געפאָהרען, צו
דער גרויסער ענטטוישונג פון אונזער מאַנטרעאַלער פּועל־

ציון. די ערקלערונג פון דעם מאַראַטאָריום און דער אינצי־דענט פון דעם געשאָסענעם רעזערוויסט, און מעהר פון אַלץ די ערקלערונג פון קריעגס־צושטאַנד, האָבען געשאַ־פען אַן אַטמאָספּערע פון אומרוהיגקייט און אַנגסט. האָ־בען מיר בעשלאָסען אויפצוגעבען אונזער לכתחלה'דיגען פּלאַן און בלייבען מיט אונזער טעכטערל בלויז נאָך אַ פּאָאר טעג אין תל־אביב און דאַן אָבפאָהרען צוריק קיין רחובות.

מיר האָבען צוגעזאָגט דעם קאַנאַדאַ'ער בחור אויף אַן אַנדער צייט. די אַנדער צייט איז צו מיין גרויסען עגמת נפש קיינמאָל מעהר ניט געקומען.

---

ארום צוויי אַ זייגער אין מיטען נאַכט האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שיסעריי נאָהנט פון אונזער האָטעל... מיר זיינען אויפגעשפּרונגען ניט־טויט־ניט־לעבעדיג פון אונזערע געלעגערס, האַסטיג אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ טייל פון די מלבושים און ארוים אויף דער גאַס...

די שיסעריי איז געקומען אַלץ נעהנטער און איז בעג־גלייט געווען פון אויסגעשרייען פון אַ סך מענשען... דער־ביי האָט זיך געהערט אַן אומעטיגע מוזיק פון פּלייטען.

נעבען דער גימנאַזיע האָבען מיר געפונען אַ געזעמעל האַלב־אַנגעטהאָנענע מענער און פרויען, וואָס האָבען זיך צוגעהערט מיט געשפּאַנטער אַנגסט צו דער שיסעריי און דער מוזיק, וואָס האָט זיך פון מינוט צו מינוט דערנעהנ־טערט. די ווילדע אויסגעשרייען זיינען געוואָרען דייטלי־כער...

דער לבנה־אפשיין האט נאך פארגרעסערט די בלאס־קייט פון די צושראקענע געזיכטער...

האט עמיצער ארויסגערעדט א ווארט, האט מען אויף איהם א הוק געגעבען און געהייסען שווייגען...

דאס האט דער רעדיף מארשירט קיין חיפה...

ביי איטליכען פון'ם געזעמעל איז געווען אויף'ן מח דיזעלביגע פראגע:

— ווי אז זיי רייסען זיך אריין אין תל־אביב, וואס איז דאך ביי די אראבער ווי א דארן'אין די אויגען?...

---

דעם פאלגענדען טאג זיינען מיר אפגעפאהרען קיין רחובות. דער געשפרעך א גאנצען וועג האט זיך געדרעהט ארום פאגראמען.

אנטקעגען מיר זיצט דער קאלאניסט וו... א הויכער איד, א גבר, מיט א פייערדיגער בארד. ער שרעקט זיך מעהר פאר אלעמען.

ער דערקענט אויף מיין פנים א רמז פון שפאט און פערשטעהט, אז איך מעסט מיט די אויגען זיינע אייזערנע ארעמס. שאקעלט ער מיט'ן קאפ:

— איהר קלעהרט אז איך בין א פחדן?... טא לאמיר אייך דערצעהלען וואס א פאגראם בעטייט... איך האב דורכגעלעבט דעם קישענעווער. דאס האט מיך אין ארץ ישראל געטריבען.

ער דערצעהלט... און אז ער קומט צו זיין שווער ווע־מען ער האט געפונען אן אפגעגאסענעם מיט בלוט, און איין אויג ארונטערהענגענדיג אויף דער באק, בלייבט דעם

שטאַרקען אידען עפּעס שטעהען אין דער קעהל און די פּייערדיגע וואַנצעס מאַכען משונה׳דיגע גרימאַסען...

---

דערווייל קומען מיר צו די געזעמדען נעבען ראשון לציון. הויכע, לאַנגע הויפענס פון גאָלדענעם זאַמד, פערגלעט פון׳ם לעצטען ווינטעל, און איבער דעם זאַמד א טיעף־בלויער הימעל... קיין גראַז און קיין שפּראָצונג, נאָר זאַמד און הימעל,ביידע ליכטיג אזוי ווי צוויי קלאָרע ניט־געבראָכענע גרונד־טענער פון עפּעס א גרויסער איינפאַכער מוזיק...

# XLIX.

# שרעקען

א שטיין צו שטיין, א ציגעל אויף א ציגעל,
ווי וואונדער־שעהן געשטיגען איז די מויער,
ווי פעלזען־שטארק דער גלויבען פון די בויער! —
האט מיט אמאל אן אומגליקפולער פליגעל
געפלאטערט שווארץ אויף אונזער קלארען הימעל,
און שלאף איז אונזער האנד אראפגעפאלען,
און אויסגעטריקענט אלע גלויבען־קוואלען,
און טיעף אין הארצען האט א וויסט געווימעל
פון בייזע שלאנגען שארף גענומען נאגען:
אין קראך פון פעלקער און אין פאל פון קרוינען,
ווער וועט דעם נעסט פון אונזער חלום שוינען?
און נאך דער נאכט — פאר אונז ווי וועט עס טאגען?...

די שווערע פאלגען פון דער מלחמה אין אייראפא לא־זען זיך פיהלען אין דער קאלאניע אלץ מעהר און מעהר, און די לאנגע ווערט וואס א טאג אלץ געדריקטער און ערנ־סטער. א גאנץ יאהר האט מען געהאפט אויף די מאנד־לען, פאר וועלכע מצרים איז תמיד געוועזען א נאהנטער און בעקוועמער מארק. אלע יאהר ארום דער צייט פלעגען קומען די עגיפטישע קונים און פלעגען די סחורה אויסכא־פען פון די הענד. צוליעב דעם פינאנציעלען קריזיס, וואס

איז איינגעטרעטען אין מצרים מיט דעם אויסברוך פון קריעג, קען מען זיך אויף קיין קונים פון דארט ניט ריכטען.

אזוי ווי אומיסנע צו רייצען זיך מיט די קאלאניסטען, האבען די מאנדלען זיך איינגעגעבען היי־יאהר מעהר ווי אלע מאל. ליעגען זיי איצט אין די גרויסע זעק און ווערען וואס א טאג טריקענער און ליכטיגער און צוגלייך אפגע־צעהרטער אין געוויכט... און די געזיכטער פון די קאלאניס־טען ווערען וואס א טאג געקנייטשטער און פינסטערער.

עס איז געווארען א שרעקליכער דוחק אין געלט, און וואו צו בארגען איז ניטא. פון דער אנגלא־פאלעסטינא באנק וואס איז תמיד געווען די אויסהעלפעריין אין א עת־צרה, קען מען ניט קריגען געבארגט א פרוטה. די קליינע סומע וואס די באנק האט פון אנהויב אויסגעצאהלט יעדע וואך אויף דעפאזיטס, האט זי איצטער אויך אויפגעהערט צו צאהלען אין גאלד. אלע צאהלונגען מאכט זי איצט אין טשעקס. די טשעקס זיינען אויסגעמאכט אויף רונדע סו־מען: צעהן פראנק, צוואנציג פראנק א. א. וו. און אז עס קומט עפעס צו קויפען און מע דארף קריגען רעשט, וויל דער פערקויפער ניט „לעגען די לעבעדיגע אויף די טויטע" — נעהמען פאפיער און געבען צוריק מינץ. פא־לען די טשעקס וואס א טאג אלץ נידעריגער אין קורס.

---

אין רחובות אזוי ווי אין ירושלים, יפו און אלע אנ־דערע אידישע קאלאניעס צירקולירען איצט אלערליי פא־פיערענע קליין־געלט ארויסגעלאזט פון דעם „ועד המושבה", פון דער „אגודת נטעים" אדער גאר פון יחידים. צווישען

דער אידישער בעפעלקערונג זיינען זיי קוראנט און זעלטען ווען אז עמיצער זאלען האבען די חוצפה זיי ניט צו נעה־מען. א צרה איז נאר מיט די אראבער. זיי ווילען פון די ניי־געבאקענע „בומאזשקעס” ניט וויסען, און פערלאנגען מע זאל זיי בעצאהלען פאר די פראדוקטען וואס זיי ברענ־גען אין דער קאלאניע, מיט קלינגענדיגע מטבעות.

זיינען די ווייבער פון דער קאלאניע צוזאמענגעקומען און האבען געזאגט, אויב שוין יא אוועקגעבען די אראבער דעם לעצטען „מעטעליק”, זאל מען כאטש זעהן אז זיי זא־לען די פראדוקטען ניט פערטייערען, אזוי ווי זיי טהוען די לעצטע צייט.

איז בעשלאסען געווארען אז קיין אראבער טאר ניט להבא ארומגעהן פון הויף צו הויף פערקויפען זיינע פרא־דוקטען. אלע מוזען קומען אויפ'ן מארק וואו די שומרים וועלען אויפפאסען אז די מקחים זאלען ניט זיין העכער ווי א בעשטימטע טאקסע.

דער באיקאט האט זיך געענדיגט מיט א מיאוס'ען דורכפאל. די אראבער זיך דערוויסענדיג פון דער נייער גזרה, האבען אין גאנצען אויפגעהערט צו קומען אין דער קאלאניע. מע האט קוים מיט צרות גע'פועל'ט זיי זאלען זיך לאזען איבערבעטען אויף די אלטע פרייזען...

ערשט איצט ווייזט זיך ארויס ווי ווייט די קאלאניע, וואס פערזארגט גלאסגא און אדעם מיט אראנזשען, איז אליין אפהענגיג פון די ארומיגע אראבישע דערפער אין די נויטווענדיגסטע לעבענסמיטלען ווי ירקות, אייער, א. א. וו.

צו אונז פלעגט קומען אלע פאאר טעג דער בלינדער איבראהים מיט זיין קליינער אייניקעל, פערקויפען אייער. מיר זיינען געווען ביי איהם אנגעלעגטע קונדען און גרויסע בטוחים. אפט פלעגט אוועקגעהן א וואך אדער צוויי איידער ער פלעגט קומען זיין חוב איינמאהנען:

איצטער אז ער האט טאפענדיג אויסגעצעהלט די אייער און מען זאגט איהם „מא פיש איל־יאם מאסארי״ (ניטא היינט קיין געלט), שארט ער זיי תיכף צונויף אין זיין קויש אריין און נעהמט די אייניקעל און שפרייזט אוועק אהן א „זייט געזונד״.

מוז מען די ביסעל מזומן וואס מע קריגט אריין, האלטען אנגעגרייט פאר די אראבער.

---

די פערבינדונג מיט דער דערויסען־וועלט איז אין גאנצען אפגעריסען. בלויז די פאסט קומט נאך אריין. און דאס אויך נאר זעלטען. דאס ביסעל נייעס פון דער מלחמה וואס דערגרייכט צו אונז, האבען מיר צו פערדאנקען דער טעגליכער „החרות״ וואס ווערט מיט א טאג פריהער גע־דרוקט אין ירושלים, און וואס מע זאגט אויף איהר אז איהרע „טעלעגראמעס״ דרוקט זי איבער פון „הצפירה״. די רעדאקציע אליין האט זיך נאך ניט ארויפגעארבייט אויף א מדרגה, צו קענען אויסשרייבען די ווארשאווער צייטונג, הענגט זי אפ אויף דעם חסד פון א בעקאנטען וואס איז אן אבאנענט.

אזוי שנעל ווי דער „החרות״ קומט אן, צורייסט מען

איהם פון די הענד, און ביי דעם איצטיגען הונגער נאך נייעס, קלעקט עס בלויז אויף איין צאהן.

קיין סחורה פון אויסלאנד קומט ניט אן.

ווייסע מעהל, צוקער, פעטראלעאום, און א הונדערט אנדערע לעבענסבעדערפעניסען הויבען אן אויסצופעהלען און דער פרייז האלט אין איין שפרינגען ארויפצו.

יעדער איינער זוכט זיך צו פערזארגען מיט פראוויאנט. מע קויפט איין פיעל מע קען און מע בעהאלט עס אויף שפעטער. איינער זוכט דעם אנדערען צו פערכאפען.

די מורא פאר א הונגער שרעקט אלעמען...

---

אזוי שנעל ווי די נאכט פאלט צו, ווערט די קאלאניע פערטרונקען אין שטאק־פינסטערניש. זעלטען ווער עס קען זיך פערגינען דעם טייערען לוקסוס פון ברענען א לאמפ.

שטעהט מען אין רעדלעך אין דער פינסטער און מע שמועסט אבער וועגען מלחמה און ווידער וועגען מלחמה...

די אמת'ע גויטהליידענדע זיינען די וואס לעבען פון האנד צום מויל. פועלים געהען ארום אהן ארבייט אין דער קאלאניע, ניט קוקענדיג דערויף וואס אין די פרדסים פאדערט זיך איצט דוקא א סך ארבייט. ניטא קיין געלט צו בעצאהלען, דינגט מען ניט קיין פועלים.

אויף די געזיכטער פון איניגע יונגע לייט זעהען זיך אן די סמנים פון הונגער...

צו אונזער שכן קומט א מיידעל פון א יאהר אכצעהן, אן אינטעליגענטע מיידעל, קענטיג, פון בעל־הבת'ישען שטאנד, און בעט מען זאל איהר געבען עפעס צו טהאן.

איהר קימערט ניט וואס פאר אן ארבייט. איהר פנים איז געל און זי האלט ביים חלש'ן. שטעלט זיך ארויס, אז די מיידעל האט שוין מעהרערע טעג ניט געגעסען.

---

א סך קאלאניסטען וואס זיינען אטאמאנישע אונ־טערטהאנען זיינען גערופען געווארען צום מיליטערדיענסט, צווישען זיי אויך דער זאאלאג אהרני. די גערופענע איז געשטעלט געווארען די ברירה, ענטוועדער צו געהן דיענען אדער זיך אויסלייזען מיט פופציג טערקישע נאפאלעאנס.

ניט צווישען דער אידישער בעפעלקערונג און ניט אפילו צווישען די קריסטליכע אראבער איז פאראן א חשק זיך אנצושליסען אן דער ארמעע פון דעם סולטאן, וואו דער סאלדאט מוז לעבען אונטער אזעלכע שלעכטע און עקעלהאפטע בעדינגונגען, אז אפילו דער האלב־טהירישער שמוציגער מוסלימישער פעלאך זוכט זיך פון זיי ארויסצומאכען. דער לעצטערער וועט זיך אפט אליין א מום מאכען אבי זיך ארויסצודרעהען פון טערקישער זעלנעריי.

איבעריגענס האט מען געקענט זעהן בחוש, אז די רעגירונג אליין איז ניט אזוי אויסען דאס דיענען ווי די פופציג נאפאלעאן אויסלייז־געלט. אזוי ווי תמיד איז איצט אויך אין דער אטאמאנישער אימפעריע אין פולער קראפט, דער אלטער גוטער „קאר נאפא־לעאן".

פיעל פון די וואס האבען זיך געמעלדעט און ערקלערט גרייט צו געהן דיענען, האט מען כלומרשט צוגענומען און

אפגעשיקט קיין גזה, פון דארט אבער האט מען זיי צוריק־געשיקט אהיים...

---

פופציג נאפאלעאנס איז א שלל מיט געלט אין פא־לעסטינא אפילו אין די בעסטע צייטען. איצט איז עס א ריעזיגע סומע. דערצו נאך פערלאנגט די רעגיערונג די סומע ניט אנדערש ווי אין גאלד: דער טערמין איז א קור־צער, אקערט מען מיט'ן נאז די ערד און פריינד און בע־קאנטע שארען דאס לעצטע צוזאמען, און מע שאפט דאס אויסלייז־געלט.

די תימנים זיינען איצט די נגידים: איינער א קאַ־לאניסט האט געבארגט פון זיין תימנ'ישער דיענסטמיידעל פערציג נאפאלעאן:

---

אחוץ סאלדאטען פאדערט די רעגיערונג פון די קאַ־לאניעס אלע ווילע תבואה, שאף, א. א. וו. האט ניט די קאלאניע די פערלאנגטע תבואה אדער שאף, מוז זי בע־צאהלען זייער ווערטה אין גאלד. מוז מען ווידער זוכען פון אונטער דער ערד נאפאלעאנס און צושטעלען אין דעם בעשטימטען טאג.

אויסער געלט פאדערט די רעגיערונג וועגען און פערד פאר „סוחרא" (צוואנג־ארבייט). אין מיטען נאכט ווערט א טרעוואגע און טערקישע חאיאלען קומען און עפענען אויף די שטאלען און פיהרען אוועק די בעסטע פערד קיין יפו... געהען אוועק טעג און טעג און ווען מע הייסט ווי־דער קומען אפנעהמען די פערד, געפינט מען זיי אויסגע־

מוטשעטע און אויסגעהונגערטע און מע קען זיי צו קיין ארבייט ניט געברויכען. און אזוי שנעל ווי מע האט זיי אפגעפיטערט און אפגעבאוועט, קומען פון דאס נייע די חאיאלען און נעהמען זיי ווידער צו.

דורך דעם מאנגעל פון פערד און וועגען איז די וואנ־דאזש־ארבייט פערקריפעלט געווארען. „רב" יוסף האט מורא זיך ארויסצוריהרען מיט זיין דיליזשאנס פון רחובות, מע זאל איהם דעם געשפאן ניט אפנעהמען, און אז ער ריי־זיקירט שוין יא א נסיעה, טהוט ער עס אויף סקעלעטען וואס האבען בלויז געגוג הויט די ריפען צוזאמענצוהאלטען. און נאך אלעמען האלט ער די גאנצע וועג אין איין צי־טערען...

---

אסך אראבישע רעקרוטען זיינען צוגענומען געווארען: איינינע דערפער זיינען אין גאנצען אויסגעלעדיגט געווא־רען פון יונגע לייט און געבליבען זיינען בלויז אלטע לייט און ווייבער.

אויף דעם סמך פון דער גרויסער צאהל רעקרוטען וואס זיי האבען צוגעשטעלט אדער צוליעב פאליטישע ווינדטען וואס האבען פון ערגעץ וואו אנגעהויבען בלאזען, האבען זיך די אראבער אנגעהויבען פיהלען תקיף.

העצבלעטער זיינען פערשפרייט געווארען צווישען די אראבער אין די דערפער. די האלטונג פון די אראבער צו אידען ווערט אלץ פרעכער און בייזער און עס הויבען זיך אן הערען אזעלכע אויסדרוקען ווי „באלד וועט קומען די צייט זיך מיט די יאהוד אפצורעכענען".

די אַלטע מאַדאַם אייזענבערג, וואָס האָט צוזאַמען מיט איהר מאַן דורכגעמאַכט די סאַמע ערשטע פּיאָנער־טעג אין ראשון לציון און פלעגט אין די גוטע אַלטע יאָהרען זיך שטעלען שלאָגען איינע אַליין מיט אַן אַראַבער — דער־צעהלט, אַז אַן אַראַבער האָט איהר געזאָגט:

— וואַרט, וואַרט! עס וועט קומען „קורבאַן באַי־ראַם", וועלען מיר אייך אַלעמען ווי די שעפּסען אויס־שעכטען.

איבריגענס האָבען די דערבייאיגע אַראַבער וואָס קו־מען אין דער קאָלאָניע, מיט דער נאַטירליכער קנאה פון הונגעריגער פּוילקייט, צו פּליים און מזל־ברכה, שוין לאַנג צוריק געמאַכט אַ חלוקה פון רחובות... איטליכער האָט שוין אָנגעצייכענט ביי זיך אין געדאַנקען דאָס הויז פון דעם „חאוואדזשאה" וואָס ער וועט פאַר זיך צונעהמען...

---

עס הענגט אין דער לופט אַן אַנגסט... מע שרעקט זיך פאַר אַלצדינג. אַ טאַבור סאָלדאַטען איז פאַרבייגעגאַנ־גען די קאָלאָניע, האָט די קאָלאָניע דורכגעלעבט שטונדען פון ציטערניש...

אַ סברה אַז די רעגיערונג וויל אין דער קאָלאָניע אריינזעצען טערקישע חאַיאַלען, שטאָט די אידישע שומרים.

---

אונזער שכן, דער הינקעדיגער שמיעד, איז געקומען בעטען ביי אונז אַ הלואה.

א פיסטאָלעט האָט ער אַ גוטען, וויל ער איינקויפען א זאַפּאַס פון פּאַטראָנעס און זיין גרייט...

דערמאָן איך זיך אַז מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָב איך אין מיין צימער פּלוצים געהערט אַ שיסעריי. אַז איך בין אַרויסגעלאָפען אין הויף האָב איך געזעהן ווי דער־דאָזיגער שכן מיינער שיסט אַ קאַץ. זי האָט זיך איינגע־נאָדיעט אין זיין קאַטוך און עסט איהם די קליינע היהנ־דלעך אויף, האָט ער זי פ ע ר א ו ר ט י י ל ט צום טויט דורך שיסען. די פעראורטיילונג איז אָבער געווען פיעל גרינגער ווי די אויספיהרונג פון דער טויט־שטראַף. ווארום אַז איך בין אַרויס מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אַ צווייטען מאָל אויפ'ן הויף האָב איך איהם געטראָפען נאָך אַלץ שיסענדיג דיזעלביגע קאַטץ. ניט געווען קיין צו גרוי־סער רגיל אין הלכות שיסען...

פערגעהט אָבער די לוסט צו לאַכען ווען איך געפין אויס אַז זיין צוברעכענעם פּוס האָט ער צו פערדאַנקען אַ פּאָגראָם אין רוסלאַנד...

---

מיינע בעקאַנטע און שכנים ראַטהען מיר איך זאָל אַפּפאָהרען.

— מילא מיר מוזען דאָ זיין, אָבער איהר, ווארום זאָלט איהר זיך פּלאָגען אומזיסט?...

פיהל איך זייער עצה אַזוי ווי אַ ביטערען פאַרוואורף, הייסט עס, אַז איך בין נאָך אַלץ קיין תושב ניט אין ארץ ישראל...

---

דער אַלטער פּיאָנער ח., איינער פון די אַמאָליגע ביל"ו'צעס, איצט אַ גראָער קאָלאָניסט, איז געקומען אור־מיסנע צוליעב מיר פון גדרה. אַ בשותפות'דיגער פריינד אונזערער פון אַמעריקא האָט איהם געשריבען ער זאָל למען השם מיך זעהן און פרעגען אויב איך דאַרף ניט קיין געלט. איז ער עס געקומען אויספיהרען די שליחות.

— און פון וואַנען האָט איהר געלט איצט ?

— כ'וועל פאַר אייך באָרגען — זאָגט דער גוטער אַלטער און די ארץ־ישראל'דיגע זון שיינט אַרויס פון זיינע יונגע שווארצע אויגען.

בעדאַנק איך איהם פאַר די גוטע כונה, און זאָג איהם, אַז מע וועט זיך שוין בעגעהן, ווי עס איז, ביז אונז וועט אָנקומען.

פערדריסט איהם פאַרוואָס איך זאָג איהם אָפּ.

מיר טרינקען טהעע און דער אַלטער, פריש און לעבעדיג ווי אין זיינע יונגע ביל"ו יאָהרען, דערצעהלט מיר פון אַמאָל און פון איצט. זיין פּנים געהט שנעל איבער פון מרה־שחורה אין פרעהליכקייט... דער שטאַרקער גלויבען ראַנגעלט זיך מיט פערבאָרגענע יסורים. און אַז מיר זעגענען זיך, לאָזט ער אַראָפּ די שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שעהמען דאָס אַרויסצורייידען :

— מיר האָבען געוואָלט אַ היים פאַר אונזערע קינדער בויען און האָבען צומאָל אַ היים פאַר זיך אַליין נאָך ניט געמאַכט...

L.

# אַ דעלעגאַציע

טערקיי האָט שוין איהרע רווחים פון קריעג.

קודם כל האָט אַן איראַדע פון סטאַמבול אָפּגעשאַפט די פרעמדע פּאָסטען. ניטאָ מעהר קיין רוסישע, קיין פראַנצויזישע און קיין עסטרייכישע פּאָסט. פאַראַן בלויז ווי ביי אַלע אומות העולם די פּאָסט פון לאַנד — די אָטאָמאַנישע. בדיעבד געפעלט עס מיר צוליעב די שעה־נע טערקישע מאַרקעס. מיר געפעלט אויך דער שעהנער געזעץ, אַז שיקען אַ בריעף אין „ירושלים" אָדער „מעקקאַ" קאָסט בלויז אַ העלפט געלט. אפילו אַזאַ טרוקענע פּראַקטישע זאַך ווי די פּאָסט פערלירט ניט דעם יראת הכבוד פאַר די הייליגע שטעדט.

די מאַרקעס ווערען געמאַכט, אַזוי ווי דאָס רוב אָריענטאַלישע זאַכען, אין לאָנדאָן. און די ערשטע צייט האָט אויסגעפעהלט. די אָבשאַפונג פון די פרעמדע פּאָס־טען איז געקומען אַזוי שנעל און דער פערלאַנג נאָך די טערקישע מאַרקעס איז געוואָרען פּלוצים אַזוי גרויס, אַז עס איז ניט געוועזען צייט אָנצוגרייטען גענוג.

מיר פערזענליך קאָסט דער נייער פאַראַנדעק אַ

שעהנע מטבע. ומעשה שהיה כך היה. עמיצער פון ניו־יארק האט געפרובט אונז צושיקען ג א ל ד דורך רעגיסטרירטע בריעף. האט ער געקויפט צוואנציג־פראנק שטיקער און האט זיי געשיקט אין בעזונדערע בריעף, צו נאפאלעאן אין א בריעף. געקריגען האבען מיר בלויז פינף. די איבעריגע זיינען — ווי עס הייסט אין מלחמה־בעריכטען — „צווישען די פעהלענדע".

נאך אלעמען זיינען מיר אפשר חושד בכשרים. אויף דעם לאנגען קרומען וועג, וואס א בריעף האט איצט געהאט דורכצואוואנדערען איידער ער איז אנגעקומען אין פאלעסטינא, זיינען געווען א סך ווינקעלעך, וואו א געלט־זענדונג האט געקענט נעלם ווערען.

---

ביי דער פאסט האט זיך די רעגיערונג ניט אבגעשטעלט. איצט, ווען אלע אייראפעאישע לענדער האבען זיך גע'חנ'דעלט צו דעם „העכסטען טויער", איז געווען די שעת הכושר אפצוטרייסלען פון זיך די שאנד פון דורות — די קאפיטולאציאן.

די אטאמאנישע ממשלה האט זיך ערקלערט פאר מינדיג און פאר די בעל־הבית'טע אין איהר אייגענעם לאנד. קיין קאנסול זאל מעהר ניט בילדען א רעגיערונג אין א רעגיערונג. דער פרעמדער זאל פון היינט אן זיך אנטרויען אויף טערקישער גערעכטיגקייט.

איז די נאכריכט אויפגענומען געווארען מיט גרויס שמחה פון די אראבער אין יפו. איז מען געגאנגען דורך די גאסען און מע האט געזונגען דאס ליעדעל:

על חאמאיעה תאחת עס־סורמאיעה.
(די קאפיטולאציאן איז אונטער'ן פאנטאפעל).

מיר לעבען אויף דעם ראנד פון א קראטער, וואס מען קען זיך אלע טאג ריכטען, אז אט־אט וועט ער אנהויבען שפייען מיט פייער און צערשטערונג. אבער גיך פאסט זיך דאס לעבען צו אפילו אויף דעם ראנד פון א קראטער. ווי שווער עס איז געווען דער עקאנאמישער מצב אין דער קאלאניע, און ווי אונזיכער און פול מיט שרעק — די פאליטישע לאגע, האט מען זיך דאך ביס־לעכווייז גענומען צו זיי צוגעוועהנען.

מיט כאראקטעריסטישער ענערגיע האט זיך דער „ועד המושבה" גענומען פערגרינגערען ווי ווייט מעגליך דעם געלט־מאנגעל און די נויט צווישען די איינוואוינער, און זעהן אז די ארבייט אין די אראנדזש־גערטנער זאל ניט מוזען אפגעשטעלט ווערען.

האט מען געעפענט א קהל'שען מאגאזין פון שפייז און אנדערע נויטווענדיגע ארטיקלען. יעדער תושב האט געקריגען א געוויסען קרעדיט און די פועלים, וואס האָבען געקריגען בעצאהלט מיט צעטעלעך, האבען געקענט די צעטעלעך אומבייטען אויף סחורה.

ביינאכט הערען זיך ווידער לוסטיגע געזאנגען. די הויפט־זינגערס זיינען א גרופע יונגעלייט, סטודענטען און קינסטלער, וואס זיינען געקומען אויף א טור דורך ארץ ישראל און זיינען צוליעב דער מלחמה געבליבען אהן הוצאות הדרך אויף צוריקצופאהרען:

האט זיי דער „ועד" איבערגעגעבען דעם גן הילדים צום וואוינען, און די יונגע בחורים האבען איינגעאָרדענט אַ קאָמוניסטישע בעלי־בתישקייט. די ווייבלעך און בעזונדערס די מיידלעך פון דער קאָלאָניע האבען צוזאַמענגעבראַכט די נויטיגע כלים און געלערענט די קאָמונאַרען הלכותווירטהשאַפט, איבערהויפּט קאָכען אַלערליי מאכלים.

אין דער גרופּע איז פאַראַן אַ דיכטער, אַ שאַרזשיסט, אַן אימפּרעסיאָניסטישער מאָלער, אַ רעפּאָרטער פון אַ אידישער צייטונג און אַ סטודענט פון פילאָלאָגיע.

די אַרבייטס־פּערטיילונג ביי זיי איז אויסגעצייכענט. דער אימפּרעסיאָניסט איז ממונה אויף וואַשען די פּאָדלאָגע, דעם פּאָעט'ס „מיסיע" איז שיילען בולבעס, דער צייכענער פון קאָמישע בילדער און דער אידישער רעפּאָרטער בעזאָרגען די שמוציגע וועש; דער יונגער לינגוויסט געהט יעדען טאָג מיט אַ קאָרב איינקויפען; די וואָס זיינען ניט בעשעפטיגט אויפ'ן קאָמיסאַריאַט, גייהען איין קנעפּלעך אָדער טהוען עהנליכע נויטיגע אַרבייטען.

די קאָמונע האט איהר אַרבייט געטהאַן אַזוי געשיקט, אַז איהר איז נאָך געבליבען צייט גענוג אַרויסצוגעבען אַן אילוסטרירטע צייטונג פאַר „קונסט, ליטעראַטור און הומאָר", אין צוויי שפּראַכען, העברעאיש און אידיש.

אין אָבענד פלעגען די יונגע „בעל־הבית'טעס" זיך אוועקלאָזען שפּאַצירען מיט די טעכטער פון רחובות איבער דער קאָלאָניע און זייערע געזאַנגען און לידער

פלעגען פערטרייבען דעם אומעט און דער עולם, בעזונ־דערס די יונגוואַרג, פלעגט פערגעסען אַן אַלע צרות.

---

דערוויילן האָט זיך דער מאָרד־פּראָצעס צווישען די רחובות'ער אידען און די אַראַבער פון דעם דאָרף „זאַר־נוקא" געענדיגט.ביידע צדדים זיינען פרייגעשפּראָכען. דער יונגער וו... וואָס איז אַ רונד יאָהר געזעסען אין תפיסה, איז צוריקגעקומען אין דער קאָלאָניע צו דער גרויסער פרייד פון אַלעמען און בעזונדערס פון זיין פאָטער, האַלב־קאָלאָניסט האַלב־קצב.

די יעניגע קאָלאָניסטען, וואָס האָבען זיך טאָג־טעג־ליך געשראָקען, אַז אַט־אַט וועלען זיי אַרעסטירט ווערען, האָבען צום ערשטען מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט זיך ווידער געקענט בעווייזען פראַנק און פריי.

האָט מען זיך דערמאָנט אַן דעם גרויסען דאַנק, וואָס מען איז שולדיג דעם אַלטען שעיך אַבו־חאַליב.

אַבו־חאַליב וואוינט ווייט פון רחובות, אַזש אין חברון. אָבער זיין נאָמען גרייכט אין אַלע עקען פון יהודה. אומעטום קען מען אַבו־חאַליב דעם רודף שלום. עס איז אַ טראַדיציע אין זיין משפחה. פון פאָטער צו זוהן געהט עס איבער. ברעכט אויס אַ קריעג צווישען איין דאָרף און אַ צווייטען אָדער צווישען צוויי שכנישע שבטים, קומט דער אַלטער אַבו־חאַליב און רעדט צוערשט צו איין צד, דערנאָך צו דעם אַנדערען. ער גלעט די לאַנגע ווייסע באָרד, און רעדען רעדט ער לאַנגזאַם, מיושב'דיג. ער דערצעהלט וואָס דער נעבי, אַללאַה'ס לייטזעליגקייט

און פרידען אויף איהם, זאָגט אין דעם „געהויבענעם בוך“. ער מוסר'ט און טענה'ט און זיינע רייד פאַלען ווי א באַלזאַם אויף די הערצער און ווי אַ קיהלונג אויף די צו־פלאַמטע געמיטהער. הערט מען זיך צו צו דעם אַלטען אבו־חאַליב ווי צו דעם נעבי אַליין און וואָס ער זאָגט איז קודש.

רייך איז אַבו־חאַליב און אַללאַה האָט איהם בעשאָנ־קען מיט פעלדער און גערטנער און מיט סטאַדעס שאָף און אַ סך קעמלען, און פאַר זיין שלום־מאַכען פערלאַנגט ער פון קיינעם קיין בעלויהנונג ניט.

האָט אַבו־חאַליב אַ יונגען זוהן, געהט ער שוין בעצייטענס אין די דרכים פון זיין פאָטער און זוכט שלום צו מאַכען וואו ער קען.

---

אַז עס האָט פּאַסירט דער צוזאַמענשטויס צווישען די אידישע שומרים מיט די אַראבער פון זארנוקא און די קאָלאָניע איז געווען אין הוילע שרעקען פאַר די גואלי הדם, האָט מען געשיקט שלוחים צו דעם שעיך אַבו־חאַליב איהם בעטען ער זאָל זיך אַריינלעגען אין אַ שלום און אויסמיידען אומזיסטע בלוט־פערגיסונג. האָט דער שעיך ערפילט די בקשה און ער איז פון חברון געקומען צו־פאָהרען און האָט אַזוי לאַנג זיך גע'שתדל'ט און געמיהט ביז די זארנוקער האָבען איינגעזעהן, אַז עס לויהנט זיך בעסער פאַר זיי צו לעבען מיט זייערע שכנים אין שלום. האָט מען אַ שעפּס געקוילעט און מען האָט אויף אַ לעדי־גען פּלאַץ אין מיטען פון דער קאָלאָניע אַ סעודה געמאַכט

אוןביידע צדדים האבען גענעסען צוזאמען און זיך גע־
שווארען פריינדשאפט.

איז אבער נאך געבליבען אויפ'ן קאפ דער פערשאל־
טענער פראצעס, פון וועלכען אי די רחובות'ער אי די
זארנוק'ער האבען געזוכט מיט אלע כחות זיך ארויסצור
דרעהען.

איצט, אז דער פראצעס האט גענומען א סוף, האט
דער ועד בעשלאסען דעם אלטען שעיך ארויסצואווייזען
זייער דאנקבארקייט און איהם איבערגעגעבען א מתנה
מיט א פאסיגער רעדע דערצו.

---

פאר דעם דאזיגען צוועק האט דער ועד אויסגע־
קליבען צוויי שלוחים — „חאוואדזשא מוסא" און דעם
אלטען יאדושליווער ג..., איינעם פון די ענערגישסטע
עסקנים אין דער קאלאניע, ניט קוקענדיג דערויף וואס
ער איז א חולה מסוכן.

אין דעם פערלויף פון דעם פראצעס פלעגט ג... אלע
פאר וואכען פאהרען קיין ירושלים זעהן װ ו ע מ ע ן
און טהאן װ ו א ס מע בעדארף. מיטפאהרען מיט
איהם פלעגט על פי רוב ש..., א לאנגער דארער איד מיט
רויטע האר, אויך א געפעהרליכער קראנקער.

אין דער קאלאניע דערצעהלט מען ווי די דאזיגע
מסוכנ'ע כלל־טהוער פלעגען איינער דעם צווייטען אויפ־
פאסען אין דעם האטעל אין ירושלים, וואו זיי פלעגען
איינשטעהן.

ביינאכט אז ג... האט זיך פאנאנדערגעהוסט אויפ'ן

גרויסען אופן און האָט געפּאַכט מיט דער נשמה, פלעגט ש... אויפשפּרינגען ווי אַ העלד פון זיין געלעגער און ווי אַ געטרייע ווארטס־פרוי אָפּכאַוועןו זיין שותף און איהם ברענגען צו זיך... אָבער אַזוי שנעל ווי עס איז ג...'ן אָפּ־געגאַנגען דאָס שטיקענים און ער האָט גענומען אָפּציהען דעם אָטהעם, פלעגט ש... געבען אַ פאַל אויפ'ן בעט און טהאָן אַ געשריי:

— רב ג... איך בין פערביי...

האָט ג... איהם גענומען מינטערען.

אזוי ווי די געזינדערע מיטגליעדער פון דעם ועד זיינען געוועזן צווישען די אַנגעקלאָגטע, איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען ווי צו שיקען די דאָזיגע גוסס'ע רעפּרעזענטאַנטען.

---

ג... איז אַ איד אין די עלטערע יאָהרען, פון רבני־שען אויסזעהן, מיט אַ ברייטער געלער באָרד, וועלכע ער האַלט אין גלעטען און ציהען פאַר די שפּיצען. ער איז אַ גרויסער למדן און האָט אַ חריפ'ישען קאָפּ אויף זיך.

חאַוואַדזשאַ מוסאַה דערצעהלט מיר, אַז עס איז אַמאָל געקומען פון דער רעגיערונג אַ בעפעהל, די קאָלאָ־ניע זאָל צושטעלען אַ סטאַטיסטישע ליסט פון די תושבים. האָט מען צונויפגערופען אַן אסיפה וועגען דעם ענין און ג... האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט אַ גמרא נגון געפרעגט:

— ווי זאָל מען זיך נוהג זיין? זאָל מען פערשריי־בען מ ע ה ר ווי די ריכטיגע צאָהל, אדער ווינציגער?

די ריכטיגע צאהל האט זיך בשום אופן ניט געקענט לעגען דעם חריף אויפ'ן שכל...

---

זיין מח רוהט ניט א מינוט און ער איז שטענדיג פול מיט פלענער. ניט לאנג צוריק האט ער זיך ארומגע־טראגען מיט דעם גראנדיאזען פלאן צו בויען אין רחובות א גימנאזיע, וואס זאל אריבערשטייגען די הרצליה פון תל־אביב. ער האט שוין געהאט אלע חשבונות פארטיג אויסגערעכענט. די גרויסע געלטען וואס די גרינדונג פון אזא אנשטאלט דארף קאסטען און בכלל די פראגע צו וואס דארף מען נאך א גימנאזיע — האבען איהם ניט אין מינדסטען אפהענדיג געמאכט.

וואס איהם האט ארויפגעבראכט אויף דעם געדאנק, איז געווען דאס שטיקעל לאנד וואס די מושבה האט ניט ווייט פון דעם קהל'שען מרחץ. ער האט ניט געקענט זעהן ווי דער פלאץ פוסטעוועט אהן א שום נוץ פאר דער קאלאניע. איז ער געפאלען אויף דער קלוגער המצאה אויפצושטעלען אויפ'ן פלאץ א גימנאזיע.

---

א חוץ איבערגעבען די מתנה דעם שעיך אין חברון האבען די משולחים געהאט א צווייטע מיסיאן: איינ־קויפען אין ירושלים צוקער און אנדערע שפייז־ארטיקלען פאר דער קהל'שער קראם, וואס מען האט צוליעב דער מלחמה געעפענט.

---

מיר האט זיך שטארק געוואלט זיין אין חברון, די

שטאָדט וואָס איז פערבונדען מיט די עלטסטע און זיס־
סטע קינדער־עראינערונגען פון דעם אידישען פאָלק און
די פריהסטע און טייערסטע עראינערונגען פון מיין איי־
גענער קינדהייט. ווען דער הינקענדיגער ישראל דער
מלמד האָט מיט מיר געלערענט די מעשה פון אברהם'ן
און פון שרה'ן און פון דער מערת המכפלה...

האָב איך זיך בענוצט מיט דער גוטער געלעגענהייט
און בין מיטגעפאָהרען מיט די משולחים פון דעם וועד.

---

ביז דער סטאַנציע ראַמלע האָבען אונז בעגלייט
נאָך צוויי רחובות'ער. ס'איז מיטגעפאָהרען דער מזכיר
פון וועד, אַ איד מיט אַ שוואַרצען אַרומגעשאָרענעם
בערדעל, אין ברילען, וואָס זיפצט פאַר וואָס מע קען ניט
צוליעב דער איירָאָפּעאישער מלחמה קריגען קויפען אַ
הערינג אָפּצוכאַפּען דאָס הארץ. אויסער וואָס ער איז
דער מזכיר, האָט ער אין מיינע אויגען נאָך אַן אַנדער
אויסצייכענונג: ער איז דער פאָטער פון דער שעהנ־
סטער מיידעל אין דער קאָלאָניע. איך זעה זי יעדער
מאָל וואָס איך געה אָבנעהמען די פּאָסט. ווען ניט איהרע
בורשטין־ברוינע האָר וואָלט איך זי פערגליכען צו שולמית.

דער צווייטער איז געווען דער איין־אויג'גיגער ראש
השומרים פון רחובות, אַ הויכער איד, מיט רויטע האָר און
אַ הויכען פעץ. אז ער רעדט, נעהמט ער צוזאַמען דעם
גראָבען מיט די צוויי ערשטע פינגער און שטעקט זיי
אוים ווי אַן אמת'ער אַראַבער. דערביי שמוצערט ער מיט
די ליפּען און ווייזט בכלל אַרויס אַ סך פון יענע סימנים

פון אראביזאציע, אויף וועלכע חאוואדזשא מוסאה האט מיר אפט מיט א זיפץ אנגעוויזען.

---

דער וועג צו ראמלע איז דורך טיעפען זאמד (צוליעב דעם הייסט די שטאדט „ראמלע" — זאמד, אויף אראביש), און די מאגערע פערד ארבייטען זיך ארוים פון די כחות ביז זיי פיהרען אונז אריין אין דעם גרויסען אליווען־וואלד, וואס איז נעבען ראמלע.

די בוימער זיינען אלע זקנים. פיעל פון די שטאמען זיינען כמעט אין גאנצען דורכגעפוילט פון אלטקייט, אבער די צווייגען הערען ניט אויף צו זיין פרוכטבאר. אוילבערט־בוימער זיינען מאריך ימים און די ראמלער זיינען אהן ספק הונדערטער יאהרען אלט.

די היגע תושבים דערצעהלען, אז די בוימער שטאמען אזש פון חורבן בית שני...

## LI.

# פון הר־הזיתים

נאכמיטאג זיינען מיר אבגעפאהרען פון ראמלע קיין ירושלים און קענען אבענד זיינען מיר אהין אנגעקומען און זיינען גלייך פערפאהרען אין „האטעל קאמעניץ".

מיר זיינען געווען כמעט די איינציגע געסט. עס איז געווען לאנג נאכ'ן סעזאן פון די טוריסטען און די מלחמה האט פערטריבען די פרעמדע בעזוכער פון ירושלים.

דער גרויסער פאדערצימער און דער עס־צימער. דארט וואו עס ווערט יאהר־יעהרליך „אינסצענירט" פאר צעהן פראנק פער קאפ א „פאטריארכאלישער" סדר, זיי־נען געווען פוסט און דונקעל. דאס בילד פון משה מאנטעפיארע האט זיך מרה־שחורה'דיג איבערגעקוקט מיט דער אלטער קיניגין וויקטאריא. וואס האט זיך גע־לאנגווייליגט אויף דער אנטקעגענדיגער וואנד. א פארט־רעט פון דעם שפאנישען מלך — איין גאט ווייס ווי ער קומט אהער — האט בייז געגלאצט אויף הערצל'ס בילד...

דער מעטר־ד'האטעל, א הויכער ספרד'ישער יונגער־

מאַן מיט דיקע שוואַרצע וואַנסעס און מיט שוואַרצע חוצפּה'דיגע אויגען, איז געזעסען אין אַ ווינקעל מיט פערלעגטע הענד און געבענקט נאָך די טוריסטען...

אַז מיר זיינען אַריין, האָט אונז אַ דיקע מויד מיט בּאַרוויסע פיס אין פּאַנטאָפעל אַנגעוויזען אונזערע צימערען. קיין צו גרויסע התלהבות איז אין דעם קבלת פנים ניט געווען. אידען פון אַ קאָלאָניע... משטיינס געזאָגט, אויף וואָס מע קען זיך פון אַזעלכע ריכטען...

---

נאָכ'ן עסען בין איך און „חאַוואַדזשאַ מוסאַה" אַוועק צו דר. מ...

עס האָט זיך פערשפּונען דער געוועהנליכער וכוח וועגען אידיש, וואָס האָט מיר שוין אַזוי דערעסען, אַז איך האָב בּדעה אויפצושטעלען אויף מיין לאַץ אַ גרויסע קאַרט: רעדט ניט וועגען אידיש, אויב איהר שוינט מיין לעבען און מיין געזונד...

איך האָב זיך מחיה געווען, ווען דאָס געשפּרעך איז אַריבּער אויף דעם מעדיצינישען ווערטערבּוך וואָס מ... פּלאַנט צו שרייבען.

אַזוי ווי די העברעאישע אוניווערזיטעט איז איצט מעהר אַ מעגליכקייט — איך האָב שוין אפילו געזעהן דאָס שטיק לאַנד וואָס מע האָט פאַר דעם צוועק גע־קויפט — ווערט אַ מעדיצינישע טערמינאָלאָגיע זיין אומ־בּעדינגט נויטיג. אָבער איך גלויב קוים, אַז דאָס ריכטיגע בּוך זאָל קומען פון ארץ ישראל. איך האָב דערוויילע ווע־ניג אמונה אין ארץ־ישראל'דיגער געלעהרזאַמקייט און

גרינדליכקייט. דארט ווערט צופיעל פאליטיק געטריבען...
און געלעהרזאמקייט מיט קהל'ן זיך געהט על פי רוב
נ י ט האנד אין האנד...

---

צוזאמען מיט דר. מ... זיינען מיר געגאנגען אויף א מיטינג פון דעם „בית דוד לחם ותה", וואו מע טיילט טאג־טעגליך אוים ברויט מיט טהעע צו טויזענדער ארע־מע לייט, וואס זיינען צוליעב דער מלחמה געבליבען אהן א שום שטיץ.

די רעדנערם האבען כמעט אלע פראטעסטירט קע־גען די מעטהאדען וואס דער פערטרעטער פון דעם דייטשען הילפס־פעראיין געברויכט כדי צוריקצוגעווינען זיין פערלארענעם איינפלוס אויף דעם עולם אין ירושלים. אזוי ווי א גרויסער טייל פון דעם בודזשעט פון דעם „בית לחם ותה" קומט פון דעם אמעריקאנישען הילפס־פאנד און דער דאזיגער פערטרעטער איז דער מחלק פון דעם פאנד, האט ער די ארעמע מענשען ממילא אין זיין מאכט.

די טהוער וואס ארבייטען טאג־טעגליך מיט דער גרעסטער אויפאפפערונג, זאגען זיך אפ אנצופיהרען ווייטער זייער ארבייט אונטער זיין אויבערהערשאפט. זיי קענען איהם קיינמאל ניט פערגעסען זיין פעררעטהערישע ראלע, ווען גאנץ ירושלים און גאנץ פאלעסטינא האבען כאיש אחד געקעמפפט פאר זייער טייערסטעם און הייליג־סטעם — פאר דער העבראישער שפראך.

זיי, די טהוער, האבען גענומען אויף זיך די שווע־רע ארבייט פון זאמלען געלט און שפייזען פאר די הונגעריגע פון ירושלים, אין דעם גייסט פון זעלבסט־הילף. זיי זיינען געווען שטאלץ מיט דעם געדאנק, אז די מיטלען צו העלפען די נויטבעדערפטיגע פון ירושלים, קומען פון ירושלים גופא. אט דאס בעוואוסטזיין האט געשטארקט זייערע הענד און געמוטהיגט זייערע הערצער. איצט וועט דער אמעריקאנישער פאנד דעמדאזיגען גייסט פון זעלבסט־הילף און אונאבהענגיגקייט טויטען...

שטאלצע ווערטער. די נייע ירושלים...

---

עס איז נאהענט צו האלבע נאכט, ווען מיר קעהרען זיך אום צום האטעל.

די גאסען זיינען שטיל און בעגאסען מיט לבנה־ליכט. אונזער קול הילכט אפ מיט א מאדנעם ווידערקלאנג אין דער שטילקייט... פון די זייטיגע געסלעך, פון די גע־העפטען, פון די בעשימערטע דעכער, פון דער לופט, פון אומעטום דאכט זיך קוקען אויף אונז מחנות און מחנות און הערען זיך צו צו אונזער געשפרעך... הערט מען אויף א ווײלע ריידען, דריקט די שטילקייט מורא׳דיג. דאס גרויסע אומגעזעהענע געזעמעל ווארט...

פון הונדערט יאהר און פון טויזענד און פון גאט ווייס וויפיעל טויזענדער יאהרען צוריק, מחנות און מחנות...

---

אויף מארגען אין דער פריה פאהר איך און חאוואדזשא מוסאה כאפען א קוק אויפ׳ן הר הזיתים.

מיר קעהרען אונזער בליק צו די מואב־בערג. וואס זעהען זיך פון דער ווייטען. איבער זיי פויזעט לאנגזאם א שווערער ווייסער נעבעל...

אויף איינעם פון דידאזיגע בערג, אויף דעם הר נבו, איז דער גרויסער פיהרער געשטאנען און האט געקוקט אויף דעם שעהנעם לאנד און האט געטראכט פון דעם פאלק וואס ער האט ליעב געהאט מעהר פון זיין אייגענעם לעבען און וואס ער האט געשפייזט און גענעהרט מיט דעם בלוט פון זיין הארצען...

געשטאנען איז ער און האט געקוקט מיט פיין און מיט ליעבשאפט פון דער ווייטען. ווארום דער גרויסער גאט יהוה האט געזאגט צו איהם:

„אט דאס איז דאס לאנד וואס איך האב צוגעשוואר־רען צו אברהם'ן און צו יצחק'ן און צו יעקב'ן...

„איך האב עס דיך געלאזט זעהן מיט דיינע אויגען, אבער קומען אהין וועסטו ניט"...

האט דער נביא דעם קאפ געבויגען פאר גאט'ס בע־פעהל און ער איז געשטאנען אויף דעם שפיץ פון בארג נבו און זיינע אויגען האבען זיך געצויגען אהין־אהין צו דער ירושה פון זיין פאלק, און דער נעבעל אויף זיינע אויגען איז געווען געדיכטער ווי דער נעבעל וואס איז איצט געקראכען איבער די בלויע בערג פון מואב...

---

פון דער ווייטען אין דער נידער, גלאנצט אין מאר־גענליכט דער ים־המלח, אזוי ווי פריש־צושמאלצענער בליי...

און אַט איז אַ קליין שמאָל בענדעל פון דעם טייך ירדן. דער קליינער טייך ירדן וואָס זיין נאָמען איז אַ הייליגקייט ביי אַלע פעלקער אין אַלע לענדער און זיינע וואַסערען ווערען געפיהרט אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט צו זיין אַן איינוויהונג און אַ בענשונג אין דער וויעג, און אַ טרייסטונג און אַ הייליגונג אויף דער גוסס בעט...

די פיס פערלאָזען די ערד. איך בין אין חומש, אַזוי ווי אין אַ שמעקענדיגען פעלד פון הויכע גראָזען... איך וואַנדער דורך די פּסוקים, ריהר זיי אַן מיט די הענד אַזוי ווי מע ריהרט אַן אין שמעקענדיגען פעלד די גרינע שטענגלעך, און די ממשות'דיגע וועלט איז אַזוי ווייט, ווייט...

---

צוריק געהען מיר אַראָפּ צו פוס. מיר קלעטערען דורך דעם אידישען בית עולם. עס דאַכט זיך, אַז די קברים און די מצבות וואָס ליגען אויף זיי, וועלען קיין ענד ניט נעהמען... אָבער איבער די קברים און איבער די מצבות טאַנצען אום בינטלעך שטראַהלען און דער טויט וואַרעמט זיך אויף דער זון...

מיר געהען פערביי דעם רוסישען קלויסטער. די גילדערנע שפּיצען אַרום דער קופּאָלא זעהען אויס ווי גרויסע בעגולדטע אַרגעל־רעהרען, גרייט צום בלאָזען הימעל אַ הימן אויסצושפּיעלען...

טיעף אונטען אין טהאָל איז דער „עמק יהושפט", דאָרט וועט זיין דער גרויסער יום הדין...

אַלע קברים אין אַלע עקען פון דער וועלט וועלען זיך עפענען און עס וועלען איילען די טויטע פון אַלע לענדער און אַלע צייטען זיך קומען שטעלען פאַר געריכט אין דעמדאָזיגען טהאָל.

---

אקעגען איבער'ן טהאָל איז דער הר הבית און די „קופּאָלאַ פון דעם פעלז" אָדער ווי מע רופט זי על פי טעות „אָמאַר מאָשיי".

דאָרט געפינט זיך דער פעלז וואוהין דער וואונדער־פערד „על־בוראַק" האָט געבראַכט דעם נביא פון אַללאַה. אין דער לעילעט־על־מיאַראַדזש (די נאַכט פון אַרויפגעהן אין הימעל) — אַזש פון דער ווייטער מעקקאַ. און אַז מוחאַמעד האָט זיך אויפגעהויבען אויף „על־בוראַק" צום הימעל, האָט איהם דער פעלז געוואָלט נאָכפליהען, נאָר „דזשיבריל" האָט איהם צוריקגעהאַלטען, וווייזט מען עד היום דעם צייכען פון דעם מלאך'ס הענד אויפ'ן שטיין.

אין דעם יאָם־על־קיאַמאַ אַז דער שופר וועט בלאָזען, וועט דער שוואַרצער קאַאַבאַ שטיין פון מעקקאַ קומען עולה רגל זיין צו דעם פעלז אויפ'ן הר הבית... און גאָט וועט זיך זעצען אויף דעם פעלז און וועט משפּט'ן די טויטע פון אַלע לענדער און אַלע צייטען. וואָס וועלען שטעהען פערזאַמעלט אונטען אין טהאָל...

---

די העל־גרויע ירושלים, די עיר הקודש, ליעגט און טרוימט אין זוניגע מנוחה איהרע גרויסע אונשטערבליכע

חלומות, חלומות פון אלטע, פערגאנגענע צייטען און חלומות פון גרויסע טעג וואס וועלען קומען...

טהורעמס פון קירכען און שפיצען פון מינארעטס ציהען זיך צום בלאהען לויטערען הימעל... נייע בנינים חבר'ען זיך מיט אלטע... א הארמאנישער געזאנג פון אלע דורות, פון אלע אומות און פון אלע געטער...

## LII.

# פאַהרענדיג

צו דער דעלעגאַציע וואָס דאַרף פאַהרען איבערגעבען דעם שעיך אַבו־חאַליב די מתנה פון די רחובות'ער, איז צו־געקומען נאָך אַ מיטגליעד. דאָס איז דער אַדוואָקאַט אַדון מאַני, אַ נידעריגליכער פעט־לייביגער אָריענטאַלישער איד אין אַ רויטען פעץ, וואָס זיין אויסזעהן דערמאָנט שטאַרק אָן דעם סולטאַן אַבדול־חאַמיד.

מאַני'ס משפחה שטאַמט פון בבל: מיט אַ יאָהר זי־בעציג צוריק איז מאַני'ס פאָטער געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל און האָט זיך בעזעצט אין חברון. ער איז גע־ווען אַ גרויסער חשוב ביי די אַראַבער אַזוי ווי ביי די אידען: עד היום קומען פרומע אַראַבער מתפלל זיין אויף זיין קבר.

מאַני'ס ברודער איז דער חכם באַשי פון חברון. ער, דער אַדוואָקאַט, וואוינט אין ירושלים. מיט אונז רעדט ער העברעאיש, אָבער זיין נאַטירליכער לשון איז אַראַביש. ער איז אַ מלא וגדוש מיט אַראַבישע מעשה'לעך און אַראַ־בישע ווערטלעך.

אין דעם מאָרד־פּראָצעס איז ער געוועזן דער אַדוואָקאַט

פון די רחובות'ער. צוליעב זיין שעהנעם אראבישען מענה לשון איז געבליבען אז מע זאל איהם מיטנעהמען קיין חברון. דאס אראביש פון „חאוואדזשא מוסאה" און ג... איז ניט געווען גענוג פאר דער מליצה'דיגער רעדע וואס מע האט געזאלט האלטען פאר אבו־חאליב. און אהן די גע־העריגע מליצה וואלט די מתנה קיין שום טעם ניט געהאט.

---

נאכמיטאג האבען מיר זיך אריינגעזעצט אין א וואַ־גען און זיינען אפגעפאהרען פון ירושלים קיין חברון אדער, ווי די אראבער רופען עס : „על־כאליל ער־ראחמאן" (דער פריינד פון גאט — אברהם), געוועהנליך פערקירצט אויף „על־כאליל".

דער וועג שלענגעלט זיך בארג ארויף און בארג אראפ; לאנגע קאראוואנען פון קעמלען ציהען זיך אויף דעם וועג פערביי אונז. דאס זיינען ארמעע־טראנספארטען וואס קומען ליידיגע צוריק פון חברון. מאני האלט אין איין דער־צעהלען אראבישע מעשה'לעך און אראבישע מנהגים.

אזוי ווי עס איז די צייט פון „קורבאן באיראם", דער־צעהלט ער אונז פון דעמדאזיגען יום־טוב.

„קורבאן באיראם" איז דער טערקישער נאמען און מיינט „דער יום־טוב פון קרבן". די אראבער רופען עס „על־איד על־קעביר" — דער גרויסער יום־טוב.

איטליכער מוסלים ווי ארעם ער זאל ניט זיין, מוז אין „קורבאן באיראם" קוילען א שעפס. אויב ער איז ניט ביכולת פאר זיך אליין צו קוילען א גאנצען שעפס, לעגט ער זיך צונויף מיט אנדערע. גענוי ווי ביים קרבן פסח.

מאני ווייזט מיט דער האנד אַן אויף דעם הר הבית און, אויף דער אַנטקעגנענדיגער זייט, אויף דעם הר הזיתים.

די מוסלימיין זאָגען, אַז לעתיד לבא, וועט פון איין באַרג ביז'ן צווייטען אַריבערגעצויגען ווערען אַ בריק, דין ווי אַ האָאר און שאַרף ווי אַ שווערד. אויף דערדאָזיגער בריק וועלען די צדיקים אַריבערפאָהרען בשלום, רייטענדיג אויף דעם שעפּס וואָס זיי האָבען געקוילעט אין „קורבאַן באַיראַם", און די רשעים וועלען אַרונטערפאַלען אונטען אין גיהנום אריין. דאָס איז דער „סיראַט אול־מוסטאַקים", דער ריכטיגער וועג, וואָס ווערט דערמאַנט אין דער ערשטער סורע פון דעם קוראַן.

---

מיר פאָהרען פערביי אַ טויער מיט אַ גריכישער אויפשריפט. דורך דעמדאָזיגען טויער פאָהרט מען אַרויף צו דעם קלויסטער „מאַר עליאַס" וואָס איז געבויט געוואָרען פון אַ געוויסען מיטראָפּאָליט מיט'ן נאָמען „עליאַס", אָדער „אליהו".

שפּעטער האָט מען אַן דעם מעטראָפּאָליט פערגעסען און דער פּלאַץ איז פערבונדען געוואָרען מיט אליהו הנביא. האָט מען דערצעהלט, אַז דאָ איז דער פּלאַץ וואו אליהו הנביא איז אויף אַ פייערדיגען רייטוואָגען אַרויפגעפלויגען צום הימעל.

האָבען פרומע נשמות דעם טויער אויפגעשטעלט און אויבען באַרעליעף אויסגעפורמעט די געשטאַלט פון אַ רייטער וואָס גאַלאָפּירט אויף אַ פערד.

---

די אראבער זיינען ניט געבליבען הינטערשטעליג. האָ־בען זיי דעם אָרט אָנגעקניפּט אַז „על כאדר”, וואָס איז דער אליהו הנביא פון די מוסלימין.

מע רופט איהם „על־כאדר” — דער גרינער, ווייל אר־מעטום וואו ער שטעלט זיך מתפלל זיין, ווערט דער אָרט אונטער זיינע פיס גרין בעוואַקסען.

די פעלאחין פון דער שכונה דערצעהלען, אַז:

אַן אָרעמע פרוי האָט מיט איהר זוהן געוואוינט ניט ווייט פון „על־כאדר’ס” טויער. האָט זי איינמאָל איהר זוהן אַזוי שטאַרק אָנגעשלאָגען, אַז ער איז פון איהר אוועק און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען דעם טויער און האָט זיך ביטער צואוויינט. מיט אַמאָל בעוויַיזט זיך צו איהם דער „על־כאדר” און זאָגט: דעם קיסר’ס טאָכטער העלענע איז משוגע געוואָרען און קיין רופא קען זי ניט היילען. געה און דו וועסט זי געזונד מאַכען.

האָט דער כאדר איהם גענומען און אוועקגעטראָגען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם קיסר, און ווי ער איז אַהין געקו־מען, האָט ער זיך געבוקט פאַר’ן מלך און האָט געזאָגט: אדוני מלך, איך בין געקומען געזונד מאַכען דיין טאָכטער: איז דער קעניג געוואָרען מלא שמחה און זאָגט צו איהם: אויב דו וועסט זי אויסהיילען, גיב איך זי דיר פאַר א ווייב.

איז ער אוועק צו דער בת מלכה און ווי ער איז נאָר אריין צו איהר אין קאַמער, אַזוי איז זי תיכף געוואָרען גע־זונד און פריש.

אַז דער מלך האָט עס דערזעהן, האָט ער זיינע אויגען ניט געגלויבט פאַר ליטער פרייד. אָבער אַז האָט נאָך אַמאָל

א קוק געטהאָן אויף דעם יונג, האָט ער חרטה געהאַט וואָס ער האָט אַזאַ פּראָסטען מענשען צוגעזאָגט צו געבען די בת־מלכה פאַר אַ ווייב.

רופט ער זיך אָפּ צו איהם אַזוי: אויב דו ווילסט חתונה האָבען מיט מיין טאָכטער, מוזטו איהר ברענגען כלה־מתנות, פיער מויל־אייזלען אָנגעלאָדען מיט דימענטען און בריליאַנטען.

איז דער יונג אַוועק בעטריעבט און האָט זיך מיאש געוועזען פון דער בת־מלכה. מיט אַמאָל קומט צו איהם „על־כאדר" און זאָגט: געה צוריק צום מלך און בעט מע זאָל דיר געבען פיער מויל־אייזלען מיט ליידיגע קערב, און ווען מע וועט דיר געבען וואָס דו פערלאַנגסט, געה אַוועק אין דעם „וואַדי־עס־סאַראַר" און פיל אָן די קערב מיט קליינע שטיינדלעך, און ברענג זיי אין פּאַלאַץ.

האָט דער יונג אַזוי געטהאָן, און ווי ער איז געקומען אין פּאַלאַץ און אויסגעשאָטען די קליינע שטיינדלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דאָס זיינען לויטער טייערע שטיינער וואָס זייער ווערטה איז גאָרניט אָפּצושאַצען:

האָט דער מלך געמוזט האַלטען זיין צוזאָג און איהם געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

---

מיר פאָהרען ווייטער ביז מיר קומען צו אַ קבר־שטוב, געבויט אין דעם אַראַבישען סטיל. מיר שטעלען זיך אָפּ.

— מוטער רחל'ס קבר...

איך געה אַראָפּ פון וואָגען און איך געה אַריין אין דער הייהל־מויער.

די ווענד זיינען ארומגעהאנגען מיט זיידענע פרוכת'ן אויסגעשטיקט מיט גילדערנע אותיות און קוויטען. אין העגגלייכטער ברענען קנויטען איינגעטונקט אין בוימאויל; אין מיטען דער הייהל א גרויסער שטיינערנער קבר.

היינט איז רחל'ס יאהרצייט און די מערה איז פול מיט מתפללים. א יונגער בעל־הבית'על שטעהט אנגעטהאן אין א טלית און דאווענט פאר'ן עמוד מיט געוואלדיגער התלהבות, די איבעריגע דאווגען שטיל, הארציג, און מיט ענטציקטער כונה...

דאס ליכט פון די בוימאויל קנויטען, מישט זיך צו־נויף מיט די קיהלע שאטענס און מיט דעם געמורמעל פון די דאווגערס, אין א זיסען ניט־ערדישען אומעט...

א פאר ווייבער שטעהען אין א ווינקעל און די ליפען זייערע בעוועגען זיך שטיל. איינע פון זיי בויגט זיך איין און הויבט אויף א קליינעם לויזען שטיין נעבען קבר. זי שושקעט אריין אין דער עפנונג א תפלה, אדער אפשר האט זי אהין א קוויטעל אריינגעווארפען?

דער יונגער בעל תפלה זאגט די חזרת הש"ץ, דער עולם ענטפערט נאך יעדער ברכה „אמן", פון דער טיעפער נשמה ארויס.

עס הערט זיך ווי די קנויטען זויגען די בוימאויל און א שימער פאלט אויף די מתפללים און אויף דעם שטיין, און זיי פיהלען זיך מיט דעם שטיין אינטים און היימיש...

---

ביים איינגאנג איז אין דער מערה א ברונען פאראן. א איד שעפט אן אין א קענדעל און פרעגט אויב איך וויל

טרינקען. דאָס וואַסער איז קאַלט, פריש און קוויקענדיג.

מיר געהען אַרויס פון דער פינסטערער מערה אין דער העלער באַרג־לופט, און פאָהרען ווייטער אויף דעם געדרעהט־דעלטען טראַקט...

פון מוטער רחל׳ס קבר איז געבליבען אויפ׳ן געמיטה אַ זיסער נאָכקלאַנג, אַ פרישע קיהלונג און אַ ברכה, אַזוי ווי נאָכ׳ן בענשען פון אַ מאַמען...

---

## אויף מוטער רחל׳ס קבר.

אַ מוטער הייליגע, דו ביסט דאָך פול
מיט ליעבע און מיט רחמים אָהן אַ גבול
צו דיינע קינדער אַלע מאָל געווען —
שטעה־ביי די תפלה מיינע, ווען איך לעהן
מיין הייסען שטערען אָן דעם קאַלטען שטיין
וואָס היט זינט הונדערט דורות דיין געביין...
און וויים איך ניט צו בעטען ווי מע דאַרף —
שלייף מיינע ליפען און מיין צונג פערשאַרף,
און לעג מיר אינ׳ם מויל אַ וואָרט וואָס האָט
די מאַכט, צו גרייכען ביז דעם טהראָן פון גאָט...

אַ מוטער הייליגע, מיין אויג איז בלינד...
איך האָב געזיפט דעם ים, געאַקערט ווינד,
איך האָב געזוכט אויף לינקס, געזוכט אויף רעכטס,
און וויים ניט מעהר וואָס גוט איז און וואָס
שלעכטס...

בין איך פון ווייט געקומען צו דיין גראָב —
אַ פרעמדער בעטלער מיט געבויגען קאָפּ,
אַ וואַנדערער וואָס ווייס ניט מעהר זיין לאַנד,
אַ יתום וואָס איהם פעהלט אַ מאַמע׳ס האַנד...

אַ מוטער הייליגע, מיין האַרץ איז קראַנק...
אַריינגעלאָזען האָט אַ בייזע שלאַנג
אין מיין געמיט און מיין געבליט אַ סם...
נעהם מיין נשמה ווי אַ טרייע אַם,
און לאָמיך זויגען פון דיין ריינער זעעל,
ווי פון אַ פרישען ברונען, ביז איך וועל
גענעזען ווערען, און וועל זעהן דעם שיין
וואָס שימערט אין דעם שוואַרצען תהום פון פיין...

אַ מוטער הייליגע, איך וויין און הער
ווי פון דער טיעפקייט קומט צו מיר אַהער
דיין שטילער מיט-געוויין, דיין קול וואָס גלעט
און טרייסט, און העלפט מיר זאָגען מיין געבעט:
„אַ גוטער גאָט, ניט שלים פאַר מיר דיין טהיר,
„ניט לעג אַ שטרויכלונג אויף דעם וועג צו דיר,
„נאָר שטרעק דיין האַנד און העלף מיין
שוואַכען טראָט,
„און שפרייט אויף מיר דיין פליגעל פון גענאָד...״

אַ מוטער הייליגע, ווען איך געה פון
דיין דונקעלען געוועלב אַרוים אין זון,

זאָל מיר די רגע וואָס איך האָב בעריהרט
דעם צודעק פון דיין קבר און געשפירט
די טרייסטונג דיינע — תמיד זיין אַ שוץ
אַקעגען בייז, אַ וועגווייזער צו גוטס,
אַ הילף ביי טאָג אין וואָס איך טהו און טראַכט,
אַ שומר מיר צוקאָפּענס ביי דער נאַכט...

# LIII.

# די שטאָדט פון די אבות

עס ווערט שפּעט און מיר האָבען נאָך אַ סך צו פאַהרען.

מאַני קען אויסגעבונדרען איטליך שטיקעל ערד בע־זונדער. און איטליך שטיקעל ערד וואָס מיר פאַהרען פערביי, האָט איהר בעזונדערע געשיכטע.

אָט זיינען די „ברכות שלמה", די קינסטליכע סאַ־זשעלקעס וואָס דער קלוגער קעניג האָט געלאָזט בויען, כדי אַזש פון דער ווייטען די באַרגיגע ירושלים מיט פריי־שע וואַסער צו בעזאָרגען.

אָט איז „בית צור", וואו די חשמונאים האָבען זיך בעפעסטיגט אַקעגען די „יונים", און געקעמפּפט איינער קעגען הונדערט און צעהן קעגען טויזענד, פאַר פאָלק און גלויבען...

אָט איז דער קבר פון דעם מרה־שחורה'דיגען מוסר'־ניק — יונה הנביא. ווי ווייסט די געגענד זאָל אַרום ניט זיין, דאָך בעסער ווי אין בויך פון אַ פיש...

און אָט איז „ראַמאַט על־כאַליל", אָדער די אלוני ממרא פון חומש.

דאָ איז געשטאַנען אברהם׳ס הויז. טהיר און טויער אָפען פון אַלע זייטען... און זעק מיט זעמעל־מעהל און קעלבער און רינדער און שאָף גרייט פאַר דעם הונגעריגען שטויב־בעדעקטען וואַנדערער.

---

די נאַכט פאַלט צו. די לבנה האָט אַלצדינג פער־צויגען מיט אַ האַלב־דורכזיכטיגען כשוף׳דיגען דעק־טוך.

מאַני כאַפּט אַ דרעמעל. די איבעריגע שווייגען. די קאַפּיטעס פון די פערד קלאַפּען אָפּ הילכיג אין דער אַרו־מיגער מדבר־שטילקייט.

פון ביידע זייטען וועג פעלדער און בארג־טעראַסען אַנגעוואָרפען מיט ווייסע לעבערדיגע שטיינער וואָס זע־העז אוים ווי פערשטיינערטע שוואַמען...

די אויגען שליסען זיך דריי־פערטעל צו. נעהמען די שטיינער אַן אַלערליי וויסטע געשטאַלטען. אַט זיינען עס מצבות, אַט הויפענס פון מענשליכע שאַרבענס...

---

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט, ווען אונזער וואָגען האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען „אשל אברהם״ (אברהם׳ס אייכענבוים): דער שעהנער ביבלי־שער נאָמען איז געווען די איינציגע שעהנע זאַך וואָס דערדאָזיגער האָטעל האָט פערמאָגט. אַ קאַלטער שטיי־נערנער בנין, וואָס איז געווען אַזוי אונבעקוועם און אַזוי מרה־שחורה׳דיג ווי נאָר אַן א ר א ב י ש ע ר האָ־טעל קען זיין, הגם די בעלי־בתים זיינען דוקא אידען — פון שניאור זלמן לאַדיער׳ס אייניקלעך.

די אשכנזי'שע בעפעלקערונג פון חברון בעשטעהט הויפטזעכליך פון חב"ד'ניקעס און צום גרויסען טייל פון דעם לאדיער'ס משפחה.

---

א יונגער אינגעל מיט לאנגע פאות, א זעהר ריהרעוו־דיגער, מיט כיטרע שווארצע אויגלעך, פאדעט ארום אונז. אראביש רעדט ער בעסער ווי אידיש. זיינע תנועות און בעוועגונגען זיינען „האלב יצחק, האלב ישמעאל", ווי דער לאדיער וואלט געזאגט, אדער האלב־חסידיש, האלב־ארא־ביש, ווי איך זאג.

דער טאטע איז טויט, האלט דעם האטעל די אלמנה מיט איהרע צוויי זיהן, איינער, דער פלינקער אינגעל, וואס בעדיענט אונז, און אן עלטערער — א בחור פון א יאהר זיבעצעהן, וואס געהט ארום פער'מח'ט און קוקט מיט גרויס ביטול אויפ'ן האטעל און אויף די געסט. בעט מען איהם עפעס טהאן, טהוט ער עס פון יוצא וועגען. פיג־סטערע פרנסה...

דער אלטער לאדיער ליעגט נאך אין בלוט.

---

מיר עסען אפ א קלאגעדיגע וועטשערע און די דעלע־גאטען נעהמען זיך צו דעם עצם ענין וואס האט אונז אהער געבראכט.

א שליח ווערט געשיקט אנזאגען דעם אלטען אבו־חאליב אז מיר זיינען דא און ווילען איהם בעזוכען. קומט א תשובה, אז ער לאזט אונז בעטען צו זיך.

אונזער דעפוטאציע קריגט צו נאך צוויי מיטגליע־

דער — צוויי חברונ׳ער בעלי־בתים פון די לאַדיער, הויכע יונגע לייט מיט שלעכטע אויגען, שטאַרק פערברוינטע געזיכטער און שמאָלע שוואַרצע בערד־רעהמלעך. זיי זיינען עס געווען די ערשטע צוזאַמענצוברענגען דעם „ועד" פון רחובות מיט דעם אַלטען אבו־חאַליב.

מיר געהען דורך שטילע פערשלאָפענע גאַסען. די אַראַבער לעגען זיך שלאָפען מיט דער זון און שטעהען אויף מיט דעם מאָרגענשטערן.

אין קיין הויז איז ניט צו זעהן אַ ליכט.

מיר קומען צו דעם טויער פון אַ הויף און אַ קורצע אַלעע פון בוימער ברענגט אונז אין אַ גערטעל הינטער אַ ווייס־געקאַלכטען הויז.

דער גאָרטען איז העל־בעלויכטען פון דער לבנה און אויף דער ערד זיינען אויסגעלעגט דעקען און קישעלעך.

דער אַלטער שעיך קומט אונז אַרויס מקבל פנים זיין. ער איז אַ הויכער, אַ גלייכער ווי אַן אַלטער פּאַלמענבוים, מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד, מיט אַ ווייסען טורבאַן אויפ׳ן קאָפּ און אַ לויזען געבלומטען קיטעל מיט אַ קאָ־לירטען גאַרטעל.

ער בעגריסט איטליכען פון אונז לאַנגזאַם און מיט גרויס פּאַראַד.

— תאַפּאַדאַל (טהו מיר דעם כבוד).

מיר זעצען זיך אוים אין אַ קרייז. מע דערלאַנגט קאַווע און פּאַפּיראָסען. מע רויכערט שטיל און דער רויך קרייזעלט זיך אין בלאָע רינגלעך אַקעגען דער לבנה־העל־קייט ביז אין די בוימער אַריין.

דערנאָך הויבט זיך אָן די רעכטע צערעמאָניע:

דער לומדישער ג... זאָגט מאַני'ן פאַר אין העברע־איש: אבו־חאַליב איז געגליכען צו אהרן הכהן וואָס איז געווען אַן אוהב שלום און אַ רודף שלום. אויף שלום האָט הקדוש ברוך הוא געבויט די וועלט, און דער שכר וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דעם וואָס מאַכט שלום איז גרעסער ווי פאַר דער גרעסטער מצוה.

טהוט זיך מאַני אַ קעהר צו דעם אַלטען אבו־חאַליב און הויבט אָן רעדען לאַנגזאַם, געצאַצקעט, איטליך וואָרט איבערצוצעהלען, און מיר אַלע האָרכען מיט גרויס כונה, און דער יאָדושליוועזר חריף גלעט די רויטע באָרד און דער שעיך גלעט די ווייסע באָרד און ביי איטליכען זאַץ זאָגט ער:

— נאַ'אַם (יאַ).

געענדיגט דעם דרוש נעהמט ג... אַרויס די מתנה און דערלאַנגט דעם אַלטען שעיך:

— ווען די אידען פון רחובות זאָלען האָבען קרח'ס אוצרות, וואָלטען זיי ניט געקענט איהם געהעריג אָפּ־צאָהלען, אָבער בלויז אַ קליינע מתנה צום אָנדענק האָבען זיי איהם געשיקט.

דער אַלטער שעיך קווייקעלט זיך. זיין מילדע, מיושב'דיגע שטים האָט אין זיך אַ וועלט מיט רוה און אידעלער געזעצטקייט: —

— ער איז שטענדיג אַ רודף־שלום. קיין לויהן וויל ער ניט. דאָס איז פון אַללאַה'ס וועגען.

אָבער ג... בעשטעהט, און מאַני דעקלאַמירט נאָך אַ

שטיק אראבישע מליצה, דאָס מאָל זיין אייגענעם נוסח, און מיר אַלע זיצען שטיל און בעטען מיט די אויגען:

— תאפּאדאַל...

נעהמט דער אַלטער אַבו־חאַליב אַן, און ער בעט אונז איהם דעם כבוד אָנצוטהאָן און קומען עסען מיט איהם מאָרגען. מיר בעדאַנקען איהם פאַר די גרויסע עהרע און זאָגען זיך אָפּ. מיר מוזען אָפּפאָהרען.

די גאַנצע צייט פון דעם געשפּרעך זיצט נעבען דעם אַלטען אבו־חאַליב, זיין שווער, אויך אַ בכבוד'ער זקן, אָבער איינגער פון איהם. דאָס איז דער טאַטע פון אבו־חאַליב'ס דריטער און איינגסטער ווייב.

מיר הויבען זיך אויף. עס פאַנגט זיך ווידער אָן אַ ווינשעוואַניע. מע גיט זיך ברכות און קאָמפּלימענטען איין מאָל און צוויי מאָל, ביז מיר געהען אַרויס פון טויער.

---

אויף מאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען פריה גענוג צו קענען זעהן פון דעם דאַך פון „אשל אברהם", די זון אויפגעהן איבער דער שטאָדט פון די אבות.

אַרום צעהן אַזייגער זיינען מיר אַרוים בעקוקען די שטאָדט, וואָס האָט אַ בעפעלקערונג פון צוואַנציג טויזענד אראבער, און אַן ערך דריי הונדערט פאַמיליעס אידען. די אידישע בעפעלקערונג וואַקסט און ענטוויקעלט זיך. ניט לאַנג צוריק האָט די אַנגלאָ־פּאַלעסטינא באַנק געעפענט איין חברון אַן אָפּטיילונג.

מיר געהען פערביי דעם אראבישען בית־עולם, וואָס שטעהט אָפען, ניט־ארומגעצאַהמט אין סאַמע מיטען

שטאָדט. פלאַכע גראָע קברים, צואוואָרפען אין אַלע זייטען אָהן אַ סדר. פון יעדען קבר שטעקען ארויס די צוויי טראַדיציאָנעלע פערשפּיצטע שטיינער.

אויפ'ן בית־עולם שפּאַצירען ארום אָדער זיצען אין רעדלעך ארום די קברים, אראַבער און אראַבערקעס. די פרויען געדיכט פערשלייערט אין שוואַרצען.

דאָס איז מען לכבוד „קורבאַן באַיראַם" אויפ'ן בית־עולם געקומען. די טויטע האַלטען זיך אויף ארום זייערע קברים און זיינען ניט אָפּגעשניטען פון די לעבעדיגע. דער נעבי מוחאַמעד, אַז ער פלעגט פערבייגעהן אַ בית־הקברות, פלעגט ער די מתים בעגריסען און זיי „סאַלאַם" אָפּגעבען, אַזוי ווי לעבעדיגע מענשען. עס איז אַ הייליגער מנהג, אַז ווי עס קומט אַ יום־טוב, געהט מען בעזוכען די מתים אַזוי ווי מע געהט בעזוכען שכנים. און מע פיהלט זיך מיט זיי היימיש.

די אראַבער האָבען אַ ווערטעל:

איד איל־יאַהוד ביל־קודור,
איד איל־נאַסאַראַ ביל־זוהור,
איד איל־אַראַב ביל־קובור.

אידען פייערען יום־טוב מיט טעפּ (מאכלים), קריסטען פייערען יום־טוב מיט בלומען, אראַבער פייערען יום־טוב מיט (בעזוכען) קברים.

---

אידען האָבען ברוך השם פון לאַנג אַן אַ נאָמען ביי די פעלאַחין פאַר פרעסערס. קומט אַ איד אין אַן אראַבישען דאָרף זינגען איהם די קינדער נאָך דאָס שפּאָט־ליעדעל:

## יא יאהוד, ביח, ביח,
## האט ראם פול־טאביח..:
## (א איד, לעג אריין דעם קאפ אין טאפ).

מיר קומען אריין אין דער אידישער גהעטא וואס בע־שטעהט פון פינסטערע שמוציגע שטיין־געוועלבען און דורכגאנגען און קומען צו דער וואוינונג פון מאני'ס ברו־דער, דעם חכם־באשי פון חברון.

דער אלטער, א פארנעהמער זקן אין די זיבעציגער, נעהמט אונז אויף זעהר פריינדליך. מיר זעצען זיך אויפ'ן באלקאן, און דעם חכם־באשי'ס ווייב דערלאנגט אונז „טשאי"; דאס איז אומיסנע פאר אונז. אזוי טרינקט מען קאווע.

דעם חכם באשי'ם ווייב איז אינגער פון איהר מאן מיט א יאהר דרייסיג. זי איז א רוסיש ווייבעל וואס איז לכתחלה פון רוסלאנד געפאהרען קיין בוענאס איירעס. פון דארט איז זי געקומען צו איהרער א שוועסטער אין ראשון לציון. האט זי א שדכן צוזאמענגעבראכט מיט דעם פער'אלמנ'טען חכם־באשי: זיי לעבען קענטיג זעהר גליקליך. זי זעהט אוים אזוי ווי א געבארענע „פרענקינע".

פון וואו מיר זיצען קענען מיר פון וויימען ווידער זעהן דעם אראבישען בית־עולם.

---

ארום איין קבר מאכט א גרופע דערווישען א „זיקר" טאנצענדיג דערביי אן עקסטאטישען קאראהאד. דער טאנץ הויבט זיך אן לאנגזאם, טריט ביי טריט, און ווערט

אלץ האסטיגער און האסטיגער. מאני דערצעהלט, אז זיי טאנצען אפט אזוי לאנג, ביז זיי ענדיגען מיט א קאנ־וואולסיווען סאפע, און עס נעהמט זיי געהן בלוט פון מויל.

דער טאנץ וואס מיר האבען צוגעזעהן איז געווען פיעל מעסיגער. איך וואלט געזאגט, ניט פיעל ווילדער ווי דאס ווארפען זיך פון א התלהבות'דיגען חסיד ביים דאווגען.

---

דער חכם־באשי האט זיך צוגעגרייט צו געהן גוט־יום־טוב ביטען דעם מופטי, דעם קאדי און דעם קאימא־קאם פון חברון, ווי זיין מנהג איז. האט ער זיך לכבוד דעם אנגעטהאן אין זיינע אפיציעלע מלבושים, א זילבער־געשטיקטער טורבאן, און א זילבערנע עטרה אויפ'ן מאנטעל.

די מלבושים — דערצעהלט ער אונז — זיינען די־זעלביגע ווי די וואס די מוסלימישע גייסטליכע טראגען, מיט דעם אונטערשיעד וואס ביי די אראבער איז די פער־ציערונג גאלד און די חכם'ס מוזען טראגען זילבער.

---

פון דעם חכם־באשי'ס הויז געהען מיר בעקוקען די מערת המכפלה. מיר געהען ווידער אמאל דורך דער גהעטא.

מאני ווייזט אונז אן אויף דער לאד אין דעם טויער פון דער גהעטא און ער דערצעהלט :

מיט לאנגע יאהרען צוריק האט געהערשט איבער חברון א גרויסער אראבישער פאשא, וואס איז געווען א

צורר היהודים. האָט ער איין מאָל ארויפגעלעגט אויף די אידען פון חברון אַ מס פון פופציג טויזענד רענדלער. באם לאו, וועט ער זיי לאָזען אלעמען אויסקוילען.

די קהלה איז געווען שרעקליך אָרעם. קיין האָפנונג צו קענען שאַפען אפילו אַ צעהנט חלק פון דער סומע איז ניט געווען. האָט מען גוזר תענית געווען און מע האָט די הימלען געריסען טאָג ווי נאַכט.

דערווייל איז דער בעשטימטער טאָג געקומען אלץ נעהנטער. אָט שוין איז די לעצטע נאַכט. מאָרגען פריה ענדיגט זיך דער טראָק, און דער פּאַשאַ וועט מאַכען אַ כליה אויף אלע אידען.

מיט אמאָל, אין מיטען דער נאַכט, קלאַפּט עמיצער אין טויער. וויל איהם דער וועכטער ניט עפענען. גיט דער פרעמדער אַ שטאַרקען קלאַפּ, און האַקט דורך אַ לאָך דורך דער דיקען ברעט פון טויער. בעווייזט זיך אַ האַנד און די האַנד דערלאַנגט דעם שומר עפּעס איינגעבונדען אין אַ טיכעל, און אַ שטים זאָגט פון יענער זייט טויער:

— דאָס זאָלט איהר געבען דעם פּאַשאַ. און תיכף איז די האַנד נעלם געוואָרען.

אויף מאָרגען געהען די פּרנסים צו דעם פּאַשאַ און זיי גיבען איהם איבער דאָס טיכעל. עפענט דער פּאַשאַ און ווערט בלייך, און ער הויבט אָן ציטערען ווי אַ בלאַט.

זאָגט ער צו די פּרנסים: זייט וויסען, אַז לעצטע נאַכט איז צו מיר געקומען אברהם אבינו, און האָט פון מיר פערלאַנגט איך זאָל איהם געבען די תכשיטין פון דער ווייב וואָס איך האָב ליעבער פון אלע. האָב איך איהם

גענגעבען, און אַט זיינען די תכשיטין אין אייער טיכעל.

האָט דער פּאשא געבעטען מחילה ביי די פּרנסים און האָט פון דענסמאָל אָן מטיב געווען מיט די אידען אין חברון.

---

מיר קומען צו דער מערת המכפּלה, איבער וועלכער עס איז אויפגעבויט אַ גרויסע דזשאמי. צוליעב „קורבאַן באיראם״ געהט אַ גרויסער עולם אַראבער אין דער דזשאמי אריין.

קיין ניט־מוסלים טאָר די דזשאַמי ניט בעטרעטען.

מע צייגט אונז אָן פון דערויסען אַ געוויסען שטיין, און מע זאָגט אונז, אַז אונטען ליעגט יצחק. מע ווייזט אונז אָן דעם אָרט וואו עשו'ס קאָפּ איז בעגראָבען. דער קערפּער ליעגט אַנדערשוואו. שולדיג איז דער טויבער חושים, און געשעהן איז עס אַזוי :

אַז יעקב אבינו איז געשטאָרבען און זיינע זיהן און אייניקלעך האָבען איהם פון מצרים געבראַכט צו דער מערת המכפלה, איז געקומען עשו מיט זיינע זיהן און האָט גע'טענה'ט, אַז דער פּלאַץ געהערט צו איהם, ווייל דער פּלאַץ וואָס האָט געהערט צו יעקב'ן איז שוין פערנומען פון לאה'ן.

איז געוואָרען אַ קריעגעריי און אַ רייסעריי. האָט מען געשיקט נפתלי'ן, וואָס האָט געהאַט פלינקע פיס ווי אַ הינד ער זאָל לויפען ברענגען דעם שטר־מכירה וואָס בעווייזט שוואַרץ אויף וויים אַז די גאַנצע מערת המכפלה

געהערט צו יעקב'ן. דער טאָפּ לינזען האָט פּאַר אַלצדינג בעצאָהלט.

חושים דער טויבער זוהן פון דן, האָט צוגעזעהן די מחלוקת, אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט הערען אַ וואָרט פון די טענות, האָט ער ניט פערשטאַנעז פּאַר וואָס מע האַלט אָפּ די קבורה פון זיין זיידען. האָט ער גע־כאַפּט אַ רידעל און האָט דיר־נישט מיר־נישט אָפּגעהאַקט עשו'ן דעם קאָפּ.

האָבען זיך עשו'ס זיהן דערשראָקען און האָבען גע־כאַפּט דעם קערפּער פון זייער טאַטען און מיט איהם אַנט־לאָפען.

דער קאָפּ אָבער איז געבליבען און מע האָט איהם מקבר געווען צוזאַמען מיט אברהם יצחק ויעקב.

אונזער פיהרער ווייזט אונז אויך דעם פּלאַץ וואו עס איז געווען שרה'ס מקוה...

---

צוריקגעהענדיג, טייטעלט אַן מאַני אויף אַ בערגעל, אונטער וועלכען עס ליעגען בעגראָבען די עדות וואָס זיי־נען געשטאַנען דערביי ווען אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט די מערת המכפלה פון עפרון החתי.

אָהן די דאָזיגע עדות גאָט וויים צי מיר וואָלטען גאָר געהאַט אַ מערת המכפלה.

אַז אברהם אבינו האָט געוואָלט אָפּקויפען ביי עפרונ'ען אַן אָרט אויף צו בעגראָבען שרה'ן, האָט איהם דער כיטרער חתי ניט געוואָלט פערקויפען מעהר ווי דעם שטח פון אַן אָקסען־פעל. זאָגט אברהם : גוט, איך גיב

דיר פיער הונדערט שקלים פאַר דעם שטח פון אַן אַקסען־פעל. האָט ער צוגערופען ענר, אשכול און ממרא און האָט זיי געהייסען זיין עדות אויף דער קניה.

איז אברהם אַוועק און האָט גענומען דאָס פעל פון אַן אָקס און האָט עס צעשניטען אין שמאָלע רימענדלעך, און האָט מיט זיי אַרומגעמאָסטען דאָס גאַנצע פעלד פון דעם מערת המכפלה. האָט עפרון לכתחלה פּרובירט אָפּ־לייקענען שטיין און ביין, די גאַנצע מכירה, אָבער אברהם האָט געבראַכט זיינע עדות.

איז עפרון געוואָרען מלא רציחה און האָט דער־הרג'עט די דריי עדות. אָבער עס האָט איהם אַ האָאר ניט געהאָלפען, ווארום אפילו ווען מען האָט זיי שוין בעגראָ־בען און בעשאָטען, האָבען זיי פון אונטער דער ערד גע־האָלטען איין שרייען:

— עדות, עדות. אברהם האָט אָפּגעקויפט די ערד...

## LIV.

# אן איבערקעהרעניש

ארום איינס א זייגער נאָך מיטאָג זיינען מיר ארויס־געפאָהרען צוריק פון חברון.

די אומגעגענד פון דער אלטער קרית ארבע (די שטאָדט פון דעם ריעז „ארבע") איז בעפלאַנצט מיט פרוכטבארע וויינגערטנער. די חברונ'ער טרויבען האָבען א שם פאר די בעסטע אין גאַנץ ארץ ישראל.

אויף אונזער וועג צו דעם שעיך אבו חאליב'ם הויז איז אונז אויסגעקומען פערבייצוגעהן דעם טייך אָדער טהאָל „אשכול", וואָס דער פסוק דערצעהלט, אז די מרגלים „זיינען געקומען ביז צו איהם און זיי האָבען אָפּגעשניטען פון דאָרט א צווייג און איין „אשכול" (בינטעל טרויבען) און זיי האָבען איהם געטראָגען אויף א שטאַנג זאלבע־צווייט. האָט מען דעמדאָזיגען אָרט א נאָמען געגעבען „דער טהאָל פון אשכול", צוליעב דעם „אשכול" וואָס די קינדער פון ישראל האָבען פון דאָרטען אָפּגעשניטען.

---

„האָבען די מרגלים געבראַכט דאָס גרויסע טרויבען־בינטעל און האָבען געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: א

טייער לאנד. עס פליסט מיט מילך און מיט האניג, אבער —

„דאס פאלק וואס וואוינט דארט איז צו שטארק פאר אונז...״ ניט פאר אונזערע כחות...

נאר כלב דער זוהן פון יפונה האט זיך אוועקגעשטעלט און האט געזאגט —

„לאמיר געהן אהין און עס צונעהמען פאר זיך... וואָרום מיר וועלען זיי בייקומען...״

האט מען אוועקגעגעבען חברון צו כלב׳ן „און ער האט פון דארט פערטריבען די דריי ריעזען״ און פאר די חתים און פאר די יבוסים האט ער זיך ניט דערשראקען, און די גרויסע זאפטיגע וויינטרויבען זיינען געפאלען אויף זיין חלק...

---

מיר פאהרען־דורך בית לחם, א נייאויפגעבויטע שטאדט מיט א סך קלויסטערס... קיין זאך ניט וואס זאל דערמאנען אין מינדסטען אן דער בית־לחם וואו רות האט זאנגען געקליבען הינטער די שניטערס פאר זיך און פאר דער אלטער נעמי׳ן...

א בית־לחם פון גלחים און צלמים, און פון ווארשטאטען וואו מען מאכט הייליגע סואווענירס פאר טוריסטען...

---

אנגעקומען אין ירושלים זיינען מיר מיט׳ן דייקסעל אין שבת אריין.

אונזער פלאן איז געוועזן צו בלייבען אין ירושלים איבער שבת און זונטאג אפפאהרען אהיים.

אבער אַן אומגעריכטע איבערקעהרעניס האָט אונז גע־צוואונגען אָפּצופאָהרען פריהער ווי מיר האָבען גערעכענט, און דערצו נאָך מחלל שבת זיין בפרהסיא און פאָהרען אין דעם הייליגען רוה־טאָג אין א וואָגען דורך די גאַסען פון דער עיר הקודש.

---

מיר זיינען געזעסען שבת פריה און האָבען געגעסען אונזער פריהשטיק, מיט אמאָל לויפט אריין דער בעל־הבית פון דעם האָטעל, א בלייכער און אָהן אַן אָטהעם, און ברענגט די בשורה אז דאָס רוסישע קאָנסולאָט האָט נאָר־וואָס ארויסגעצויגען א גרינע פאָהן, וואָס דאָס מיינט, אז טערקיי האָט דערקלערט קריעג רוסלאַנד, און די רוסישע אונטערטאַנען געהען איבער אין דעם שוץ פון דעם איטא־ליענישען קאָנסול.

די נאָכריכט האָט זיך פערשפרייט אזוי ווי א פרעירי־פייער, און האָט אָנגעמאַכט א מהומה אין דער שטאָדט. אזוי ווי דאָס רוב פון די אידישע איינוואוינער פון ירושלים זיינען רוסישע אונטערטאַנען, איז אויף אַלעמען אָנגעפאַ־לען א פּאַנישער שרעק. וואָס וועט טערקיי טהאָן מיט די פרעמדע אונטערטאַנען ?

מע האָט געזעהן וואָס דייטשלאַנד האָט געטהאָן און מע האָט אָפּגעלערענט א קל וחומר...

---

„חאַוואַדזשאַ מוסאַה" האָט געוואָלט אריבערגעהן צו דעם רוסישען קאָנסול. האָב איך איהם בעגלייט.

א קליינע גרינע פאָהן האָט געפלאַטערט אין דער הויך.

אט דאס קליינע שטיקעל גרינע צייג איז געווען דער סימבאל פון א גרויסען אומגליק.

אין קאנסולאט איז געווען א טומעל און א סומא־טאכע. מע האט געפאקט קאסטענס און טשעמאדאנעס מיט דאקומענטען און מע האט זיי האסטיג אפגעשיקט, קענטיג צו דעם איטאליענישען קאנסול.

דער קאנסול אליין מיט זיין אידישען געהילף זיינען געוועזען ווייס ווי קאלך און זיינען אומגעגאנגען הין און הער ווי צומישטע.

„חאוואדזשא מוסאה" האט געפרעגט אויב ער זאל בלייבען אין ירושלים. וועט מען ניט אפשליסען יעדע פער־בינדונג פון ירושלים מיט דער פראווינץ, אזוי ווי מע רעדט ?

די עצה איז געווען : פאהרט, פאהרט וואס שנעלער..: די לופט איז געווען פול מיט שרעקען.

---

איך בין אריבער צו דעם אמעריקאנישען קאנסול דר. גלאסברוק, און האב איהם געטראפען רוהיג ארויסרייטענ־דיג פון זיין טויער אויף א שפאציער, צוזאמען מיט זיין ווייב און זיין „קאוואס".

איך פרעג איהם אויב ער ווייס עפעס וועגען דער קריעגס־ערקלערונג פון טערקיי. זאגט ער אז ניין: דער־צעהל איך איהם די נייעס.

מיט אמעריקאנער, נאטירליך, האט עס ניט צו טהאן. איבריגענס ראטה ער איך זאל פאהרען צוריק קיין רחובות, וואו מיין היים איז.

בלייבט מיר זאָלען פאָהרען תיכף.

שיקט מען פרעגען א שאלה. קריגט מען א היתר. מע מעג פאָהרען אין אזא פאַל. אָבער ג... איז אין פער־צווייפלונג. מיר קלעמט דאָס הארץ פאר איהם. א איד אויף דער עלטער מחלל שבת זיין פאר אַלעמען אין די אוי־גען אין ירושלים...

---

דער בעל־עגלה ווייס ווי צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון אונזער איילעניש. וויל ער צוויי מאָל אזוי פיעל. מיר זע־צען זיך אריין אין וואגען און טרייבען דעם קוטשער.

מיר ווילען וואָס שנעלער ארוים פון ירושלים. מיט אונז פאָהרט דר. רופּין פון דעם „משרד ארץ ישראל". מיר נעהמען דעם אַלטען ג... אריין אין מיטען און זוכען איהם צו פערשטעלען ווי ווייט מיר קענען. ער רוקט ארויף זיין קאַלנער אין דער הויך און בויגט אראָפּ זיין קאָפּ... ווען ער זאָל קענען זיך אין גאַנצען בעהאַלטען אונטער דעם בענקעל!

---

דער וואָגען קלאַפּט חוצפה'דיג איבער די שטיינער און רייצט זיך מיט די שבת'דיגע גאַסען אזוי ווי א מומר להכעים... אידען שטעלען זיך אָפּ און קוקען אָן דעם וואָ־גען און די פּאַסאַזשירען.

— וואָס איז געשעהן ?...

פון וואוילטאָג וועט קיינער, אפילו דער פערביסענ־סטער אפיקורס, ניט פאָהרען אין ירושלים אום שבת. ווייס מען אז עס האָט אָן אומגליק פּאַסירט...

אַן עלטערער איד דערקענט ג... און שטעלט אַן אַ פּאָר אויגען אַזוי ווי די וועלט וואָלט אונטערגעהן.

---

מיר פאָהרען און פאָהרען און אויפ'ן הארצען איז שווער. וואָס וועט איצט פון דעם ישוב ווערען ? וועט דער בלוטיגער מבול אָוועקפלייצען דאָס וואָס איז מיט אַזוי פיעל קרבנות געפלאַנצט און געבויט געוואָרען ?... וואָס וועלען די אַראַבער טהאָן ? וועלען זיי זיך ניט בענוצען מיט דער מלחמה־שטימונג אַקעגען די מאַסקאָבים, כדי אויסצולאָזען זייער צאָרן אויף די אידישע קאָלאָניסטען וואָס זיינען כמעט אַלע רוסישע אונטערטאַנען ?...

---

נאָך אַ פּאָאר שעה פאָהרען כסדר, שטעלען מיר זיך אָפּ אין באָב־על־וואַדי („דער טויער פון טהאָל״), אַן אַראַבישער דאָרף ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט בערג.

דער טרייבער טרינקט אָן די פערד און מיר זעצען זיך אויף קליינע בענקלעך נעבען אַ קאַווע־הויז און בעשטעלען פאַר אונז אַלעמען שעלכלעך קאַווע.

עס איז אַ שעהנער טאָג מיט ווייכען זונענליכט. דער הימעל איז בלאָ און רוהיג און די בערג ארום קוקען אויף אונז מיט אונגעשטערטער מנוחה און זיכערקייט...

עפּעס פון זייער גרויסער רוהיגקייט פאַלט אריין אין געמיטה, און פון צווישען די כמארעס זעהט זיך אַ ליכט...

ג... הויבט אַן חרטה צו האָבען פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינריידען מחלל שבת צו זיין... וואו סכנה ? ווען סכנה ?...

קוקענדיג אויף די רוהיגקייט פון די בערג און אויף די לויטערקייט פון די הימלען, גלויבט זיך קוים, אז ערגעץ איז אומרוה און קריעג און א וועלטען־איבערקעהרעניש...

---

קעגען אבענד זיינען מיר אנגעקומען אין ראמלע. דא האבען מיר זיך צוזעגענט מיט דר. רופין. ער איז מיט׳ן וואגען אפגעפאהרען קיין תל־אביב און מיר האבען זיך אפ־געשטעלטווארטען ביז דער וואגען, נאך וועלכען מיר האבען טעלעגראפירט פון ירושלים, וועט קומען פון רחובות אונז אפנעהמען.

עס איז שוין געווען שפעט ביי נאכט ווען דער וואגען איז אנגעקומען.

---

ביי דעם תחום פון דער קאלאניע זיינען אונז די רייטענדע שומרים ארויסגעקומען אנטקעגען...

ווי שווער עס זיינען געווען די וואלקענס וואס האבען געדריקט אויף דער נשמה, האט דאס הארץ דאך פריידיג אויפגעשפרונגען דערזעהענדיג די שומרים **א ו נ ז ע ר ע**, און וויסענדיג אז מיר זיינען אין דער **ה י י ם — אין רחובות...**

LV.

# ימות הגשמים

די בוימער האָבען געגליווערט פערשמאַכט צום היי־ סען הימעל. די בריסט פון דער גוטער ערד, וואָס זיי האָבען זעקס חדשים געזויגען, זיינען געוועזן טרוקען. ניט א טריף מעהר געבליבען. יעדער בלאַט און צווייג איז געוועזן א שטומע פערצווייפעלטע תפלה אויף רעגען...

האָבען זיך שוואַרצע הורבעס געגומען יאָגען איבער'ן הימעל און פון די הורבעס איז געוואָרען איין גרויסע שטיק שווערע פינסטערנים, און פון דער פינסטערנים איז גע־ קומען א מורא'דיגער פילדער — דער אָנזאָג, אז די טויע־ רען פון רחמים האָבען זיך געעפענט און די תפלה איז אָנגענומען...

דערנאָך איז א גאַנצע טאָג נאָכאַנאַנד די קאַלאַניע געוועזן איינגעוויקעלט אין א געדיכטען מבול און די גערט־ נער האָבען מיט ברענענדיגע דורשט געזופט די ערשטע גאָב פון די ימות הגשמים...

און אויף מאָרגען איז דער הימעל געוועזן שעהנער און בלאָער ווי געוועזן. די בוימער האָבען זיך פּאַסמאַקעוועט מיט די גאָך ניט פערטריקענטע טראָפּענס. דעם דורשט

געשטילט, דאָס האַרץ מחיה געווען, איצט וועט מען וואַר־טען אויף נאָך... עס וועט קומען ברוך השם, טעג און טעג נאָכאַנאַנד וועט עס פּלייצען...

זיינען אַוועק טעג, אַ וואָך און אַרום שול־הויף איז די גראָז ווידער גרין געוואָרען. בלומען הויבען אָן אַרויס־צושפּראָצען. אין דער לופט איז פריהלינג...

---

די ערשטע רעגענס אין ארץ ישראל זיינען אַלע יאָהר אַ יום־טוב פאַר מענשען ווי פאַר בוימער. היינטיגס יאָהר איז דער יום־טוב אַ פערשטערטער.

די שרעק און אונזיכערהייט, וואָס זיינען בעפאַלען די אידישע בעפעלקערונג אין די ערשטע טעג נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין אייראָפּאַ, האָבען זיך וועסט געהאַט בערוהיגט. דאָס לעבען האָט ווידער אָנגעהויבען לויפען מעהר־ווייניגער נאָרמאַל און מען האָט גענומען אָטהעמען פרייער. איצט, מיט דעם אריינטריט פון טער־קיי אין דעם וועלט־קריעג, איז די פּאַניק אויסגעבראָכען פון דאָס ניי, נאָך פינסטערער און נאָך דראָהענדער ווי פריהער.

די שרעק איז ניט קיין אומזיסטע. עס זיינען פאַראַן אורזאַכען גענוג אָנצופילען מיט אַנגסט און ציטערניס אַפילו דעם שטאַרקסטען אָפּטימיסט.

די בעציהונג פון דער רעגיערונג צו אידען ווערט פיינדליכער פון טאָג צו טאָג. ביי יעדער געלעגענהייט ווייזען די בעאַמטע דייטליך אַרויס, אַז זיי קוקען מיט חשד אויף די איינוואוינער פון תל־אָביב, אויף די קאָלאָ־

ניסטען און בעזונדערס אויף די אנשטאלטען פון דעם נייעם ישוב.

די אנגלא־פאלעסטינא באנק איז אין גאנצען גע־שלאסען געווארען און די טשעקס וואס זי האט ארויס־געלאזט זיינען קאנפיסקירט.

---

דער קאמענדאנט פון יפו האט צוגעשיקט א בעפעהל מען זאל איהם צושטעלען א בעשטימטע צאהל געוועהר. ער ווייס, אז אין דער קאלאניע געפינט זיך א גרויסע מאסע וואפען, וויל ער מען זאל עס איהם ברענגען.

אז ה. אייזענבערג, איינער פון די אנגעזעהענסטע פיהרער פון ישוב, איז צו איהם געקומען, האט ער איהם געזידעלט מיט די ערגסטע זלזולים.

— דו מיינסט, כלב איינער, אז ווייל דיין זוהן איז אן אפיציער אין דער אטאמאנישער ארמעע, ביזסטו ביי מיר א יחסן?... איהר וועט אלע ביי מיר פערפוילט ווערען אין תפיסה...

צו דעם געפיהל פון שרעק איז צוגעקומען דאס גע־פיהל פון טיעפער ערנידערונג און קרענקונג.

---

העברעאישע בריעף ווערען אויף דער פאסט ניט אנ־גענומען. ענגליש און פראנצויזיש, הגם זיי זיינען די שפראכען פון שונא, יא, אבער העברעאיש ניט.

די גזרה איז א שרעקליכער קלאפ פאר דער אידישער בעפעלקערונג, דער גרעסטער טייל פון וועלכער קענען אין קיין אנדער לשון ווי העברעאיש ניט קארעספאנדירען.

זיינען די הענד געבונדען און דער מויל פערשלאסען און מען קען זיך צומאל מיט דער אויסענוועלט ניט צו־זאמענריידען.

---

איך בין געגאנגען שפאצירען מיט ס... ווייט ארוים פון רחובות. הערען מיר מיט אמאל דאס קלאפען פון א מאטאר. קלערען מיר, דאס האט זיך אין דער שטילער לופט פערטראגען אהער דאס קלאפען פון די וויינפרעסען אין ראשון לציון.

סעלים, וואס ארבייט אויף א פעלד נאהענט דערביי, הערט מיט זיינע אראבישע אויערען שארפער ווי מיר.

—תאיאר, תאיאר...

מיר פערוואָרפען די קעפ צום הויכען בלאען הימעל און זעהן ווי אן עראפלאן קרייזט זיך גראציעז, אזוי ווי א שטאלצער רויב־פויגעל, ארויף און ארונטער.

דער ערשטער בעזוך פון די ענגלענדער.

זאגט סעלים:

— מיר וועלען זיך שוין מיט די „אינגליז" אפרע־כענען, אינשאלאה (אם ירצה השם). אונזערע וועלען דעם זועץ קאנאל באלד פערשיטען. יעדער איין זאק זאמד וועט זיין גענוג איינגאנצען צו פערשטאפען.

---

צווישען דער אראבישער בעפעלקערונג האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז דער סולטאן וועט אין גיכען ערקלערען א דזשיהאד — א הייליגען קריעג. וועט מען

די „סאנדזשאק שעריף *)״, די גרינע פאהן ארויסנעהמען פון די פערציג טיכער, אין וועלכע זי ליגט אצינד איינגעוויקעלט אין סטאמבול און אז מען וועט זי פאנאנדערשפרייטען וועלען אלע מוסלימין פון קליין ביז גרויס ארויסגעהן אין מלחמה און וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען אויסראטען די שונאים פון אללאה.

---

דאס וואס איז ווי א קאשמאר געלעגען אויף אלע מחות די גאנצע צייט און וואס האט פריהער־שפעטער געמוזט קומען — איז געקומען.

א בעפעהל איז געקומען, אז אלע אונטערטהאנען פון די פיינדליכע מדינות מוזען פערלאזען דאס לאנד. האט די אטאמאנישע אימפעריע געטהאן א חסד און ערלויבט מען זאל זיך אטאמאניזירען — ווערען טערקישע בירגער, און זיין פטור פון דער גזרה.

---

*) די הייליגע גרינע פאהן איז אורשפרינגליך געווען דער טהיר־פארהאנג אין דעם שלאפצימער פון מוחאמעד׳ס ווייב אאישא, וואס די ערשטע אנהענגער פון איסלאם האבען איהר צוליעב איהר גרויס חכמה און גאטספארטיגקייט א נאמען געגעבען „אום־אול־מומינין״, די מאמע פון די גלויביגע. פון די ניין ווייבער, וואס דער „נביא״ האט געהאט, איז זי געווען ביי איהם די געליעבטעסטע און די טייערסטע. זי איז געווען די טאכטער פון זיין טרייעסטען פריינד דעם שפעטערדיגען כאליף אבו־בעקר, און ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט איז ער שוין געווען א מאן אין יאהרען און זי א מיידעלע פון א יאהר ניין.

ווען דער נביא האט דערשפירט, אז ער שטארבט, האט ער געבעטען ביי דער ווייב וועמעס „טאג״ עס איז דאמאלס געווען, זי זאל אפטרעטען איהר רעכט אאישא׳ן. האט מען איהם א האלב־גוסס׳ן געבראכט אין דער קאמער פון זיין ליעבלינג און ער איז געשטארבען דעם קאפ אנגעלעהנט אן איהר שולטער.

האט מען זיך גענומען אַטאַמאַניזירען, בחפזון, נאַטירליך ניט אהן אַ רעכט ביסעל האַרצקלאַפּעניש, בעזונדערס די יונגע, וואָס האָבען זיך געקענט ריכטען. אַז מען וועט זיי אין גיכען רופען דיענען אין דער טערקישער אַרמעע. דערצו איז נאָך דער מקח פאַר זיך אַטאַמאַניזירען געווען אַן ערך צוויי נאַפּאַלעאָן, און ניט אַלע האָבען אַזאַ סומע געלד געהאַט.

לויט דעם געזעץ האָבען דערוואַקסענע טעכטער געקענט יוצא זיין מיט דער אַטאַמאַניזירונג פון זייער פאָטער. האָבען זיך מיידלעך אהן פאַמיליעס צוגעשריבען צו אַ פרעמדען טאַטען כדי זיך אַרויסצומאַכען פון צאָהלען די צוויי לירעס, וואָס זיי זיינען ניט געווען ביכלת צו שאַפען.

איז דער אַלטער שמש, וואָס פערקויפט דעם „החרות" איין פריהמאָרגען מטופל געוואָרען מיט צוויי שעהנע געזונדע כלה־מיידלעך...

די אַטאַמאַניזירטע טראָגען רויטע תאַרבושען כדי צו לאָזען וויסען די וועלט, אַז זיי זיינען טערקישע אונטערטהאַנען. האָבען עפּעס די מענשען אַן אַנדער געשטאַלט. איייניגע שטעהט עס באַטש צום געזיכט, צו די איבעריגע הויבט עס זיך לחלוטין ניט אָן צו פּאַסען און זיי זעהען אויס — איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

אַז מען זעהט משה דעם יאַדושליוועו סטאָליאַר, סאַפּענדיג פון קורצען אָטהעם, אין אַ הויכען רויטען תאַרבוש, מוז מען זיך מיט געוואַלט דערמאַנען אַז טויט כדי זיך ניט פאַנאַנדערצולאַכען.

---

די קליינע אינגלעך פון בית הספר שפּילען אין מלחמה. איינער איז אַ רוסי, דער צווייטער אַ תורכי. שלאָגט מען דעם רוסי מכות אכזריות. די אינגלעך זיי־נען שרעקליך פּאַטריאָטיש.

די פרומע אַלטע אידען פון דער קאָלאָניע זאָגען, אַז דאָס איז די מלחמת גוג ומגוג און די גאולה איז נאָהענט.

איינער אַן אַלטער למדן וואָס זיצט אין לערנט אַ גאַנצען טאָג, האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען דער נאַכט, האָט אויפגעוועקט זיין הויז־געזינד און געהייסען אָנציג־דען אַ סך ליכט. ער אַליין איז געשטאַנען נעבען דעם פענסטער, אַ בלייכער, אַ צושויבערטער מיט ברענענדע אויגען און ציטערדיגע הענד און געקוקט אין דער געדיכ־טער פינסטערניש אַרוים... און די אַלטע ליפּען האָבען געהאַלטען אין איין איבער׳חזר׳ען:

— אָט שוין באַלד וועט ער קומען. אויפ׳ן וועג איז ער, ער גייט צו אונז, לאָמיר איהם מקבל פּנים זיין...

און אַזוי איז ער געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און קיי־נעם פון זיין הויז־געזינד ניט געלאָזט זיך לעגען שלאָפען. און די ליכט האָבען געברענט, און ער האָט געוואַרט אויף משיח׳ן ביז דער טאָג האָט אָנגעהויבען שפּראַצען...

LVI.

# שווערע טעג

איין טאָג איז געקומען אַ ידיעה פון יפו, אַז אַלע פרעמדע, וואָס זיינען ניט געוואָרען טערקישע אונטער־טאַנען, מוזען קומען זיך פערשרייבען אין דער „סעראיע" ניט שפּעטער ווי מאָרגענדיגען טאָג, באם לא וועט מען זיי אינטערנירען ערגעץ אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל פון די אינעווענינגסטע מדינות.

געהייסען האָט עס, אַז אַלע פרעמדע אָהן אונטער־שיעד מוזען זיך מעלדען, אפילו אַמעריקאַנישע בירגער אויך.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך אַ האַלבע קאָלאָניע, און מיר בתוכם, אוועקגעלאָזט אויפ'ן וועג קיין יפו. טהייל זיינען געפאָהרען אויפ'ן דיליזשאַנס אָדער אויף וועגען, טהייל געריטען אויף אייזלען, אָבער די מעהר־סטע האָבען געשפּרייזט צופוס. אין דער מחנה זיינען געווען מענער און פרויען, אַלטע לייט און יונגע בחורים. דער אַכציג־יעהריגער שוסטער, אַ קליינער איינגעטריקנע־טער זקן, איז געגאַנגען ביי דער זייט פון דער הויכער

צוויי־הונדערט־פונטיגער אקושערקע, און האט אויסגע־
זעהן נאך קלענער און איינגעדארטער.

דידאזיגע אקושערקע האט מעהר פון אלעמען מורא
געהאט פאר דער טערקישער ממשלה. מיט א פאר טעג
צוריק — ווי זי דערצעהלט מיט אן ערנסטען פנים —
האט זיך איהר גע'חלומ'ט, אז חאיאלען זיינען געקומען
און האבען זי מיט געוואלט צוגענומען פאר א זעלנער...
זי האט זיך אויפגעכאפט פון שרעק און זינט דעם איז
איהר די אנגסט אין די ביינער אריין. מאלע וואס טער־
קיי קען טהאן!

די זון האט זיך ביסלעכווייז צוברענט און האט אונ־
ברחמנות'דיג געשלאגען אויף די קעפ פון די פוס־געהער.
דער עולם איז געווען מיעד און איז געגאנגען מיט דעם
לעצטען אימפעט. מ'האט ניט גערעדט אדער געלאכט,
ווי דער שטייגער איז ווען מען געהט צוזאמען אין ארץ
ישראל. די מחנה האט זיך געצויגען שטום. שווייגענדיג
האט מען די פיס פונ'ם זאמד געשלעפט און זיך געווישט
דעם שוויים פון געזיכט...

דער עולם האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען צו־
זאמען. די וועגען זיינען אומיסנע געפאהרען פאמעליך
כדי ניט צו לאזען די פוס־געהער אהינטער. האט עס פון
דער ווייטען אויסגעזעהן אזוי ווי א גרויסע לויה...

---

אנקומענדיג אין יפו איז לכתחלה אונזער פלאן גע־
ווען צו געהן גלייך צו דעם אמעריקאנער וויצע־קאנסול
און אויסגעפינען גענוי וואס מען דארף טהאן. אבער אזוי
ווי די „סעראיע" איז ניט ווייט פון דעם „חאן" וואו דער

דיליזשאַנס קומט אָן, זיינען מיר צוערשט אַוועק אַהין צוזאַמען מיט די איבריגע רחובות׳ער.

אין דער סעראַיע איז געווען אַ מורא׳דיגער טומעל און אַן ענגשאַפט דערשטיקט צו ווערען. הונדערטער מענשען האָבען זיך געשפּאַרט אַרום די פערשלאָסענע טהירען, הינטער וועלכע עס זיינען געהיימניספול געזע־סען די בעאַמטע וואָס האָבען פערשריבען די נעמען פון די פרעמדע. יעדער האָט זיך געריסען אַריינצוקומען וואָס פריהער. אָבער די בעאַמטע האָבען זיך אָפּנים וועניג־וואָס געאיילט. צווישען איין מאָל עפענען די טהיר און אַ צווייטען האָט געדויערט אַ שעהן ביסעל צייט און אַריינגעלאָזען האָט מען בלויז אַ צוויי־דריי אויף אַ מאָל. מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסער בעל־חשבון אויסצורעכענען, אַז ניט נאָר אַ טאָג, נאָר אַפּילו אַ וואָך וועט ניט גענוג זיין אַלעמען צו פערשרייבען.

אין מיטען דערינען שטופּט זיך גאָר דורך דעם גע־דראַנג אַן אַראַבישער משרת פון אַ דערבייאיגען קאַפע־הויז מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער ער טראָגט שעלכלעך קאַווע פאַר די פערשרייבערס...

---

אונטערדעסען זיינען אַלע ווייל׳ע אָנגעקומען נייע רעפּאָרטען. איין מינוט האָט עס געהייסען, אַז אַלע קע־נען רוהיג זיך אומקעהרען אַהיים. מען וועט שיקען אַ קאָמיסיע צו יעדער קאָלאָניע בעזונדער. אין אַ צווייטער רגע האָט עס געהייסען, אַז די תושבים פון די קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אַרום רמלה, מוזען זיך מטריח זיין אַהין:

דער עולם האט ניט געוואוסט וועמען צו גלויבען און קיין מענש וואס זאל קענען געבען א ריכטיגע תשובה איז ניט געווען. איז מען אין גאנצען צומישט געווארען.

---

מיר האבען זיך קוים מיט צרות ארויסגעשטופט פון דעם געדראנג אין דער „סעראיע" און זיינען אוועק צום „האטעל הארדעג", וואו עס געפינט זיך דער בעשיצער פון „אנקעל סעמ'ס" בירגער.

אין דער ביורא פון האטעל האבען מיר געפונען א פאר מנינים אמעריקאנער בירגער, אלע אחינו בני ישראל, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם וויצע־קאנסול און זיי־נען איהם דערגאנגען די יאהרען איבער'חזר'נדיג אבער אמאל און ווידער אמאל דיזעלביגע פראגע : דארף מען זיך יא פערשרייבען אדער ניט פערשרייבען ?

א חוץ די אמעריקאנישע בירגער זיינען געווען צווי־שען דעם עולם אייניגע ענגלישע אונטערטאנען, וואס זיי־נען זינט דער קריעגס־ערקלערונג פון טערקיי איבערגע־גאנגען אונטער דער אפעקונסטווע פון דעם אמעריקאנישען וויצע קאנסול און האבען עס ממילא געהאלטען פאר א פליכט איהם צו פערמוטשען מיט אלערליי שאלות.

ריכטיג געשמועסט האט דער וויצע־קאנסול „דאס לאנד פון די פרייע" קיינמאל אין זיין לעבען אין די אויגען ניט אנגעזעהן. דער אמת איז איהם געקומען בירושה פון זיין שווער צוזאמען מיט'ן האטעל און צוזאמען מיט'ן שווער'ס נאמען „הארדעג", וואס ער האט אנגענומען. ער

אליין איז א דייטש מלידה ומבטן, געבארען אין דייטש־לאנד, אויפגעוואקסען אין פאלעסטינא, און מורא׳דיג פרום. אלע צימערען אין זיין האטעל רופען זיך מיט די נעמען פון די נביאים. איין צימער הייסט „חגי״, א צווייטער — „מלאכי״, א דריטער — חבקוק״. אז די נביאים זיינען אויסגעגאנגען און עס זיינען נאך געבליבען אייניגע צי־מערען, האט מען זיי א נאמען געגעבען נאך די מלאכים: רפאל, מיכאל, גבריאל.

צוליעב דער מלחמה איז ער געווען אין דער אבגאר־מאלער לאגע פון א דייטש, וואס מוז אלס אמעריקאנער קאנסול בעשיצען ענגלישע אונטערטהאנען.

איז ער נעבעך געשטאנען איצט מיט אן אויסגעצוי־גענעם פנים, א פערלארענער און א צושראקענער און האט געווארפען מבולבל׳ע בליקען דא אויף זיינע בעלעגערערס און דא אויף א זייטיגע טהיר, דורך וועלכער ער האט קענטיג געהאט שטארק חשק זיך ארויסצורוקען. אויף אזא מין לאגע איז ער לגמרי ניט געווען צוגעגרייט.

די אויסצייכענונג צו זיין דער דורכשניידער פון דעם „גארדישען קנופ״ איז געפאלען אויף מיין גורל. איך האב געהאט דעם „גאונ׳ישען״ איינפאל פארצושלאגען, אז דער „קאוואס״ פון דעם קאנסולאט זאל געשיקט ווערען אין דער „סעראיע״ אויסצוגעפינען בעשטימט אויב אמע־ריקאנער זיינען פטור פון דער פערשרייבונג אדער ניט. דערווייל זאל די בעלעגערונג ארונטערגענומען ווערען אויף א פאר שעה, וואס דאס וועט געבען דעם „קאוואס״ צייט

צו ערפילען זיין שליחות און אונז — אונטערצולעהנען דאָס הארץ.

דער גאָטספּאַרכטיגער שטילער הארדעג איז אזוי יוי בעצויגען געוואָרען מיט א נייער הויט. די געניאַלע עצה איז שנעל איבערגעגאַנגען מן הכח אל הפועל און איידער מיר האָבען זיך אַרומגעזעהן איז דער פּערטהיידי־גער פון די „שטערען און שטרייפען" נעלם געוואָרען דורך דער טהיר, אויף וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט גע־וואַרפען אויגען.

---

מיר זיינען אוועק צו אונזער אַלטען האָטעל אין תל־אביב. דאָס שעהנע שטעדטעל איז כמעט ניט געווען צו דערקענען. אַן אומעט און אַ נידערשלאָגענקייט זיינען געלעגען אומעטום. די לעבעדיגע, מונטערע בעוועגונג אויף די גאַסען האָט אויפגעהערט. זעלטען ווען איז אַ דראָשקע דורכגעפאָהרען. מענשען זיינען אַרומגעגאַנגען בע־זאָרגטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פערגראָבען אין זיך.

בויען נייע בנינים האָט מען אין גאַנצען אויפגע־הערט. פון די וואָס מען האָט אַ צייט פריהער אַנגעהויבען בויען זיינען פיעל געבליבען אין האַלבער אַרבייט, און די ניט־דערענדיגקייט איז געווען אַ שטומע קינה אויף דעם חורבן וואָס די שרעקליכע מלחמה האָט אַנגעמאַכט אין אידישע האָפנונגען.

דער טיש אין רעסטאָראַן, הגם עס איז געווען אין רעכטער מיטאָג־צייט, איז געווען דריי־פיערטעל ניט בע־זעצט. ווייניג זיינען איצט געווען די וואָס האָבען זיך

געקענט פערגינען דעם לוקסוס צו בעצאהלען די סומע פון דריי בישליק (ארום דרייסיג סענט) פאר א מאהלצייט.

א בכבוד'ער סוחר אקעגען אונז האט בעשטעלט איין פארציע פאר זיך און זיין טאכטער...

דער לוסטיגער געשפרעך האט געפעהלט. אזוי ווי מען וואלט זיך געשראקען איינער פאר'ן צווייטען אין די אויגען צו קוקען. האט מען שווייגענדיג געגעסען און די אויגען אין טעלער געהאלטען.

---

נאכמיטאג, אז מיר זיינען צוריקגעקומען צום וויצע־קאנסול, האבען מיר געפונען ווארטענדיג אויף אונז די בערוהיגענדע פערזיכערונג, אז אמעריקאנער און בירגער פון אלע אנדערע נייטראלע לענדער זיינען פטור פון דער גזרה.

ביי נאכט זיינען מיר אפגעפאהרען צוריק קיין רחובות.

---

שווערע גראע טעג קריכען איינער נאכ'ן אנדערען.

איך בין אנגעקומען אין ארץ ישראל אין אזא שעהנער רייכער צייט. אלצדינג איז געווען א ליכטיגע מוזיק — די מוזיק פון דער גרויסער צוקונפט. איצט איז אלץ ווי־דער שווארץ און פול מיט יאוש...

עס נאגען שוין ווידער אין הארצען ספקות. איך הער ווי זיי גריזשען אונטער דער דיל...

אלע ארום זיינען אזוי אפהענדיג, אזוי פערביטערט. עפעס אזוי ווי זיי וואלטען חרטה געהאט אויפ'ן גאנצען עסק...

ריידען רעדט מען על פי רוב וועגען יקרות, וועגען מקחים פון ווייץ און מעהל, פון פעטראָלעאום און צוקער.

דערצעהלט מען זיך וואו מען קען קריגען וואָלוועל אַ קעסטעל שוועבעלעך. „וישח אדם וישפל איש"...

אין רעכטען מיטען פון דער קאָלאָניע איז געשטאַנען אַ רייה פון הויכע גרינע אייקאַליפּטען, וואָס האָבען בע־שעהנט דעם מאַרק. האָט זיי די רייכע מאַדאַם ד... גע־לאָזט אַרונטערהאַקען צוליעב די פּאָר בישליק וואָס זי האָט פאַר'ן האָלץ געקריגען...

געה איך פערביי דעם פּלאַץ און זעה די ווייסע אָפּע־נע וואונדען פון די אָפּגעהאַקטע בוימער, בעפאַלט מיר אַ כעס און עס פילט מיך אַז אַ וועהטאָג וואָס ווערגט מיך און גיט מיר קיין רוה ניט.

הויב איך אַליין אָן פּגימות זוכען און האָב זיך אַליין פיינט פאַרוואָס איך זוך פּגימות.

דאַכט זיך מיר, אַז אַ סך פון די מענשען, וואָס איך זעה, זיינען אין ארץ ישראל נאָר ווייל זיי קענען זיך ניט העלפען... זייענדיג צו אַלט אָדער צו אָרעם זיך אומצו־קעהרען קיין אייראָפּאַ, חלומ'ען זיי, אַז אייראָפּאַ וועט על פי נס קומען צו זיי... זיי וואָלטען בעגריסט די דאָזיגע אייראָפּאַ ווען אפילו זי וואָלט בעשרענקט די פרייהייט פון אידישער נאַציאָנאַלער זעלבסט־ענטוויקלונג...

ניט קענענדיג געהן צום „סיר הבשר", האָפען זיי אין פערבערגנים, אַז דער „סיר הבשר" וועט קומען צו זיי...

פרעג איך זיך מיט אַמאָל פאַרוואָס האָט ארץ ישראל

אונז גייסטיג ניט בעפרוכפערט ? וואו איז דאָס גרויסע ליעד, דאָס קונסט־ווערק, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין ארץ ישראל ?

אָבער איך ווייס, אז אין די אַלע פינסטערע און מיאוסע גריבלערייען איז שולדיג די מלחמה...

---

ניטאָ אויף וואָס צו לעבען... לעב איך אויף די שעהנע זונען־אונטערגאַנגען וואָס זיינען זינט די רעגענס געוואָרען הונדערט מאָל שעהנער...

קומט אַן דער פאַרנאַכט, שפּיעלט עס אזוי ווי א לאַנגע אָראַטאָריאַ שטונדען און שטונדען.וואָרפענדיג אייז אויסגוס פון פאַרבען נאָך א צווייטען, איינער שעהנער פונ׳ם צווייטען... איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי אונענדליך די צאָהל פון פאַרבען איז, אזוי ווי איך ווייס עס איצט, זינט איך לאָב זיך מיט די זונען־אונטערגאַנגען פון דעם ארץ־ישראל׳דיגען חשוון.

פערשוואונדען די גריבלערייען און איך הער ווידער— דאָס מאָל אויף א שטילער קוים הערבאַרער אַקטאַווע — דאָס גרויסע שעהנע געזאַנג פון דער צוקונפט, דאָס פרייד־ליעד פון דעם אויפגעבויטען ארץ־ישראל...

קום איך אהיים פון שפּאַציר און איך שווער ווידער, אז איך וועל ארץ ישראל ניט פערלאָזען...

## LVII.

# אַ בריעף

טייערער...

די פּאָסט איז איצט אין גאַנצען דעמאָראַליזירט און איך שיק מיין בריעף אויף גאָט'ס בעראָט. ווען ער וועט אָנקומען (אויב ער וועט איבערהויפּט אָנקומען), וועל איך אפשר שוין מעהר ניט קענען זעהן דורכ'ן פענסטער, אַזוי ווי איך קען זעהן איצט, דעם הויכען גרינעם אייקאָליפּט פון מיין שכן, דעם העכסטען אייקאָליפּט פון דער גאַנצער קאָלאָניע; און די אויגען וועלען זיך ניט מעהר אָפּרוהען אויף דעם גרינעם גראָזיגען בערגעל, וואָס ארום שוהל, און אויף דעם הארציגען ווייסגעקאָלכטען בית־הספר; און די לונגען וועלען זיך ניט מעהר אָנפילען מיט דער פרישער קוויקענדער לופט פון דעם ארץ־ישראל'דיגען הערבסט. די אַלע זאַכען וועלען זיין עראָינערונגען און דאָס הארץ וועט זיך צוזאַמענדריקען זיי דערמאָנענדיג.

...איך שעהם זיך און איך שרעק זיך... אָנגסט און בושה פלאָטערען ווי טונקעלע פלעדערמייז ארום אַ גאַנץ

העלען טאָג, און אַלע ווײַלע שלאָגען זיי זיך אָן אַן אַנדער ווינקעל פון דער נשמה...

איך שעהם זיך...

פון אינעווייניג קוקט עמיצער אויף מיר און איך קען זיין קוק ניט אויסמיידען און ער זאָגט צו מיר: דו האָסט די פּראָבע ניט אויסגעהאַלטען...

און איך שרעק זיך...

די מלאכי חבלה, וואָס איך בין פון זיי לויז געוואָרען מיט מיין ערשטען אַרויפטריט אויף דעם „גומרוק" פון יפו'ער פּאָרט, זיי וואַרטען דאָרט אַצינד אויף מיר. אַזוי שנעל ווי די פערברווינטע „באַחאַריעה" וועלען דאָס שיפעל אָפּשטויסען פון ברעג וועלען די דאָזיגע מלאכי חבלה אַרויסשפּרינגען פון צווישען די פעלזען און זיי וועלען די צייהן שצירען און זיי וועלען מיך נעהמען פּייניגען, אַזוי ווי זיי האָבען מיך פיעל יאָהרען געפּייניגט...

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער כח־הקלע איז פאַר מיר געענדיגט. איך האָב דאָך ערשט ניט לאַנג צוריק מיט אַזוי פיעל פרייד דעם קרייזים דורכגעמאַכט. און איך האָב צו זיך געזאָגט: אַצינד ביסטו זיכער, דער באָדען איז פעסט אונטער דיר, און אַלע ווינטען פון דער וועלט וועלען דיך מעהר ניט אויסרייסען... און איך האָב, ווי איינער וואָס איז נאַר־וואָס פון אַ שיף־ברוך ניצל געוואָרען, געקוקט אויף די אונזיכערקייט, וואָס איך האָב געלאָזען הינטער זיך, און גומל געבענשט...

אָט ווי עס איז צוגעגאַנגען:

אָנגעהויבען האָט עס זיך, ווי ביי יעדערען וואָס

קומט אהער, מיט א יום־טוב, מיט א שכרות. זונענשיין, הימעל, בלומען, ים — אלץ האט בערוישט ווי אן אלטער וויין. די כלי איז ניט געווען גרויס גענוג דעם רייכטום אריינצונעהמען אין זיך, די הענד ניט פלינק גענוג די אוצרות אויפצוקלייבען... נײ־געבארען, און די אברים לייכט ווי א פעדער, און די געדאנקען אזוי וואלקענלאז און לויטער...

דערנאך איז געקומען — אזוי ווי עס האט געמוזט קומען — אן אפהענדיגקייט, א חשבון הנפש... איבער די ליפען איז דאס ניט אריבער און ניט גאנץ קלאר איז עס געווען, און עס האט ניט געוואגט זיך אליין מיט'ן נאמען אנצורופען. האט איהר אלע פון יענער זייט ים צוגעהאלפען און איהר האט אויף מיר מיט די פינגער גע־טייטעלט: בעשרענקונג, פערשמעלונג, פעראַרעמונג...

האב איך מיין ערשטע התפעלות צוריק ארויפגע־כשופט און מיט איהר אייערע כלי־זין צובראכען. עס איז אין נצחון געגאנגען... אבער פאר זיך אליין האב איך קיין געוועהר ניט געהאט...

דאס זיינען געווען שרעקליכע טעג. איך האב אין ערגעץ קיין אנהאלט ניט געפונען. די אלטע יסורים האבען א נייעם צולאג געקראגען — ש פ א ט פ ו ן ז י ך...

דאס זיינען געווען שרעקליכע טעג, אבער נאך זיי איז געקומען די גענעזונג — די אמת'ע ליעבשאפט צו דעם לאנד... ארץ ישראל איז געוואקסען און געוואקסען און האט זיך אויסגעגלייכט מיט די ברייטסטע הארי־

זאָגטען און זי איז אַזוי גרויס געוואָרען ווי מיין גאַנצע וועלט... ריכטיגער געזאָגט, ארץ ישראל איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז אַלע מיינע וועלטען זיינען אין איהר אריין, און האָבען זיך געקענט שפּרייטען און שפּרייטען...
און איך האָב ניט מעהר געזאָגט: עס איז ווערטה דעם פּרייז וואָס איך צאָהל. וואָרום עס איז קיין אויסבייט ניט געווען. עס איז ניט געווען קיין אָפּפער און קיין פערמינדערונג. איך בין געוואָרען רייכער און גרעסער און עס איז איצט געווען מיין רייה אויסצודרעהען דעם פאָרוואורף צו אייך: אָרעם זייט  א י ה ר . . .  אַ גאַנץ לעבען געהט ביי אייך אַוועק אין מאַכען סינטעזען, און נאָכאַנאַנד איהר לאַטעט און איהר צירעוועט און איהר לייטה צוזאַמען. האָט אייך גאָט מיט גוטע קעפּ גע־בענשט און מייסטערס זייט איהר אויף אַלערליי לאָגישע פּלפּולים. האָט איהר שוין ווי עס איז צוזאַמענגעשטעלט אַ כלומרשט גאַנצע זאַך.

אָבער דער בגד פּלאַצט דאָך דאָ און דאָרט, די שטעך זיינען צו טאַנדעט. און ווי קונציג איהר זאָלט זיי ניט מאַכען איז די ארבייט דאָך אַ פערפּושטע. מוזט איהר זיך נאָכאַנאַנד דרעהען אַזוי, אַז מען זאָל אויף אייך די גע־פּלאַצטע נעהט ניט זעהען...

און דאָס דרעהען זיך איז אַזוי קראַנקהאַפט, אַזוי אומנאַטירליך, אַזוי מיאוס, וואָרום אַלץ וואָס איז אומ־נאַטירליך איז מיאוס...

...און  א י ך  ווידער  צווישען  דערדאָזיגער אומ־נאַטירליכקייט?

... מיין שטאָלץ איז אַזוי ריעזיג אויפגעוואַקסען אין דעם לעצטען יאָהר. דאָס האָב איך מסתמא פון דעם הויכען אייקאַליפּט געקריגען... איך בין אַזוי פערלאַנגעריש געוואָרען. איך האָב געוואָלט די פולסטע מאָס, אָהן אָפּדינגען זיך. און זיך שטעלען פערענטפערען און סינ־טעזען מאַכען און בעגרינדען מיט שכל'דיגקייט דאָס, וואָס האָט אין מיר געזונגען ווי אַ מעכטיגער געזאַנג, און דאָס וואָס האָט אַרום מיר געשפּראָצט און געוואַקסען אין אַלע עקען — דאָס איז געווען בעטלעריש־קליין און וואָ־רעם־שפּל אין מיינע אויגען...

און אַצינד וועט דאָס אַלץ אויפהערען און עס וועט זיך אָנהויבען דער אַלטער מיאוסער קנויל פון ווידער־שפּרוכען, דער פּלאָנטער פון צווייפעל און גלויבען, פון אמת'ען וועהטאָג און איינגעשמועסטער פרייד, פון פער־צווייפלונג און מוטיגקייט...

און לעבען ווידער אויף ברעקלעך... פונ'ם רייכען טיש וועל איך פערוואָגעלט ווערען און זיך פון דאָס נײ נעהמען לערנען די קונסט פון זיין אַ „מסתפק במועט".

אַ קליין בלאָנד מיידעלע וועט אַרוים אויף אַ פּלאַטפאָרמע און וועט דעקלאַמירען אַ אידיש ליעד מיט מעהר ווי אַ רמז פון אַן ענגלישען אַקצענט און מיין שכן וועט זיך ארײ־בערבויגען צו מיר און מיר אין אויער איינשושקען: און דאָ אין אַמעריקאַ געבאָרען... און די אויגען פון מיין שכן וועלען גלאַנצען פייכט פון שמחה און איך וועל זיך אויך מיטפרעהען...

איך טוליע נאך אליץ צום הארצען די האפנונג, אז עס וועט דאך ניט געשעהן. און אויב איך וועל מיין זוניגע רחובות פערלאזען, וועט עס זיין אויף א ווייל קיין מצרים. דארטען וועלען מירווארטען ביז דער מבול וועט אריבער. דארטען וועל איך זיך פעררוקען ערגעץ אין א ווינקעל, זיך איינגנורען אין זיך און חלומ׳ען ארץ ישראל...

דיין...

## LVIII.

# וואַך־נאַכט.

אַ פּחד, וואָס האָט איבערגעשטיגען אַלע פריהערדיגע שרעקען, איז אָנגעפאַלען אויף די אידישע איינוואוינער פון פּאַלעסטינא, נאָך דעם „שוואַרצען דאָנערשטאָג", ווען אַראַבישע חאַיאַלען האָבען געכאַפּט מענער, פרויען און קינדער אויף די גאַסען פון תל־אביב און זיי געשלעפּט מיט געוואַלט צום „גומרוק", כדי זיי אַרויסצושיקען מיט דער איטאַליענישער שיף, וואָס איז דאַמאָלס געשטאַנען אין פּאָרט.

מע האָט די אַרויסגעשיקטע ניט געגעבען צומאָל צייט גענוג מיטצונעהמען די נעטהיגסטע זאַכען. קינדער זיינען אָפּגעריסען געוואָרען פון עלטערען און עלטערען פון קינ־דער. קליינע עופה'לעך האָט מען אָפּגעשיקט אַליין און טאַטע־מאַמע איבערגעלאָזט אין יפו. די „באַחאַריעה", די אַראַבישע שיפערס, וואָס זיינען אַ שם דבר מיט זייער ווילדקייט און רציחה אפילו אין געוועהנליכע צייטען, האָ־בען דעם בעפעהל פון דער ממשלה אויסגעטייטשט ווי אַן אָנציהערענס, אַז די אידישע פּאַסאַזשירען זיינען הפקר. איבערפיהרענדיג די אומגליקליכע פון ברעג צום שיף, האָ־בען זיי זיך מיט זיי בעגאַנגען אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן:

זיי האָבען מיט סטראַשונקעס געפּאַדערט געלט, ארונטער־געשלעפּט ציערונג פון דעם האַלז פון פרויען און געריסען אויערינגלעך פון די אויערען. די אריבערפיהרונג איז געווען ביינאַכט, דאָס וואַסער איז געווען אומרוהיג און די פּאַ־סאַזשירען זיינען געווען אין די הענד ביי די ווילדע אייניק־לעך פון די אַמאָליגע ים־רויבער...

פאַקטען וואַקסען זיך שנעל פאַנאַנדער אין דעם אָרי־ענט און איינגעשראָקענע געמיטהער זיינען אַ גינסטיגער באָדען פאַר די ווילדסטע קלאַנגען. האָט מען זיך דער־צעהלט זאַכען וואָס האָבען פּאַסירט יענעם אַבענד, פון וועלכע די האָאר האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט. אַ נייןיעה־ריגע מיידעל — האָט איין בעריכט איבערגעגעבען — איז אין דעם הו־האַ אין ים אריינגעפאַלען און דאָס וואַסער האָט זי נאָך דעם ארויסגעשווענקט אויפ׳ן ברעג פון תּל־אביב.

---

צוליעב די פּאַסירונגען פון דעם שווארצען דאָנער־שטאָג האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט ביי אַ גרויסען טהייל פון דער בעפעלקערונג די אומגעדולד צו פערלאָזען דאָס לאַנד וואָס שנעלער, מיט׳ן גוטען ווילען, כּדי ניט האָבען אויסצושטעהען אין דער צוקונפט אַן עהנליכע ער־פאַהרונג.

גלייך נאָך דעם איז געקומען דער בעפעהל פון דער רעגירונג, אַז אַלע פרעמדע אונטערטהאַנען און בירגער וואָס האָבען בדעה צו פערלאָזען דאָס לאַנד, מוזען עס טהאָן ניט שפּעטער ווי דעצעמבער דעם אַכט־און־צוואַנ־

ציגסטען. נאָך יענעם דאַטום וועט דער פּאָרט זיין סוגרת ומסוגרת. ניט ארויס און ניט אריין. *)

---

מיר האָבען אונזער ישוב־הדעת ניט געקענט מעהר פערלענגערען. מע האָט געמוזט זיך בעשליסען. ענטוועדער בלייבען פערקאַרקעוועט אין ארץ־ישראל אָהן געלד און אָהן פערבינדונג מיט דער דרויסען־וועלט, אָדער אָפּפאָהרען מיט דער לעצטער שיף קיין מצרים און דאָרט אָפּוואַרטען דעם סוף פון דער מלחמה.

דער שכל הישר ווי אויך אַלע אונזערע פריינד און שכנים האָבען געראַטהען דאָס לעצטע.

---

ביז אונזער אָפּפאָהר זיינען נאָך געבליבען מעהרערע טעג. האָט זיך מיר געוואָלט וואָס מעהר אריינכאַפּען פון מיין נייער היים, וואו מיר איז צומאָל ניט בעשערט געווען א יאָהר־פעסט צו פייערען.

אַלע בוימער אין אונזער פּרדס האָבען געוואוסט, אז איך פערלאָז ארץ ישראל, און איטליכער פון זיי האָט זיך מיט מיר איבערגעקוקט מיט בענקענים און מיט בקשה.

— אז דו מוזט פאָהרען, פאָהר... אָבער ניט פערגעס.

---

איך האָב געשפּאַציערט דורך און ארום דער קאָלאָניע שעה'ן נאָכאַנאַנד. די אַליוועז־וועלדער און די אָרענדזש

---

*) ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען איז דער פּאָרט געבליבען אָפען נאָהענט פון א יאָהר צייט נאָך דעם דאָזיגען דאַטום. דער לעצטער טאָג איז תמיד אָפּגעלעגט געוואָרען ארויסצולאָזען א נייעם טראַנספּאָרט פרעמדע.

גערטנער, זאַט־אַנגעטרונקענע פון די רעגענס, זיינען געווען פרישער ווי איך האָב זיי ווען עס איז פריהער געזעהן. דער הימעל איז געווען לויטער און ריין אַזוי ווי איין שטיק סאַ־פיר... אַ ווארעמער ווינטעל האָט געוועהט און די זון האָט געשטיפט אין אַלע ווינקלען.

די הרי יהודה האָבען ווידער גע׳חלום׳ט הינטער בלויע דעקטיכער, און די טויבען האָבען זיך געדרעהט איבער׳ן בית הספר און איבער׳ן גן־הילדים און איבער דער שוהל, און די „מושבה" האָט געדרעמעלט שטיל אין דער מיטאָג־זון.

איך האָב דאָס אַלץ געוואָלט מיטנעהמען מיט זיך: די זון און דעם הימעל און די בערג און די טויבען און דעם גלאָק נעבען מארק און דאָס זינגען פון די קינדער אין דעם קלאַס...

---

אַז עס איז געקומען דער אבענד פאַר אונזער אָפּפאָה־רען און די זאַכען זיינען שוין געווען איינגעפּאַקט, איז מען פון דער קאָלאָניע זיך געקומען מיט אונז געזעגענען. עס זיינען געקומען בעקאַנטע און ווילד־פרעמדע. מיר זייי־נען דאָך אַלע איין משפּחה געווען...

האָט מען אונז געבראַכט גוטע זאַכען אויפ׳ן וועג. ווער קיכלעך, אומיסנע געבאַקט פאַר אונז, ווער מאַנדלען:

מיר זיינען אַלע געזעסען ארום דעם גרויסען, רויהען טיש, וואָס דער יאַדעשליווער משה האָט פאַר אונז גע־מאַכט, און אַלעמענס הערצער זיינען געווען שווער און מע האָט זיך געוואונשען בקרוב זיך ווידער צו זעהן...

עס איז שוין געווען צוועלף א זייגער ווען דער לעצ־
טער האט זיך מיט אונז צעזעגנט.

---

אז מיר זיינען געבליבען אליין, און די קאלטע שאר־
פע נאכט־לופט איז אריינגעקראכען אין צימער, האבען מיר
אריינגעווארפען א פאאר אייקאליפט־קלעצלעך אין הייץ־
אויוועלע און זיינען געזעסען און געקוקט אויף די שוואר־
צע פנים׳ער אין די פלאמען...

שלאפען האבען מיר ניט געוואלט. אונזער לעצטע
נאכט אין רחובות האט געזאלט זיין א ליל־שמורים. ארום
פיער פארטאג האט מאחמוד געזאלט קומען און אונז נעה־
מען קיין יפו. מיר האבען געוואלט ארויספאהרען פון
רחובות אין דער פינסטער, שטילערהייד, קיינער פון דער
קאלאניע זאל אונז ניט זעהן... עס איז געווען א וועה און
א שאנד.

איך האב זיך געפיהלט שולדיג אקעגען די געבליבע־
נע, און די שולד איז מיר געלעגען שווער אויף דער נשמה..

---

אין האלבען דרעמעל האב איך מיט אמאל געהערט
ווי דאס הויז פאלט צוזאמען איבער מיר מיט א מורא׳די־
גען קראך. איך האב ווייט צעעפענט די אויגען. דאס האט
מאחמוד געסטוקעט אין דער טהיר. דער וואגען איז געווען
גרייט און די צייט צו פאהרען איז געקומען.

דאס פייער איז געווען אין גאנצען אויסגעגאנגען
און די ווייסע זיידענע אש איז געלעגען קאלט און פלאך
אויף דעם דעק פון דעם אויוועלע. צו די שויבען האט זיך
נאך געדריקט א טיפע פינסטערניס. עס איז נאך געווען

מעהר ווי א האלבע שעה צו דעם ערשטען שפראץ פון טאג.

---

מיר האבען גענומען אונזערע צוויי טשעמאדאנעס, וואו מיר האבען איינגעפאקט דאס סאמע נויטיגסטע, זיך איינגעזוויגען נאך אמאל אין די מעבעל, אין די ווענד ארום, אין דעם מגן־דוד פון זאנגען אויפ'ן וואנד און זיינען ארויס פון הויז. מיר האבען צוגעשלאסען די טהיר און דעם שליסעל שטילערהייד אוועקגעלעגט אויף דעם פענסטער־געזימס פון אונזער שכן, וואס האט געזאלט בלייבען דער שומר אויף אונזער דירה.

דער וואגען איז מיט אונז ארויסגעפאהרען דורך דעם שמאלען איינפאהר. די קאלאניע איז געווען איינגעשלונגען אין חשך, קיין פונק פייער האט זיך אין ערגיץ ניט גע־זעהען.

ערשט אז מיר זיינען שוין געווען ארויס פון דער קא־לאניע האט זיך גענומען בעוויזען אויפ'ן מזרח־ווינקעל א גראע פליאמע, „דעם וואלף'ס עק", ווי די פערסיער זאגען...

האט זיך דעם „וואלף'ס עק" צעשפרייט און צע־שפרייט און הינטער אונז האט זיך גענומען ווייסלען די „מושבה"... דאס רעווען פון אן אייזעל האט זיך דערהערט, און אויף די געהעפטען האבען זיך די אראבישע אראבאד־זשים גענומען טשוכען:

---

עס איז שוין געווען ליכטיג ווען מיר זיינען געקומען צו דעם וועלדעל, וואס ליעגט צווישען רחובות און וואדי־

חניז. האָט מאַחמוד אָפּגעשטעלט דעם וואָגען, איז לאַנגזאַם אַראָפּגעקראָכען פון דער קעלניע, און האָט אויסגעשפּרייט זיין „סערזשערעה" (אַ טוך פאַר קניהען), ביים וועג נעבען אַ קוסט. ער האָט זיך געשטעלט מיט דעם פּנים צו דרום, אהין וואו די היילינע מעקקא געפינט זיך. די הענד האָט ער געהאַלטען אויסגעשפּרייט אַזוי ווי פליגלען אויףביידע זייטען פון געזיכט, און די אויגען האָבען געקוקט צו דער ערד. מיט הארציגער כונה, לחלוטין זיך ניט־קימערנדיג אום אונז, האָט ער געמורמעלט:

„ביסמיללאַהי ראחמאַני ראחימי", אין דעם נאָמען פון אַללאַה דעם דערבאַרימער, דעם באַרמהערציגען... האר פון די וועלטען, קיניג פון דעם יום־הדין, דיך דיענען מיר און צו דיר קומען מיר נאָך הילף... פיהר אונז אויף דעם ריכטיגען וועג...

דערנאָך האָבען זיך די קניע אַראָפּגעלאָזען און דער קאָפּ איז צוגעפאַלען צו דער ערד:

אַללאַה אַקבאַר...

---

ווען ער האָט געענדיגט זיין תפילה, האָט ער קאַלט־בלוטיג צוזאַמענגעוויקעלט די צוריסענע „סערזשערעה". אַרויפגעקראָכען צוריק אויף זיין פּלאַץ און גענומען שיל־טען די פערד מיט טויטע קללות.

די זון האָט אונטערדעסען אַרויסגעשטעקט אַ גיל־דערנעם האָרן און דער האָרן איז געוואַקסען און באַלד איז אַרוים אַ גרויסע רונדע שטיק פייער: עס האָט זיך אָנגע־הויבען דער פריידיגער זון־בעגאַסענער טאָג פון ארץ ישראל...

# LIX.

# „להתראות בארץ ישראל"

ארום אכט א זייגער אין דער פריה איז אונזער וואגען אריינגעפאהרען אין תל־אביב. איך האב אויפגעזוכט דאס הויז וואו די אנגלא־פאלעסטינא באנק, הגם אפיציעל געשלאסען, האט בראוו געקעמפפט כאטש טיילווייז צו פונקציאנירען ווי עס איז. איך האב געטראפען דעם ענערגישען גראזאווסקי אין מיטען פון א צעהנדליג מענשען וואס האבען איהם געריסען פון אלע זייטען. זינט איך האב איהם געזעהן דאס לעצטע מאל, איז זיין קאפ און זיין שפיציג בערדעל געווארען פיעל גרויער און זיין געוועהנליך אויפגעראמטער פנים האט געטראגען די סימנים פון די לעצטע שווערע איבערלעבונגען. ער איז מיט צעהן יאהר עלטער געווארען.

איך האב איהם דערצעהלט פון אונזער בעשלוס אפצופאהרען. ער האט אווארט ניט געזאגט, נאר געקוקט אויף מיר מיט גרויס צער.

ער האט מיר איבערגעגעבען אין א פאאר ווערטער וואס פאר גרויסע שוועריגקייטען די באנק מוז בייקומען און וואס פאר קונציגע מיטלען זי מוז געברויכען, כדי ארי־

בערצוקריגען פון מצרים כאטש אביסעל געלד, און ניט לאזען דעם ישוב אין גאנצען צוזאמענפאלען.

איך האב געבעטען מע זאל מיר אויסצאהלען בלויז געגוג פאר שיפסקארטען ביז אלעקסאנדריא. האט ער מיר דערלאנגט צוויי הונדערט פראנק אזוי ווי מע דערלאנגט איינעם אן אוצר.

אז איטאליענישע שיף האט געזאלט אפפאהרען אויף מארגען, האבען מיר בעשלאסען צו נעהמען פלעצער אויף איהר.

---

די אויסזיכט צו מוזען פאהרען אויף דער איטאליענישער ליניע, וואס איז בעקאנט מיט איהר שמוציגקייט און אונבעקוועמליכקייט, איז ניט געווען קיין אנגענעהמע. אבער מע האט ניט געקענט זיין קיין אויסטראכטער.

ערגער פון אלץ איז געווען וואס אפילו אז מע האט שוין געקויפט א בילעט און בעצאהלט צוויי מאל אזוי פיעל ווי אין געוועהנליכע צייטען, איז מען דאך ניט געווען זי־כער, אז מע וועט האבען א פלאץ אויף דער שיף. אזוי ווי די איטאליענישע ליניע איז געווען די איינציגע וואס האט נאך קורסירט צווישען יפו און אלעקסאנדריא, איז דער אגענט וואס איז צוגלייך געווען דער איטאליענישער קאנסול, געווען א תקיף. ער האט פערקויפט שיפקארטען רעכטס און לינקס, וויסענדיג פאראויס אז דער דאמפפער קען אפילו א העלפט ניט ארויפנעהמען.

ווען עס איז מעהר קיין פלאץ ניט געווען, האט ער די קויפער פון די בילעטען אפגעגעבען צוריק זייער געלט

אחוץ — צעהן פראצענט קאמיסיאן וואס ער האט אראפּ־גערעכענט פאר זיך.

---

איז אזוי ווי פון הימעל אראפּגעפאלען די ישועה. א נאכריכט איז אנגעקומען, אז די אמעריקאנישע קריעג־שיף „טענעסי" ווערט ערוואַרטעט מאָרגען־איבערמאָרגען און זי וועט אויפנעהמען אלע וואס מוזען פערלאזען דעם פּאָרט און וועט זיי ברענגען בשלום קיין מצרים.

דער וויצע־קאנסול האט די נאכריכט בעשטעטיגט און האט אונז אויך דערצעהלט, אז דער אלטער דר. גלאסברוק, דער הויפּט־קאנסול פון ירושלים, קומט אומיסנע אהער בכבודו ובעצמו אכטונג צו געבען אז די פילאנטראפּישע שליחות פון דער „טענעסי" זאל ריכטיג אויסגעפילט ווער־רען, אהן שטערונגען מצד די טערקישע פּאָרט־בעאמטע.

---

אויף מאָרגען, שבת, גאנץ בעגינען, האט זיך אנגע־הויבען די אויסוואנדערונג פון תל־אביב. די איטאליענישע שיף איז אנגעקומען. און די יעניגע וואס האבען געקויפט בילעטען אויף איהר האבען זיך געפעדערט צו קומען וואס שנעלער אויפ׳ן „גומרוק".

פון די הייזער האבען זיך ארויסגערוקט מענשען איינציגווייז אדער אין קליינע הייפלעך און האבען זיך אי־בער׳ן זאמד דורך זייטיגע וועגען געלאזט געהן מיט פּעק־לעך אין די הענד, צום פּאָרט. מע האט זיך געשעהמט בפרהסיא צו פערלאזען ארץ ישראל און דערצו נאך פער־וואכעדיגען די הייליגע רוה פון דעם שבת־טאג.

אויסען שטאָדט האָבען זיך די הייפלעך צוזאַמענגע־גאָסען און דער וועג פון תל־אביב קיין יפו איז געווען שווארץ מיט מענשען. די געזיכטער זיינען געווען ערנסט פערשלאָסען, די ליפען צוזאמענגעדריקט, די אויגען צו־טראָגען. מע איז געגאַנגען האסטיג, איבערגעלעגט די פעקלעך פון איין האנד אין דער צווייטער און ווייטער גע־שפּאַנט און געאיילט צו קומען וואָס גיכער צום „גומרוק".

איבער זייערע קעפּ איז מיטגעגאַנגען אַ ווייכער בלענ־דענד־בלאָער הימעל, און שטראַהלען זיינען נאָכגעלאָפען נאָך דער מחנה ווי שטיפערישע קינדער נאָך אַ טרויער־פּראָצעסיאָן...

---

מיר זיינען אַוועק צום אַמעריקאַנישען קאָנסולאַט, אויסגעפינען וועגען דער „טענעסי". אין האָטעל האָבען מיר געטראָפען דר. גלאַסבּרוק, וואָס איז נאָר וואָס אָנגע־קומען פון ירושלים. מע האָט זיך געריכט יעדע מינוט די שיף זאָל אָנקומען.

זיינען מיר געשטאַנען אויף דעם פלאַכען דאַך פון דעם האָטעל און האָבען געקוקט אויף דער גאָלד־בעשפּריצ־טער בלאָקייט פון דעם ים־הגדול און האָבען געוואַרט אויף אַן ערשטען סימן. און אַז מיר האָבען דערזעהן אַ ווייסען צאָפּ פון רויך, און דערנאָך די הויכע קוימענס אַרויסקרי־כענדיג פון האָריזאָנט, איז עס געווען ווי אַ ליעבער גרוס פון דערהיים...

די בשורה פון דער „טענעסי'ס" קומען האָט זיך שנעל פערשפּרייט. אַלע האָבען זיך גענומען פיהלען זיכערער. די

שטאַרקע האַנד פון אַ גרויסען פרייען פאָלק האָט זיך אויס־געשטרעקט פון איבער ימים אהער צו שיצען און צו העלפען...

---

די „טענעסי״ איז אָנגעקומען שפּעט נאָכמיטאָג און איהרע פּאַסאַזשירען האָט זי געזאָלט אויפנעהמען אויף מאָרגען, זונטאָג, פריה. איז ביי אונז געבליבען צו נעכ־טיגען ניט אין תל־אביב וואו מיר פלעגען געוועהנליך איינ־שטעהן, נאָר אין „האָטעל הארדיעג״, וואו דר. גלאַסברוק און אַנדערע אַמעריקאַנער זיינען איינגעשטאַנען, כדי צו זיין גרייט גלייך אין דער פריה אַוועקצוגעהן צום „גומרוק״.

אין אָבענד איז געקומען גראַזאָווסקי זיך מיט אונז געזעגענען. ניט ער און ניט איך האָבען אַ וואָרט געקענט ריידען.

מיר האָבען זיך געדריקט די הענד:

— להתראות !

— להתראות בארץ ישראל !

אין דער שיטערער שפּיציגער בערדעל האָט זיך אַראָפּ־געקייקעלט אַ גרויסער טראָפּען.

---

דער „נומער״ פון אונזער צימער איז געווען „חבקוק״. אַ שעהן געראַם צימער, ריין און בעקוועם, מיט אַ גרויסען פענסטער און אַ בעזונדער באַלקאָן און מיט אַ פּראַכטיגער אויסזיכט, אויף אָראַנזש־גערטנער און פּאַלמען, און הינ־טער זיי אויפ׳ן ים ארוים.

ביז אַ שטיק אין דער נאַכט זיינען מיר געזעסען אויף

דעם באַלקאָן און האָבען שטומערהייד געשפּונען בענקע־ניסען און האָפנונגען אַרום די שטערען. די גרויסע קיהלע שטערען האָבען אונז אַ זיגעל אויף די ליפען אַרויפגע־לעגט...

פון ווייטען, אויפ'ן ים, האָט זיך געזעהן די „טענעסי" אַרומגעשנורעוועט מיט הונדערטע עלעקטרישע ליכט...

---

דער בייזער נביא „חבקוק" האָט מיר ניט פיעל שלאָף פערגונען, ווי נויטיג איך האָב דעם שלאָף בעדאַרפט האָבען נאָך דער אומרוה און דער אַרומלויפעניש פון טאָג. מיט דעם ערשטען גראָען פלעק וואָס האָט זיך געלעגט אויף די שויבען, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. מיין לעצטע נאַכט אין ארץ ישראל איז געווען געענדיגט. איידער דער טאָג וועט זיך נייגען צום אונטערגאַנג, וועל איך די ברעגעס פון ארץ ישראל האָבען געלאָזט הינטער זיך און דער טרוים פון אַ לעבען וועט זיין צושטערט...

איך בין אַרויס אין קאָרידאָר און פון דאָרט אויף דער מזרח־וועראַנאַ פון האָטעל. די שטאָדט און די גאַנצע אומ־געגענד איז געווען טויט. קיין זכר פון אַ לעבעדיגען נפש.

דער מזרח האָט זיך פּאַמעליך גענומען רויטלען און די רויטקייט איז צולאָפען ביז'ן האַלבען הימעל.

אַקעגען הימעל איז געשטאַנען אַן איינציגער הויך־בער פּאַלם־בוים און האָט זיך געשטרעקט און געצויגען אַרויפצו אַזוי ווי אַ הארציגע מאָרגען־תפלה...

. . . . . . . . . . .

---

ארום צעהן א זייגער זיינען מיר שוין געווען ביים פארט. דער פלאץ האט געקאכט און געווימעלט פון טויזענדער מענשען: טייל פאסאזשירען, טייל געקומען זיך געזעגענען. עס זיינען אויך געווען קינדער וואס זייערע עלטערען האט מען געכאפט און אפגעשיקט אין דעם „שווארצען דאנערשטאג״, איבערלאזענדיג די קליינווארג אויף גאט׳ס בעראט. האט מען איצט די קינדער אפגעשיקט צו זייער טאטע־מאמע אין מצרים.

א סך יונגע לייט וואס האבען געוואוסט אז מע וועט זיי ניט ערלויבען ארויסצופאהרען — פון די פיינדליכע אונטערטאנען האט מען נאר פרויען, קינדער און ניט מיליטער־פעהיגע ערלויבט ארויסצופאהרען — האבען זיך ארומגעדרעהט צווישען עולם האפענדיג אז זיי וועט דאך ווי עס איז זיך איינגעבען אפצונארען די בעאמטע.

דער קאימאקאם, דער קאמענדאנט און אסך אנדערע טערקישע מיליטער־ און ציוויל־בעאמטע זיינען געשטאנען און האבען שטרענג חוקר ודורש געווען יעדער פאסאזשיר· ניט קוקענדיג אויף מיין אמעריקאנישער בירגערשאפט, וואס איז אין יענע טעג געווען א גרויסער יחוס, האט מען מיר ארומגעזוכט די קעשענעס גאר אויף עכט־רוסישען שטייגער: די קאנטראבאנד האט זיך ארויסגעוויזען אין דער געשטאלט פון א אידישען בריעף. האט מען איהם פון מיר צוגענומען מיט דער העפליכער בעמערקונג, אז מיר בלייבט די ברירה ענטוועדער אפצופאהרען מיט דער „טענעסי״ אדער ווארטען ביז דער בריעף וועט דורכגעהן דורך די הענד פון דעם טערקישען צענזאר.

א מאטאר־שיפעל געשיקט פון דער „טענעסי" האט געזאלט אריבערברענגען די פאסאזשירען פון ברעג צום שיף. אבער דער אידישער קאמיטעט האט זיך ניט געוואלט איינרייסען מיט די פערהונגערטע „באחאריעה" וואס וואלטען געזאגט אז מע נעהמט אוועק זייער ביסען פון מויל, הגם נאך זייערע מעשים טובים פון דעם „שווארצען דאנערשטאג" האבען זיי עס כשר פערדיענט.

האבען די „באחאריעה" דעם עולם אריבערגעפיהרט לויט א בעשטימטען אפגעמאכטען פרייז. די מאראלישע ווירקונג וואס דאס אנקומען פון דער „טענעסי" האט אויף זיי געמאכט, איז געווען ניכר אין זייער בענעהמען זיך און אין זייער ריידען. זיי זיינען געווען פריינדליך און מילד צו די פאסאזשירען, און האבען געציטערט מע זאל זיך אויף זיי ניט בעקלאגען.

---

אויף דעם מאטאר־שיפעל זיינען געקומען א צעהנדליג מאטראזען פון דער „טענעסי", ריינע, ציכטיגע, גלאטארומגעגאלטע יונגען אין בלויע טוכענע בלוזעם און פלודערען און ווייסע היטעלעך. זיי זיינען געווען אן ערפרישענדען קאנטראסט צווישען די אפגעלאזענע שמוציגע אראבישע חאיאלען פון דעם „גומרוק".

נאך א האלבע שעה און מיר האבען שוין געקלעטערט אויף די ענגג־טרעפ פון דער „טענעסי" און צום ערשטען מאל נאך א לאנגער צייט זיינען מיר ווידער געווען אויף אמעריקאנישען „בארדען"...

איך האב זיך דערמאנט אן מיינע „לירעם". איך האב

איצט מעהר קיין גאָלד ניט בעדאַרפט און איך האָב גע־וואוסט דעם דוחק אין דער באַנק. האָב איך אָפּגערופען אָן אַ זייט איינעם פון דעם תּל־אביב׳ער קאָמיטעט וואָס איז געווען אויף דער שיף, און האָב איהם איבערגעגעבען אַלץ וואָס מיר איז געבליבען, אין גאַנצען אַ קימא לן פון 150 פראַנק, מיט דער בקשה ער זאָל עם אומקעהרען גראַ־זאָווסקי׳ן.

———

די יונגע פלינקע מאַטראָזען האָבען געהאָלפען די פּאַ־סאַזשירען אַרויסגעהן די טרעפּ, געטראָגען קליינע קינדער אויף די הענד, אונטערגעהאַלטען פרויען און אַלטע לייט אַזוי ווי אמת׳ע וואָרטספּרויען און דערביי געווען אַזוי פריינדליך און אַזוי אויפגעראַמט, אַז דער עולם האָט זיי שטאַרק ליעב געקראָגען פון דער ערשטער מינוט.

אַ הויכער שלאַנקער יונג פון אַ יאָהר פינף־און־צוואַנ־ציג מיט לאַכעדיגע שוואַרצע אויגען איז געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג און האָט געזעהן מע זאָל זיך ניט שפּאַרען. אין ביירוט האָט ער זיך אויסגעלערענט איין אַראַביש וואָרט „אימשי״ (געה), איז עס איהם שטאַרק געפעלען.

— „אימשי״ — ווייזט ער אָן גוטמוטיג אַ שווער־לייביגע אידענע, זי זאָל זיך ווענדען רעכטס. „אימשי״ — אַ גלעט אַ קליין אינגעלע אויפ׳ן באַק. „אימשי״ — אַ קאַוואַליערסקען בייג מיט׳ן קאָפּ צו אַ גימנאַזיסטקע פון תּל־אביב.

און „אימשי״ האַלט אָן אויג פון איין זייט אויפ׳ן עולם מע זאָל זיך איינאַנדער די היהנער־אויגען ניט אָפּ־

טרעטען און פון דער אנדער זייט אונטען אויף די „באַ־
חאריעה״ וואָס קומען אַן מיט נייע טראַנספּאָרטען, זיי זאָ־
לען ניט מאַכען קיין „דאירטי טריקס״ (מיאוס׳ע שטיק).
זעהט מיט אמאָל „אימשי״ ווי אַ „באַחארי״ האָט „בלאָ־
יודעים״ געגעבען אַ שטויס אַן עלטערען אידען אין זייט,
גיט „אימשי״ אַ שפּרונג אַרונטער און אַ פּאָהר אַריין דעם
„באַחארי״, אַז יענער קוליעט זיך אַזש איבער.
— אימשי״...

---

די איבערפיהרונג פון די פּאַסאַזשירען האָט געדוי־
ערט ביז שפּעט אין אָבענד, און דער הימעל איז געווען פול
מיט שטערען ווען די רודערס פון דער „טענעסי״ האָבען
זיך גענומען דרעהען, און די סילועטען פון די הייזער אין
יפו האָבען זיך גענומען אַפּרוקען אַהינטער, אַהינטער...

# LX.

# „סטארס ענד סטרייפס"

דער דעק פון דער „טענעסי" האט געהודזשעט ווי א ביענשטאק און געווימעלט מיט א געמיש פון אלע מינים אידען וואס געפינען זיך אין ארץ־ישראל. פאטריאר־כען מיט גרויסע שטריימלעך און לאנגע בערד, מיטעל־יעהריגע בכבוד'ע סוחרים, אידענעס אין אלטפרענקישע הויבען און פאטשיילעס און יונגע ווייבלעך מאדיש גע־קליידט, גבירים פון דער היים און פראפעסיאנעלע שנאָ־רערס, פועלים אין ווייסע בלוזעס, גימנאזיסטען און גימ־נאזיסטקעס פון תל־אביב — האבען זיך פונאנדערגעשאטען פאר דער לענג און ברייט פון דער שיף. אחוץ זיי זיינען געווען א סך אריענטאלישע אידען געבארען פון דריי דורות אין פאלעסטינא, וואס האבען צוליעב זייער ענגלישער אדער פראנצויזישער אונטערטאנשאפט געמוזט פערלאזען זייער געבורטסלאנד.

צווישען די דערוואקסענע זיינען לוסטיג ארומגעלא־פען די קליינע קינדער, זיך גליטשענדיג אויף דעם רייני־געשייערטען גלאטען דיל.

---

אַפּיצערען און מאַטראַזען פונ׳ם העכסטען ביז׳ן קלענ־סטען האָבען מיט דער גרעסטער גוטמוטיגקייט און געדולד זיך געמיהט צו מאַכען די „געסט” אַזוי היימיש און בע־קוועם ווי ווייט זיי האָבען עס געקענט טהאָן אויף אַ שיף, וואָס איז לכתחלה געבויט געוואָרען פאַר אַ גאַנץ אַנדער צוועק ווי צו זיין אַ „הכנסת אורחים”. זיי האָבען דעם לשון פון די אויסוואַנדערער ניט פערשטאַנען, אָבער גוטסקייט און רחמנות פון איין זייט און עלענד און הילפלאָזיגקייט פון דער אַנדערער האָבען זייער אייגענעם עספעראַנטאָ. האָט מען זיך דורכגערעדט ווי אייגענע מענשען און מען האָט זיך פערשטאַנען אויסגעצייכענט.

ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי די גאַנצע שיף, די אייזערנע פאַרענטשעס, די הויכע קוימענס און אפילו די אָפענע מיילער פון די קאַנאָנען, האָבען געוואָלט אַרויס־ווייזען וואָס מעהר פריינדליכקייט צו די מגורשים.

---

עס איז ניט געווען קיין גרינגע אַרבייט צו געפינען געלעגערס פאַר אַזאַ גרויסען עולם. האָבען די מאַטראַזען זיך ענג געמאַכט און אָבגעגעבען זייערע אייגענע פּלעצער. אַז ס׳האָט דאָך ניט געסטאַיעט פאַר אַלעמען, האָט מען אַ טייל פון דעם דעק אָבגעצאַהמט און אַריבערגעהאַנגען מיט לייוועגד, איז דערפון געוואָרען אַ גרויס געצעלט. די נאַכט איז געווען אַ מילדע, אַ וואַרימע, און פאַר קעלט אָדער ווינט איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען.

אייפגעוועקט האָט מען דעם עולם פריה. דער לייוועגט אי׳ז אַרונטערגענומען געוואָרען און די געלעגערס אויפ־

געראַמט אויף גיך. דער אָרקעסטער האָט זיך אויסגע־שטעלט און געשפּיעלט „דהי סטאַר ספּאַנגעלד באַנער" און אַ גרויסע אַמעריקאַנישע פּאָהן איז ארויפגעצויגען געוואָ־רען, און האָט געפּלאַטערט אין דעם מאָרגענווינד אַזוי ווי אַן אָנזאָג פון פרייע ליכטיגע טעג...

די אורחים פון דער „טענעסי", סאַי קליין סאַי גרויס, זיינען געשטאַנען אַרום און האָבען מיט שטומען עקסטאַז צוגעהערט דעם נאַציאָנאַלען הימן פון דער גרויסער פרייער רעפּובליק פון יענער זייט אוקינוס און געקוקט מיט עהר־פורכט אויף די שטערען און שטרייפען...

---

דער טאָג איז געווען וואונדערבאַר שעהן און רוהיג. דער ים איז געווען ווי בלאָע דורכזיכטיגע זייד. דער עולם האָט זיך געפיהלט פריש און היימיש. נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין פערלויף פון די לעצטע וואָכען אין פּאַלעסטינאַ, נאָך די אַנגסטען און ציטערנים, האָט מען זיך געפיהלט אַזוי ווי נאָר־וואָס בעפרייט פון אַ תפיסה.

די יונגוואַרג האָט ארומשפּאַצירט אויף'ן דעק אָדער זיך פערזאַמעלט אין רעדלעך און געזונגען אָדער „געדרעדט" מיט די יונגע מאַטראָזען. די מיידלעך האָבען לאַכענדיג זיך געלאָזט לערנען ענגלישע ווערטער פון די „בלו־דזשעקעטס", און די יונגע אַטלעטישע רביים האָבען אָנגע־קוואָלען פון זייערע שוואַרצאויגיגע תלמידות.

די עלטערע האָבען זיך ניט געקאָנט אָפּלויבען פון די פיינקייט פון די מאַטראָזען. וואָס פאַר גוטע ליעבע מענשען. פּשוט אָהן גאָל. היינט זייער צוגעלאָזטקייט.

געהט פערביי א הויכער שלאנקער מאן מיט גאלדענע קנעפ און א סך גאליינדלעך אויפ'ן ארבעל. קענטיג א גרויסער שררה אויף דער שיף. שטעלט ער זיך אפ, בויגט זיך אראפ צו א קליינער ארעמער אלטעטשקער און פרעגט איהר עפעס אויף שטום־לשון. שטעהען די ארומיגע און קייכען פון געלעכטער צוקוקענדיג ווי דער שעהנער אמע־ריקאנער דזשענטעלמאן רוקט די פינגער צו זיך אין מויל, וואס־דאס מיינט, צי האט זי שוין געגעסען? ווערט ער ביי זיי דער סימבאל פון אמעריקא, דאס לאנד פון וועלכען זיי האבען זיך אלע אזוי פיעל חדושים אנגעהערט, און וואו זייערע קרובים געפינען זיך. פערזוכען זיי איצט אויך דעם טעם פון דער פרייער גליקליכער אמעריקא...

---

סאמע אונטער'ן גרויסען קאנאן שטעהט א איד פון א יאהר פופציג, אנגעטהאן אין א טלית און לעגט תפלין. ער וויקעלט די רצועות ארום זיין האריגען ארעם און זאגט „וארשתיך" מיט הרחבה און היימישקייט, אזוי ווי ער וואלט זיין ביי זיך אין קלויז. אנגעטהאן די תפילין שפא־צירט ער הין און הער אויפ'ן פערדעק און דאווענט מיט גרויס מתיקות.

---

מיט אמאל ווערט א געלאף און א טומעל. א ספרד'י־שער אידענע איז ניט־גוט געווארען. זי איז אין די הויכע מאנאטען און א סברה אז די „טענעסי" וועט מטופל ווערען מיט נאך א פאסאזשיר.

מען מאכט א ווארע, דער דאקטאר קומט. ער בעקוקט

איהר גוט און קנייטשט דעם שטערן. קיינמאָל אזא פאַל אויף דער „טענעסי" ניט געהאַט... הייסט ער זי דערווייל ארונטערפיהרען אין דער האָספּיטאַל־קאַיוטע. וואָלונטירען צוויי מיידלעך פון יפו ארונטערצופיהרען די יולדת אונטער די אָרעמס. דערווייל קריגט דער קוואַרטירמייסטער א רעקוויזיציע פאַר בוליאָן און ביסקוויט, און מיר ריכטען זיך אַלע מינוט אויף א „מזל טוב".

געהען אוועק א פּאָר שעה און די „געווינערין" בע־ווייזט זיך ווידער אויפ'ן דעק. אומזיסטע שרעק געווען. האָט זי אָפּגעכאַפּט דאָס הארץ מיט די בוליאָן און ביס־קוויט און זיך געלאָזט אויסשרייבען פון האָס־פּיטאַל.

די „געבורט־וועהען" פון דער דאָזיגער פרוי האָבען זיך דורכ'ן טאָג ווידערהאָלט מעהרערע מאָל, און איטליך מאָל האָט דער קוואַרטירמייסטער געקראָגען א נייע רע־קוויזיציע פאַר בוליאָן און ביסקוויט, און תמיד האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אומזיסטע שרעק.

---

די יונגע מאַטראָזען האָבען דערטאַפּט א בלינדען אָרימען אידען מיט א קליינעם קוטיגען זיבען־יעהריגען אינגעלע, וואָס האָט איהם געפיהרט. האָבען זיי דאָס פּאָרעל גענומען אונטער זייער בעזונדערען שוץ: ראשית איז געבליבען אז מען זאָל צוזאַמענקלייבען צווישען זיך א פּאָר דאָלאַר פאַר דעם „פּור אָלד דזשו" (דעם אָרימען אַלטען אידען). אומר ועושה, און דער איד האָט דערטאַפּט ביי זיך אין דער האנד א הויפען זילבערנע מטבעות.

ניט אזוי לייכט איז זיי אַנגעקומען אויסצופיהרען זייער צווייטען בעשלום: אַבצו־וואַשען און אַרומצוריי־ניגען דעם קליינעם פיהרער. דעם אינגעל׳ס מורא פאַר זייף און וואַסער איז בעזיעגט געוואָרען ערשט, ווען דער בליג־דער האָט זיך גענומען שתדל׳ען פאַר די מאַטראָזען. מ׳איז דאָך מחויב זיי כאַטש מיט עפּעם אָ פּ צ ו צ אָ ה ל ע ן.

האָט מען איהם אַריינגענומען אין וואַש־צימער און צוויי שטאַרקע בלאָנדע יונגען האָבען געוואַשען און גערייניגט מיט די הענד, מיט אַ באַרשט און מיט אַנדערע אינקוויזיטאָרישע געצייג, וואָס זיינען אומישנע געמאַכט געוואָרען צו פּייניגען אָרימע אינגלעך פון ירושלים, וואָס האָבען מורא פאַר זייף.

---

אַז דער אינגעל איז ווידער געקומען אויפ׳ן דעק אין בעגלייטונג פון די מאַטראָזען, איז איהם ניט געווען צו דערקענען. אַ אמת שעהנער אינגעל. פריהער, ווען ער איז געווען טאַטואירט מיט ארץ ישראל ערד, האָט מען עס גאָר ניט אַרויסגעזעהן.

די מאַטראָזען האָבען פון זייער פּראַטעזשע געקליבען נחת און דער שניידער פון דער שיף האָט פון ערגעץ אויס־געזוכט אַ שטיקעל יתור פון בלויען טוך און האָט זיך תיכף גענומען צושניידען אַ פּאָר הייזלעך פאַר דעם קליינעם.

---

די אַדמיראַל־קאַיוטען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען צו אַ גרופּע מרה־שחורה׳דיגע מאַנאַשקעס אָנגעטהאָן אין שוואַרצען פון קאָפּ ביז די פיס.

זיי האָבען זיך אַלע געהאַלטען צוזאַמען און אויסגע־מיעדען יעדען מגע ומשא מיט די איבריגע פּאַסאַזשירען פון דער שיף.

---

א יונגער מאַטראָז, אַן אינטעליגענטער יונג וואָס האָט געענדיגט „לאָא" און דענקט נאָך זיין דיענסט פּראַקטי־צירען אַלס אַדוואָקאַט, רעדט זיך מיט מיר פאַנאַנדער. ער דערצעהלט מיר פון זייערע ערפאַהרונגען. גלייך נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה, ווען די „טענעסי" האָט קור־סירט צווישען האָלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד, כדי צו ברענגען די אַמעריקאַנישע „רעפיוזשים" איז זיכערהייט.

— איהר מיינט דאָך אודאי אַז ד י — ווייזט ער אויפ'ן אַרומיגען ערב־רב — גיבען אונז פיעל קלאַפּאָט ? האָט איהר אַ טעות. פון די מיליאָנערען און מיליאָנער־שעס וואָס מיר האָבען אריבערגעפיהרט קיין ענגלאַנד זיי־נען מיר ניט דער ערד מעהר אויסגעשטאַנען. ד י זיינען דאַנקבאַר פאַר וואָס מע טהוט פאַר זיי און בענעהמען זיך מיט דרך ארץ... יענע זיינען ערשט געווען די אמת'ע חזירים. די מאַטראָזען האָבען זיי בעהאַנדעלט ווי בעדיענ־טע אָדער קעלנער.

א פיעלפאַכער מיליאָנערשע גיט זיך אַ קעהר צו אַ מאַטראָז און זאָגט: —

— סטיוארד, ברענג מיין באַגאַזש אין מיין קאַיוטע. האָט זיך דער מאַטראָז שטאָלץ אויסגעגלייכט:

— מאַדאַם, איך בין ניט קיינעמ'ס סטיוארד. איך בין אַ מאַטראָז אויף אָנקעל סעמ'ס קרייצער „טענעסי".

אנדערע האָבען פאַר'ן שלאָפען־געהן ארויסגעשטעלט פאַר דער טהיר פון דער קאַיוטע זייערע שיך צום פוצען, אזוי ווי אין א האָטעל...

---

דיענסטאג, דעם נײַן־און־צוואנציגסטען דעצעמבער פארנאכט זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם פּאָדער־האפען פון אלעקסאנדריא. פון אלע זייטען האָבען זיך אין די שטי־לע וואסערען מרה־שחורה'דיג געוויעגט דייטשע און עסט־רייכישע האנדעל־שיפען געפאנגען אין קריעג.

אזוי ווי עס איז שוין געווען צו שפּעט אראָפּצולאָזען די פּאסאזשירען דעמזעלביגען טאָג, האָט מען עס אָפּגע־לעגט אויף מאָרגען פריה.

כדי די אומגעדולד פון די „געסט" צו פערשלאָגען, האט מען ביי דער נאכט געוויזען אויפ'ן דעק קינעמאטאָ־גראַפישע בילדער, וואס האָבען דעם עולם שטארק אמור־זירט. געוועז א סך וואס האָבען אזוי וואס צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען געזעהן.

---

די הכנות צו דער לאנדונג האבען זיך אנגעהויבען בע־גינען. איידער די ערשטע פּארטי האָט פערלאָזען די שיף האָט אַן עלטערער איד זיך געשטעלט אויף א הויכען קעס־טעל און האָט געהאלטען א ווארעמען דרוש אין אידיש. ער האָט געלויבט אמעריקא פאַר די חסדים וואס זי טהוט מיט די אומגליקליכע און פערפאָלגטע פון אלע פעלקער און האָט אויפגעפאָדערט דעם גאנצען עולם אויסצודריקען ווי איין מאַן זייער דאנקבארקייט. האט אויסגעבראכען א

הורראה־געשריי וואס האט אנגעהאלטען מעהרערע מינוטען נאכאנאנד. עס איז אלעמען פון הארצען געגאנגען.

---

מיר צוזאמען מיט דעם קליינעם הייפעל אמעריקאנער וואס זיינען געפאהרען אויף דער „טענסי", זיינען געבליבען אויף צולעצט.

אונזער שיפעל איז גראד אפגעפאהרען אין דער צייט ווען די פאהן איז ארויפגעצויגען געווארען און די מוזיק האט אויפגעשפיעלט דעם אמעריקאנישען הימן...

בין איך געשטאנען מיט אפגעדעקטען קאפ און גע־קוקט אויף די „שטערען און שטרייפען" און קיינמאל איז מיר די בעדייטונג פון די ווייסע און בלויע פאסען און שטע־רען ניט געווען אזוי קלאר ווי דאמאלס...

LXI.
# אין אַלעקסאַנדריא

די ערשטע וואָס זיינען אונז געקומען זעהן, אזוי שנעל ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין אַלעקסאַנדריא, זיינען געווען דיזעלביגע דריי וואָס האָבען אונז מקבל פנים געווען מיט א יאָהר צוריק אויפ'ן וועג קיין יפו — דער ציוניסטישער י..., דער אנאַרכיסטישער תכשיטין־הענדלער ר... און דער הויכער, הארציגער פ...

י... איז אריינגעפאַלען אָהן אַ אָטהעם שפּעט אין דער נאַכט, און תיכף ערקלערט אַז ער מוז שוין אוועקגעהן. ער איז נאָר געקומען כאַפּען אַ קוק אויף אונז, און מוז שוין לויפען צו די „רעפיודזשים".

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די אויסוואַנדערונג פון ארץ ישראל, איז ניט ער עסט און ניט ער טרינקט, נאָר ער לויפט ארום פערהאַוועט און פערשמאַיעט מיט די „רעפיודזשים", ניט תמיד אַליין וויסענדיג אויף קלאָר וואוהין אייגענטליך ער לויפט. ער אַליין האָט שטאַרק הנאה פון זיין פערהאַוועטקייט און אַז מע זאָגט צו איהם: הערר י..., וואָס לויפט איהר און אַרבייט אַזוי, איהר וועט דאָך

פאַלען אין די האַלאַבאַליעס... ווערען זיינע אויגען זיס־טרויעריג און פייכטיגען זיך מיט אַ צופרידענעם זעלבסט־רחמנות — איהר האָט איהם אַ נייע נשמה אריינגעזעצט...

---

אין האָב געפונען ר...'ן אַזוי העל און זומערדיג ווי געווען. די מלחמה נאָר האָט איהם אַביסעל צורודערט. זיין עלטסטע טאָכטער האָט זיך אויפגעצויגען אין אַ דייטשער אַנשטאַלט און רעדט און זעהט אויס ווי אַן אמתע' דייטשקע, איז ער ממילא אַ בעוואונדערער פון די דייטשען. עס איז ניט מעהר ווי אַ יושר. האָט ער אַליין אָבער שטאַרק ליעב די פראַנצויזישע ליטעראַטור און איז אַ הייסער חסיד פון אַנאַטאָל פראַנס. איז איהם סאָוועסטנע צו זיין אַ פראָ־דייטש, איז ער צווישען צוויי פייערען, און וויים ניט מיט וועמען צו האַלטען.

פ... האָט זיך תיכף געגומען זוכען פאַר אונז אַ דירה. עס איז ניט געווען קיין גרינגע אַרבייט. די פיעל נייע מענשען וואָס זיינען אַנגעלאָפען אין אַלעקסאַנדריא האָבען אַנגעמאַכט אַ דוחק אין וואוינונגען. אַז אַ פּאַסיגע קוואַרטיר איז ענדליך געפונען געוואָרען, האָבען פ... און ר... ניט גערוהט ביז מיר זיינען געווען בעקוועם איינגעאָרדענט און פערזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען.

שטילערהייד און אָהן פערשמאַיעטקייט — ווי איך האָב גיך אויסגעפונען — האָט אויך פ... געאַרבייט ווי אַ ביבער אַרום די „רעפיודזשים". זיין אַרבייט איז מעהר־סטענטיילס בעשטאַנען אין זוכען בעשעפטיגונג פאַר דעם אינגערען עלעמענט, כדי זיי צו בעפרייען פון דער קהל'־

שער הספקה... אחוץ וואָס ער האָט זיין אייגענעם לעצ־טען סענט אוועקגעגעבען, דאָרט וואו עס איז נויטיג געווען.

---

אונזער בעל־הבית'טע איז סיניאָרא סערוואַנדי, א בכבוד'ע איטאַליענישע אלמנה, גראָה ווי א טויב, וואָס האָט אמאָל געמוזט זיין זעהר א שעהנע. איהר מאַן האָט איהר געלאָזען א פאַבריק. האָט דער פערוואַלטער פון דער פאַבריק צע'תכלעוועט דעם גאַנצען פערמעגען אין א קורצער צייט און זי מוז לעבען פון איהרע פערדונגענע צימערען. א גאַנצען טאָג ארבייט זי שווער און ביטער און אז עס קומט פאַרנאַכט, רויכערט זי לאַנגע פאַפּיראָסען און לייענט פראַנצויזישע ראָמאַנען.

אונזערע שכנים זיינען א יונג פּאָארל. ער איז א הויכער שמאָלער גרעק מיט זעהר שעהנע וואַנצעם און זי, א קליינע ברונעטע פראַנצויזקע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג פון פּאַריז.

מיר אַלע בשותפות האָבען א משרת דעם באָוואַב (סטאַראָזש) א סודאַנעזער, שוואַרץ ווי סאַזשע, וואָס אז ער צעעפּענט זיינע ליפּען, טהוען זיינע צייהנער א שימער אזוי ווי ער וואָלט האָבען א פולען מויל מיט רייז.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָלאָניע רעדט זיך צונויף אויף אַזאַ אופן:

סיניאָרא סערוואַנדי מיט מיר: האַלב פראַנצויזיש, האַלב איטאַליעניש. איך מיט איהר דאָסגלייכען, מעהר ניט אביסעל צוקאַליעטשעט. דער גרעק מיט מיר אויף א צרה'דיגען ענגליש. מיין ווייב מיט די לאַטיינישע

פעלקער — אויף פינגער־לשון. די איינציגע וואס קען זיך צוזאמענריידען מיט אחמעד'ן, איז די סיניארא, וועל־כע איז שוין פערציג יאהר אין אלעקסאנדריא, הגם זי הערט נאך אליץ ניט אויף צו בענקען נאך „נאפאלי". פון וואנען זי איז א געבירטיגע.

די איינציגע וואס האט קיין שום שווערקייט ניט זיך צוזאמענצוריידען מיט אלעמען, איז מיין קליינע טאכטער. ווי אזוי זי ברענגט עס צושטאנד, האב איך קיינמאל ניט געקענט אויסגעפינען.

---

גרויס חשק ביים עולם צו לערנען איז דא. און אז איך זיץ אין מיין צימער, קען איך הערען ווי אין דער קיך — דארט וואו די ראסען קומען אין בעריהרונג — געהען אן צוזאמען מיט דער צוגרייטונג פון וואַרעמעס, לעקציאנען אין דריי לשונות. מע מאכט קאטלעטען און מע האפט ווערטער און מע טהוט א פעולה פון טאג צו טאג.

---

דאס גריכיש־פראנצויזיש פאאר־פאלק האט קיין קינ־דער ניט. אז דער גרעק געהט אוועק אין דער פריה צו זיין ארבייט, בלייבט די יונגע ווייבעל אליין מיט איהר געלען קאנאריק וואס זי האלט אין א שעהנעם דראטענעם שטייג אויפ'ן באלקאן פאר איהר פענסטער. זינגט זי פאר'ן פויגעל אלערליי פאריזער ליעדלעך. הערט ער, דער קליינער פויגעל געדולדיג צו און אז זי הערט אויף, גיט ער א שאס ארויס מיט פיצימאנצינקע זיסע קייקעלעך:

— נא, זעה וואס זינגען הייסט...

---

די צימערען זיינען ניט קיין שלעכטע. מיר האבען א בעזונדערען באלקאן פאר אונז אליין. פונ׳ם באלקאן קען מען זעהן א סך בלאען הימעל. פאלט דאס אויג אונטען־צו, איז די אויסזיכט ניט זעהר קיין געהויבענע. א הויף אנגעווארפען מיט שטיינער ארומגערינגעלט מיט הוי־כע געלע הייזער. הינטערן הויף איז א שמאלע געסעל, וואו עס בעווייזט זיך אפט אן אראבער מיט א קליינעם צוריסענעם טשעמאדאן און א נידעריגען בענקעל. פון דעם טשעמאדאן נעהמט ער ארויס די כלי־מכשירין פון א בארבירער. קומט א קונד, זעצט ער איהם אוועק אויפ׳ן בענקעל, אונטער דעם פרישען בלאען הימעל, און טהוט איהם זיין רעכט פאר א קליינעם פיאסטער.

פון צווישען די הויכע הייזער אויף איין זייט הויף כאפען מיר א וואונק פון דער קאכיגער גאס „שעריף פאַ־שא״. דורך דער דאזיגער שפארונע זעהען מיר אלע טאג ווי גאנצע פאלקען ענגלישע סאלדאטען מארשירען דורך.

דער אויסבייט פון אבבאס הילמי אויף זיין פעטער חוסיין קיאמיל, און פון א כעדיוו אויף א סולטאן, האט ביי די אראבער ניט שטארק נושא חן געוועז. דער פאַ־דישאה פון סטאמבול איז נאך אלעמען „דער הערשער פון אלע גלויביגע״ און ענגלאנד האט זיך אין די אינערליכע אמונה־זאכען פון איסלאם אריינגעמישט... דאס קען מען איהר ניט מוחל זיין.

די נייע פאהן — דריי האלבע לבנות שטאט דער פריהערדיגער איינער — איז אויפגענומען געווארען קאלט... אונטער דער כלומרשטיגער גלייכגילטיגקייט האט

דא און דארט א וואונש געברענט אז דער „אינגלעזע" זאל ביים סועץ א מפלה כאפען און דער טערקישער חיל זאל די אלטע פאהן צוריקברענגען...

האט מען גערארפט דעם דאזיגען וואונש אביסעל אפ־קיהלען. סאלדאטען אין די לאגערען זיינען געווען געגוג און וואס מיט זיי צו טהאן איז דערווייל ניט געווען. האט מען זיי געשיקט דורך די גאסען פון „איסקאנדאריע" די פיס אויסגלייכען און דרך אגב — געבען אנצוהערענים...

---

ביי נאכט דערטראגען זיך צו אונז די געשרייען און ליארעמס פון די ארומיגע גאסען. מיר זיינען אין מיטען פון דעם גריכישען קווארטאל און אלע נאכט קומען פאר געשלעגען, אפט בעגלייט פון שיסערייען.

דערמאהן איך זיך אן די שטילע דומפיגע נעכט פון דער אידישער רחובות, אהן שכרות, אהן געשלעגען — און דאס הארץ ווערט מיר ענג...

נאר־וואס, דאכט זיך, דארט געווען איינגעוואר־צעלט. קיין מאל ניט ערווארט מעהר אזעלכע ליארעמס צו הערען...

---

די שטאדט איז פול מיט די „רעפיודזשים". און א שטיק ארץ ישראל איז אזוי ווי פערטראגען געווארען קיין מצרים. דער אויער כאפט די ליעבע העברעאישע קלאנגען וואס זיינען צונויפגעקניפט מיט די זאמדען פון תל־אביב, מיט די רויטע פונקלענדיגע מאראנצען, מיט רייכע טרוי־בען־בינטלעך.

עס איז נאָך אזוי פריש אין זכרון. לייענט מען אין איטליכענס אויגען: עס וועט באַלד אַריבער, און מיר וועלען זיך אומקעהרען...

---

אַרום דעם מעטראָפּאָל האָטעל, דאָרט וואו עס איז די ביוראָ פאַר הילף און אינפאָרמאַציאָן, ווימעלט מיט מענשען. מע וואָלט געקענט פיינען אַ אסיפה אין תל־אביב.

די טהוער זיינען צוטומעלט, קענען מיט דער אַרבייט ניט פאַרטיג ווערען, ווייסען ניט וואָס פריהער צו טהאָן, און דער עולם שפּאַרט זיך אַהן אָ לאַד, אַהן געדולד און אַהן איינזעהעניש.

נייע „רעפיודזשים" קומען אָן יעדע וואָך און פאַר די אַלטע איז נאָך קוים געזאָרגט געוואָרען.

---

דער רוסישער קאָנסול איז אַ גאַנצער מחותן — אַ צו גרויסער מחותן... ער האָט צוגעזאָגט צו געבען אַ געוויסע סומע יעדע וואָך. דערווייל האָט ער נאָך ניט געגעבען, אָבער אויפ'ן סמך פון צוזאָג קען ער שוין אַ דעה זאָגען, אַז אויג האַלטען אויף די יונגע לייט.

קריכען אַרום קלאַנגען, אַז אָט־אָט וועט דער רוסישער קאָנסול דורך דער ענגלישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציאָן אין עגיפּטען, צווינגען די יונגע לייט זיך אומקעהרען קיין רוסלאַנד.

הויבט מען אָן קוקען קרום אויף געוויסע בחורים וואָס דרעהען זיך אַרום צווישען דעם עולם. שושקעט מען זיך

א מיאוס ווארט, און מע הויבט אן די בחורים אויסצו־
מיידען...

---

יונגע קרעפטיגע פועלים וואס פלעגען נאך זייער מאהלצייט פון ברויט מיט טהעע מיט פולער קעהל און ברייטער ברוסט, פרייע ארץ־ישראל ליעדער זינגען, האבען זיך איצט מיט זייער ברויט־מיט־טהעע אין די באראקען פון „גאבארי" געווארגען און זייער ליעד איז פערשטומט געווארען. די יונגע מוסקלען האבען זיך געשטרעקט און האבען געשמארצט פון גאר ניט טהאן, און דאס הייסע בלוט האט זיך דורך דער הויט געריסען...

---

איז געקומען איינער און האט א ווארט געזאגט: א אידישער לעגיאן... האבען זיך די שטארקע און די שטאל־צע און די הייס־בלוטיגע אנגעכאפט. עס איז אן אויס־לייזונג געוועזען. און די געזונדע בחורים האבען ווידער זייער ארץ־ישראל ליעד צוריקגעפונען... אצונד שעהנער, און מעכטיגער. שטאט דעם שווערען לאנגזאמען גראב־אייזען — די פלינקע ביקס...

איבער'ן תהום האט דאס פערפיהרערישע ליכט גע־פלעמעלט... מיט אלע שעהנע פארבען האט עס געצויגען און געגארט צום אומזיסטען אונטערגאנג...

און האט עמיצער נעהנטער זיך צוקוקען געוואלט, און קשיות פרעגען געוואלט, האט איהם א רויהע האנד פון „גאבארי" געשטויסען: —

— דו עסט דאך צדקה־ברוים..

# LXII.
# „ויסעו ויחנו”

מע האָט אונז געהאַט פערזיכערט אַז אין אַלעקסאַנ־דריא איז קיין ווינטער ניטאַ. די וועטערען אָבער האָבען עס ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו בעשטעטיגען אַ הבטחה וואָס איז געמאַכט געוואָרען אָהן זייער וויסען. האָבען זיי זיך געביטען דריי מאָל אַ טאָג, זיך געכמורעט און זיך גע־ברוגז'ט און בכלל דערגאַנגען די יאָהרען. דאָ איז געגאַנגען אַ צוקראַכענער מרה־שחורה'דיגער רעגען וואָס האָט אַליין ניט געקענט פועל'ן ביי זיך צו געהן גיכער, דאָ איז דער הימעל גלאַט אַזוי געוועזן גראָ אַנגעפּעלצט און מעהר פון אַלץ האָט זיך אַנגעזעצט אויף אונז אַ קאַלטער שניידיגער ווינד, וואָס האָט עס קענטיג געמאַכט פאַר זיין הויפּט־צוועק אונז ארויסצובייסען פון אַלעקסאַנדריא.

קיין אויוועז איז אין סיניאָראַ סערוואַנדי'ס צימערען ניט געווען. עס וואָלט געווען אַ בעליידיגונג פאַר דער „ווינטערלאָזיגקייט” פון אַלעקסאַנדריא אַזאַ זאַך אין הויז גאָר אריינצושטעלען. האָבען מיר זיך געטוליעט און גע־קאָרטשעט, אויפגעכאַפּט יעדער ביסעל זונענשיין ווי אַן אבן־טוב, און זיך געזוכט איינצושמועסען אַז נאָך אַלעמען איז גאָר ניט קאַלט. עס דאַכט זיך נאָר אַזוי.

דער ערשטער קרבן איז געווען מיין פרוי. עס האט זיך בעוויזען דער אנזאגער פון אן ערנסטער קראנקהייט — א שטארקער פיבער. אז דער דאקטאר איז געקומען, האט ער ערקלערט, אז זי ליידט אויף א קינדערשער קרענק — מאזלען. עס האט גענומען צוויי וואכען זי פון געפאהר ארויסצוברענגען. אין דערזעלביגער צייט האב איך אליין זיך מכין געווען קראנק צו ווערען. וואס מיין חלאת וועט זיין, האב איך ניט געוואוסט. איך האב נאר גאט גע־בעטען, עס זאל ניט זיין א קינדער־קראנקהייט. ס'איז ניט געווען שעהן פאר די שכנים. איך האב גענומען אויס־פרעגעןביים דאקטאר, אזוי מן הצד, אויב א איד אין מיי־נע יאהרען קען ניט קריגען אין אלעקסאנדריא א ריפקוכען, אדער א קייכהוסט. זיין תשובה איז אפילו געווען בערו־היגענד, אבער איך בין ניט געווען זיכער אז ער נארט מיך ניט.

---

קיין קינדער־קראנקהייט האב איך נ י ט געקריגען. געלויבט השם יתברך דערפאר. אזוי שנעל אבער ווי מיין פרוי האט זיך „ארויסגעשריבען" פון בעט, בין איך גע־ווארען א חולה אויף אן אמת. מעהר ווי א וואך צייט בין איך געלעגען מיט גרוים פאראד, ביז דער עסק איז מיר איין פריהמארגען נמאס געווארען, און איך האב זיך אנ־געהויבען צו בעסערען.

די גאנצע צייט פון אונזער קראנקהייט האט פ... און ר... פון אונז אן אויג ניט אפגעלאזען און ארום אונז ארום־געפאדעט ווי א טרייע מאמע. עס איז צווישען אונז אלעמען בעשלאסען געווארען, אז אזוי שנעל ווי מיר ווע־

לען זיך פיהלען שטארק גענוג פאר דער נסיעה, זאלען מיר אפפאהרען קיין קאאירא און זיך בעזעצען ענטוועדער דארטען גופא אדער אין איינער פון די ארומיגע שטעדטלעך.

---

איז איין טאג געקומען פ... און האט געהאלפען איינפאקען אונזערע חפצים. איבריגענס איז ווייניג וואס געווען איינצופאקען. מיר האבען אלץ אין ארץ ישראל איבערגעלאזען. ער האט אונז געבראכט צו דער באהן און איז טאקע אליין מיטגעפאהרען מיט אונז ביז קאאירא.

אין קאאירא האב איך זיך געטראפען מיט מיינעם א ליעבען חבר פון אינגעלשע יאהרען. א מעכאניקער און ערפינדער, וועמען דער גורל האט פערטראגען צוערשט אין א קאלאניע אין ארץ ישראל און פון דארט אין קאאירא, וואו ער האלט איצט א קליינע ווארשטאט.

א מעכאניקער איז ער געווען פון געבארענשאפט אן. נאכאנאנד ער פלעגט מייסטרעווען און אויסקלערען נייע שפיצלעך. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט א יאהר דריי. איך בין דעמאלס געווען נייז יאהר און ער צוועלף, אבער אין אלע זיינע טהועכצען האב איך געמוזט זיין א שותף. לאנג ביי איין זאך פלעגט ער זיך ניט האלטען און אזוי שנעל ווי עס איז איהם איינגעפאלען א נייע מלאכה, פלעגט ער די אלטע אוועקווארפען אין סאמע מיטען.

אונזער ווארשטאט איז געווען אין דער פוסטער סטאדאלע וואס איז געשטאנען ביי אונז אין גארטען. דער מייסטער, פערשטעהט זיך, איז געוועזען ע ר. איך בין בלויז געווען דער געזעל וואס האט דערלאנגט צו דער האנד:

איינע פון זיינע ערפינדונגען איז געווען אויסצוקריי־צען פון צין קונציגע מעדאַלען מיט וועלכע מיר האָבען איי־נער דעם אַנדערען אַלע צווייטען טאָג דעקאָרירט.

---

זיך בעזעצען אין קאַאיראָ האָבען מיר קיין חשק ניט געהאַט. מיך האָט עס געצויגען צו דעם מדבר און מיר האָבען געהאַט די ברירה ענטוועדער צו מאַכען אונזער וואוינונג אין העליאָפּאָליס אָדער אין חעלוואַן,ביידע נייע שטעדטלעך, אין גאַנצען אַ האַלב שעה רייז פון קאַ־איראָ, און ביידע אויפ'ן סאַמע שוועל פון דער סאַהאַראַ.

---

העליאָפּאָליס („די שטאָדט פון דער זון"), איז אַן ערך אַ האַלבע שעה רייז פון קאַאיראָ, און האָט הינטער זיך אַ רייכען יחוס. דאָ איז די אַלטע „און", וואו עס איז געווען דער הויפּט־טעמפּעל פון דעם זון־גאָט „ראַ".

אַהין פלעגט דער פויגעל פעניקס קומען פון אינדיען צופליהען. פינף הונדערט יאָהר האָט דער עוף געלעבט און גענעהרט האָט ער זיך פון לויטער לופט. און אַז די פינף הונדערט יאָהר זיינען אַריבער, האָט ער אָנגעלאָדען די פליגלען מיט אַלע מינים טייערע בשמים און איז געקו־מען צופליהען צו דעם טעמפּעל פון דעם זון־גאָט, וואו ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפען מיט די בשמים מיט אַלעמען אויפ'ן מזבח און איז פערברענט געוואָרען אויף אַש. אויף מאָרגען איז פונ'ם אַש אַ נייער יונגער פעניקס אַרויס. דריי טעג האָט איהם גענומען עס זאָלען איהם די שטאַרקע פליגלען אויסוואַקסען, און אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסען,

האט ער דעם פריסטער פון טעמפעל בעגריסט און איז אוועקגעפלויגען אין זיין ווייטער היים אין אינדיען.

אונזער אייגענער יוסף האט דא צוזאמען מיט דעם טיטעל „צפנת פענח", געקריגען אסנת, די טאכטער פון דעם אויבער־פריסטער, פאר א ווייב.

זאגען אנדערע, אז די היינטיגע „העליפאלים" שטעהט אויף דעם ארט פון דעם אמאליגען ענגען גשן. איצט האט דארט א בעלגישער סינדיקאט אויסגעלעגט שעהנע אס־פאלט־גאסען און אויפגעבויט א גאנצע מאדערנע שטאדט מיט הויכע, שעהנע הייזער.

דער אומחן אין מיינע אויגען איז געווען וואס די כלה איז צו שעהן. עפעס איז מיר העליאפאלים געווען צו עהנליך צו דעם ניו יארקער בראנקס מיט די הויכע זעקס־עטאזשיגע געלע מויערען און איז געווען א חוצפה אקעגען דער אלטער וויסטער „סאהארא", וואס רינגעלט דאס שטעדטעל ארום פון אלע זייטען.

---

איז דער גורל געפאלען אויף העלוואן, א קוראָרט וואס איז אויפגעבויט געווארען אויף דער איניציאטיווע פון דעם כעדיוו טעפיק וואס האט דארט אליין פאר זיך א פאלאץ געבויט און איז אין דעם דאזיגען פאלאץ געשטארבען.

דאס שטעדטעל לעבט אין שנים כתקונם פון די רייכע געסט וואס קומען אהער, פון אלע טיילען פון דער וועלט, מעהרסטענטיילס פון רוסלאנד. אחוץ זונענשיין יעדען טאג אין יאהר, זיינען פאראן שוועבעל־בעדער. פון דעם שלעכטען גערוך אליין וואס דידאזיגע שוועבעל־קוואַ־

לען פערשפרייטען ארום, קען מען דרינגען ווי געזונד זיי זיינען.

הײנטיגס יאהר, צוליעב דער מלחמה, זיינען קיין געסט ניטא. די האטעלען און די פאנסיאנען שטעהען לע־דיג. און דער מדבר, וואס האט תמיד קרום געקוקט אויף דעם הר־הא פון העלוואן, האט זיך ווידער גענומען פיהלען היימיש אין זיין אייגענער נחלה.

---

מיר האבען גענומען צימערען אין א שעהנעם האטעל מיט זיילען און א באלקאן בעמאלט מיט היראגליפען און געטער פון אמאליגען מצרים. אונזערע פענסטער האבען ארויסגעקוקט אין א גרויסען גארטען, בעפלאנצט מיט אלערליי לוסטיג־געפארבטע בלומען. אקעגען אויף א וואנד האבען זיך געשלענגעלט בלאע פרעהליכע בוגענוויי־ליאס און האבען אונז צוגעלאכט אן אויפגעראמטען ברוך־הבא.

די בעל־הבית'טע פון דער „ווילא וואנדא” — אזוי האט מען אונזער האטעל גערופען — איז געווען א יונגע שעהנע פאליאטשקע מיט שווארצע גערדיכטע האאר פער־שארען ווי ביי א בחור, און שווארצע שטיפערישע אויגען. וואס האט געהאט א אידישען שימער אין זיך.

מיר האבען מיט איהר גערעדט דייטש, וואס איז איהר קענטיג שטארק ניט געפעלען. זי האט חושד געווען, אז מיר האלטען מיט דייטשלאנד. זי איז געווען א פער־קאכטע רוסאפילקע.

בכלל האט מען געקענט זעהן אז קיין צו גרויסען נחת רוח פון אונז האט זי ניט און אריינגענומען אונז האט

זי נאָר ווייל דער גרויסער האָטעל האָט געפּוסטעוועט, און זי האָט זיך געקוואָפּעט אויף אַבי וועלכע געסט.

אַלע אַנגעשטעלטע אין האָטעל זיינען געווען רוסען, אמת'ע פערקאַכטע רוסען. דעם טאָג וואָס פּשעמיסל איז געננומען געוואָרען, איז געווען ביי אַלעמען אַ יום־טוב. ווי מיר האָבען אויסגעפונען, זיינען אונזער בעל־הבית'טעס אויגען טאַקע געווען אידישע... זי איז געווען אַ גע'שמד'טע און האָט פיינט געהאַט אידען ווי דעם טויט. אין האָטעל פלעגען זיך געוועהנליך אויפהאַלטען רוסען און פּאָליאַקען. מעהר פון אַלץ פּוילישע גלחים...

פון אָנהויב האָט מען געהאַט דרך ארץ פאַר אונז, ווייל מיר זיינען אַמעריקאַנער. שפּעטער אָבער האָט אפילו דאָס אויך ניט געהאָלפען און מיר פלעגען ביי יעדער געלעגענהייט זיך אָנשטויסען אָן אַנטיסעמיטישע שפּיצלעך.

אונזער קליינע איז איינמאָל געקומען אַ פערוויינטע פון הויף. די קינדער פון הויז האָבען זי גערופען „זשי־דאָווקאַ". וואָס דאָס בעדייט האָט זי ניט פערשטאַנען, נאָר זיי האָבען זי אָנגעקוקט אַזוי בייז בשעת זיי האָבען עס געזאָגט, אַז זי האָט פערשטאַנען אַז דאָס זידלען זיי זי.

אַלטע וואונדען וואָס איך האָב געמיינט אַז זיי האָבען זיך פערהיילט אין די דריי־און־צוואַנציג יאָהר וואָס איך האָב זיך אין אַמעריקאַ איינגעלעבט, האָבען זיך ווידער צועפענט...

איז דאָך בעשעערט געווען אַז מיין טאָכטער'ל, גע־

בארגן אין דעם ווייטען קאלאראדא, נעבען די פרייע „ראקי מאונטיינס", זאל הערען דאס מיאוס׳ע ווארט פון רוסישע ליפען...

האבען מיר זיך צוזעגענט מיט דער משומדת׳טע און האבען אריבערגעצויגען אין א האטעל וואס איז ניט געווען אזוי בעקוועם און האט קיין גרויסע פענסטער און קיין בוגענוויליאס ניט געהאט. דערפאר אבער איז דער איי־גענטימער געווען א איד, וואס איז — איין גאט ווייס ווי אזוי — אריינגעפאלען אהער פון פאלעסטינא. וואוהין ער איז לכתחלה געפאהרען ארבייטען אין א קאלאניע.

געבארען און אויפגעוואקסען איז ער ערגעץ אין א שטעדטעל אין זשאמוט און איז אמאל געווען א שטיקעל לערנער. דא ווערט ער ביסלעכווייז מגושם. חלומ׳ט ער, אז פריהער שפעטער וועט ער קענען צוריק אין ארץ ישראל געהן און דארט א האטעל עפענען.

מיט זיין קליינער דריי־יעהריגער מיידעלע רעדט ער אראביש. אז איך וואונדער זיך, ערקלערט ער מיר, אז דאס איז אויף צו להכעים זיין ווייב, א געוועזענע קעבין, וואס רעדט מיט דער מיידעלע ניט אנדערש ווי רוסיש. בשום אופן וויל זי מיט איהר א ווארט אידיש ניט ריידען. איז אז דו ווילסט ניט קיין אידיש, טא נא דיר אראביש.

א רחמנות אויף דער מיידעלע, און נאך מעהר אויף די ביידע לשונות וואס ווערען פון סטירדעס וועגען אונ־בארימהערציג צוקאליעטשעט.

---

דער האטעל איז לייזיג. אחוץ אונז שטעהט איין נאך איין גאסט, א הויכע דיקע רוסישע בארגנעסע וואס

עסט משונה פיעל. זי האט א מיחש אזא. אמאל איז זי געוועזן גאר אין די הויכע פעדערעז, איצט אז די משפחה איז פערארימט געווארען, האט זי געמוזט זיך ארונטער־לאזען אזש צו אונזער האטעל.

פערטרויט מיר דער האטעליער אויפ'ן אויער, אז אלע קענען זי ווי א בייזער שילינגער. ניטא א האטעל וואו זי האט ניט אנגעזעצט. ווען ער אליין וואלט ניט געווען אזוי אויף צרות צוליעב'ן קריעג, וואלט ער זי בשום אופן ניט אריינגענומען. אבער אויף קיין רעכטע אורחים קען מען זיך איצט ניט ריכטען, וועט ער פרובירען א י י ן חדש.

דערווייל עסט זי ווי פאר דרייען און די בעלי־בתים צעהלען די טעג ביז'ן ערשטען, ווען זי דארף, לויט ווי זי זאגט, קריגען געלט פון דער באנק

---

די פענסטער פון אונזער צימער קוקען ארויס אויפ'ן וואגזאל. אזוי איז די גאס ליידיג. נאר קומט די צייט ווען א צוג דארף אנקומען, פאהרען אן פון אלע זייטען די אראביעהס און עס ווערט לעבעדיג ארום.

גוט וואס מיר זיינען א טריט פון באהן. פערוועלט זיך מיט אמאל קאאירא, גיב איך א שפרונג איבער'ן וועג און בין שוין אין וואגאן.

וואונדערט זיך דער האטעליער: א מענש זאל האל־טען אין איין פאהרען...

# LXIII.

# כופו

אָנגעהויבען האָט זיך דער טאָג מיט אַ געדיכטען מילך־ווייסען נעבעל, אַזוי ווי עס הויבען זיך געוועהנליך אָן די טעג פון יאַנואַר אין קאַאירא. מיר זיינען אַרויס פון האָטעל, אויסגעזופּט אויף גיך צו פינגערהוט קאַווע אין אַן אַראַבישען קאַפע וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געעפענט, און האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די שטאָדט האָט ביסלעכווייז גענומען אויפלעבען. אַראַבישע טרעגער, קליינע שטאַרקע עזלען בעלאָדען מיט גרינסען, דאָ און דאָרט אַ קעמעל מיט אַ באָרוועסען טרייבער ביי דער זייט, אַ האַלב־ליידיגע טראַמוויי — האָבען זיך גענומען אַרויסשיילען פון דעם טומאַן.

מיר האָבען זיך געאיילט וואָס פריהער אָנקומען אין גיזאַ, דאָרט וואו די דריי גרעסטע פּיראַמידען געפינען זיך. און האָבען גענומען די ערשטע קאַר וואָס איז אַהין געגאַנגען. מיר זיינען דורכגעפאָהרען אַ שטרעקע פון מיילען, אַריבערגעפאָהרען דעם נילוס, און ווייטער געפאָהרען אָבער געזעהן האָבען מיר קיין זאַך ניט. דער נעבעל האָט ניט פערגונען.

אַן אַראַבישער דראַגאָמאַן וואָס איז נעבען אונז גע־

זעסען, האט באלד דערשמעקט אז ער האט דא פאר זיך א גרופע פון רייכע טוריסטען... האט ער אונז גענומען פרעגען אויף געבראכענעם פראנצויז, אויב די מ׳סיע דאר־פען ניט א פיהרער. אז ער האט געזעהן אז מיר שוויי־גען, איז ביי איהם געבליבען אז מיר זיינען ענגלענדער און ער האט גענומען לויבען די פיראמידען אין טאג אריין, אויף שעקספיער׳ס לשון. די פראבע איז ווידער ניט גע־לונגען. האט ער זיך גענומען צו איטאליעניש, דייטש, רוסיש און וואלט אודאי געפרופט העברעאיש מיט דער הברה הספרדית, ווען די קאר זאל זיך ניט אפשטעלען און מיר זאלען ניט האסטיג אראפשרינגען.

---

דער נעבעל האט זיך דאך מרחם געווען, און האט זיך א הויב געגעבען און אונז בעוויזען דעם שעהנעם גרינעם נילוס־טהאל, מיט די דערפלער, מיט די הויכע פאלמען, מיט די ווילאס און די גערטנער, און די סטאדעס שאף אויף די פעלדער, און פון דער ווייטען קאאירא מיט די שפיציגע מאשעען קעגען הימעל... און דער הימעל הויך און אזוי בלא אז דאס אויג קען עס קוים פערטראגען. און אומעטום גאלד, גאלד, פינקעלדיג גאלד צושאטען אויף די בוימער און אויפ׳ן זאמד און אויף די ווענד פון די הייזער...

דער וועג צו די פיראמידען איז געווען פערשפארט. א לאנגע ניט־אונטערבראכענע שערענגע פון אמוניציע־וועגענער האט זיך געצויגען צום מדבר. צו יעדער וואגען זיינען געווען איינגעשפאנט זעקס שטארקע פערד צו צוויי

אין אַ שורה. אויף די צוויי פאַדערשטע זיינען געריטען פול־בעוואָפּענטע סאָלדאַטען, קרעפטיגע יונגע אויסטראַ־ליער וואָס פון זיי האָט געוועהט דער געזונדער ריח פון גרויסע וועלדער און דער פרייער אָטהעם פון דער פּרעירי...

די מחנה האָט זיך געצויגען און געצויגען. ס'האָט זיך געדאַכט אַז עס וועט קיינמאָל קיין סוף ניט נעהמען. זעקס פערד און אַ וואַגען, זעקס פערד און אַ וואַגען. דער זאַמד פון וועג איז געווען טיעף און ווייך און די רעדער האָבען קיין סקריפּ ניט ארויסגעלאָזט. די סאָלדאַטען זיינען געזעסען שטום אויף זייערע פערד, די פערד האָבען אפילו אַ הירזשע ניט געגעבען... האָט עס זיך געשלעפּט און געשלעפּט ווי אַ שטומע לויה מדבר־צו... און פון דער הויך האָבען געקוקט די דריי גרויסע פּיראַמידען. פּרעה'ס וועלט־הערשאַפט האָבען זיי געזעהן פערשווינדען, אלכסנדר מוקדון'ס ממשלה — צוזאַמענפאַלען, צעזאַר'ס טרוים פון גרויסקייט — צונישט ווערען, דעם חלום פון אַן אַראַבישער אימפּעריע — פערגעהן ווי רויך, און איצט גלאָצען זיי אויף די ענגלישע אַרמעען...

פון דעם קאַלטען נאַסען לאָנדאָן איז אַרויס אַ רוף צו די עקען פון דער וועלט, צו ווייטע אינזלען, צו די זוניגע פעלדער און הינטערוועלדער פון אויסטראַליען — און איי־לענדיג זיינען זיי געקומען, די יונגע, די פריידיגע, די הויכ־געוויקסיגע פּיאָנערען צו געבען זייער בלוט כדי בריטאַ־ניען'ס ממשלה אויפצוהאַלטען....

די געשיכטע ווידערהאָלט זיך. דער אַלטער פּרעה מוז האָבען דאָס בלוט פון געשאַכטענע יונגע קינדער, זיין לייב

צו באַדען, זיינע שלאַפע גליעדער צו שטאַרקען...

ענדליך האָט זיך דער צוג געענדיגט. האָבען מיר זיך געלאָזט בראַדזשען דורך דעם וואַרעמען זאַמד באַרג־אַרויף, ביז מיר זיינען געשטאַנען נעבען דעם גרויסען פּי־ראַמיד, דעם קבר פון כעאָפּס אָדער כופו.

ווייט ווייט אַוועק האָבען זיך געזעהן די טויזענדער לייוועגטענע ביידלעך פון דעם ענגלישען לאַגער אין מענא, אויפגעשטעלט אין לאַנגע שורות. אויבען אויף דעם שפּיץ פון פּיראַמיד זיינען געשטאַנען ענגלישע אָפיציערען וואָס האָבען פון אונטען אויסגעזעהן ווי קליינע קאַרליקלעך. זיי האָבען מיט פאָהנעס געפאָכט און סיגנאַלען געגעבען. און פון ווייטען, פון פערשיעדענע ווינקלען אין טהאַל האָבען פאָהנעס אָפּגעענטפערט.

מיר זיינען איין מאָל און צוויי מאָל ארומגעגאַנגען ארום די געוואַלדיגע שטיין־מאַסען, וואָס פינסטערע טרוי־מער פון מאַכט און פון אייביגקייט האָבען געלאָזט אויפ־בויען אויף דעם שוועל פון דער וויסטעניי....

שטעהען די פּיראַמידען און קוקען זיך איבער מיט דעם גרויסען אייביגען פּוסטען מדבר. זיי האָבען אַ סוד צווישען זיך...

הינטער זיי שטעהט דער ספינקס מיט אַן אָפּגעהאַק־טער נאָז. דאָס האָבען איהם די אַראַבער פערקריפּעלט אין די צייטען פון זייער ממשלה איבער עגיפּטען. זייערע סאָל־דאַטען האָבען זיך אויף איהם שיסען געלערענט. קיין בעסערען נוץ האָבען זיי פאַר אַזאַ מין פערזעהעניש ניט געקענט געפינען... איז דער ספינקס געבליבען אָהן אַ

נאז, אבער די אויגען קוקען אזוי מורא׳דיג קאלט ווי פריהער.

שטעהט ער א צוקאליעטשעטער און גלאצט אויפ׳ן מדבר. אויף די פיראמידען וויל ער צומאל א קוק ניט געבען. ער איז שוין א פערשאטענער אין זאמד געלעגען איידער זייער ערשטער שטיין איז געלעגט געווארען...

איין טאג ווען דער קיניג טהאטמעס האט געשלאפען זיין נאכמיטאג־שלאף, איז צו איהם דער גאט הארמאכעס געקומען און ער האט איהם די קרוין פון מצרים צוגעזאגט, אויב ער וועט זיין בילד, דעם ספינקס, פונ׳ם זאמד ארויס־גראבען.

האט איהם טהאטמעס אפגעראטעוועט.

אבער דער מדבר גלאצט נאכאנאנד און סטראשעט:

— כ׳וועל פערשיטען... זאמדווייז וועל איך פער־שיטען...

---

צוויי יונגע ארטילערי־אפיציערען שעהנע, שטארק־געבויטע יונגע לייט האבען זיך אפגעשטעלט פלוידערען מיט אונז. מיר ריידען פון אמעריקא — פון וואנען מ י ר קומען און פון אויסטראליען — פון וואנען ז י י קומען. און פון פערשיעדענע זאכען, און מיר לאכען און מיר וויצלען זיך, און אונטער מיינע אלע רייד און מחשבות דרעהט זיך די שווארצע פראגע: וואו און וואס וועלען זיין אט די צוויי שעהנע יונגע לייט אין א פאר מאנאט ארום ?... לויפט דורך א בילד פון א פערבלו־טיגטע מאסע אהן הענד און אהן פיס מיט אן אראפגע־שאסענער באק...

זיי בעקלאגען זיך, פאר וואס מען האלט זיי דא אין מצרים. אין פראנקרייך וואלטען זיי איצט געוואלט זיין... זיי זיינען דאך ניט געקומען פון אויסטראליען די פּיראַמידען צו זעהן. זיי קענען זיך ניט דערווארטען ביז זיי וועלען זיין אין אַן אמת'ער שלאַכט... טויטען, טויטען, טויטען...

און איבער אונז אזא ווייכער ליעבער הימעל, אזוי ווי א מאמע'ס פּנים... און דער נילוס שעמערירט מיט גינגאלד און גרינקייט און די פּאלמען אין דער ווייט — שלאנקע רוהיגע ריעזען...

הערט זיך א קלאפּ... איז דאס ניט פון דער טיעפעניש פון א פּיראמיד ? —

יא ! דאס איז כופו... אונטען אין זיין שטיינערנעם קבר לאזט עס איהם ניט איינרוהען...

הונדערט טויזענד מענשען האבען צוואנציג יאהר נאכאנאנד שטיינער געשלעפּט פון טורא — גרויסע ריעזיגע שטיינער. און פאר זייער ארבייט האבען זיי געקראגען יעדער טאג אויסגעטיילט א פּארציע רעטעך און ציבעלע און קנאבעל, גענוג דאס לעבען צו דערהאלטען. און געשקלאפּט האבען זיי פון זונענאויפגאנג ביז זונענאונטערגאנג און נוגשים זיינען געווען איבער זיי וואס האבען געבייטשט און צום טויט דער'הרג'עט דעם וואס האט ניט א פולען טאג געארבייט. צוואנציג יאהר שטיינער געשלעפּט און צוואנציג יאהר דעם פּיראמיד געבויט. אזוי האט כופו בעפוילען.

ווארום כופו האט געוואלט אייביג בלייבען, אייביג ווי דער מדבר...

האָט ער אויסגעליידיגט זיין שאַץ־קאַמער כדי זיין פינסטערען אייביגקייט־טרוים צו פערווירקליכען. און ווען ער האָט מעהר קיין גאָלד און קיין זילבער ניט געהאַט, האָט ער זיך דערמאַנט אַן זיין טאָכטער. וואונדערשעהן איז די פרינצעסין געווען, ווי אַ טאָכטער פון די געטער. האָט ער איהר געהייסען איהר ליעבע פערקויפען, און איהם העלפען זיין פיראַמיד דערבויען.

האָט זי איהר פאָטער'ס ווילען געטהאַן. און די רייכסטע מענער פון לאַנד זיינען געקומען מיט זייער גאַנץ פערמעגען דער בת־מלכה'ס ליעבע צו קויפען...

כופו'ס בלוט איז אין דער טאָכטער'ס אָדערען געפלאָסען, און זי האָט פאַר זיך אַליין אויך אַ פיראַמיד האָבען געוואָלט... האָט זי פון יעדען געליעבטען אַ צוגאַב, אַ שטיין פערלאַנגט...

---

הערט איצט דער אַלטער כופו ווי די אַמוניציע־וועגענער פאָהרען פערביי און ער כאַפט זיך אויף אין זיין פינסטערען קעלער־קבר און ער קנאַקט זיינע פינגער־ביינער פון פרייד, און ער קלאַפט זיי אַן די שטיינער געקויפט פאַר זיין טאָכטער'ס שאַנד און פאַר זיין פאָלק'ס בלוט...

LXIV.

# חעלוואַן

צו אונז קומט אָפט אַריבער פון קאַירא אַ יונגער בחור, דער זוהן פון אַ קאָלאָניסט פון רחובות, וואָס גרייט זיך אָפּפאָהרען קיין אַמעריקא וואו ער האָט ברעה שטודירען מעדיצין. אַזוי שנעל ווי ער וועט אויסשטודירען וועט ער זיך אומקעהרען קיין ארץ ישראל, וואו ער איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען און צו וועלכער ער איז אָרגאַניש צוגעבונדען. ער קען גאָר ניט פּערשטעהן ווי מע קען וואוינען אין אַן אַנדער טייל פון דער וועלט.

אַז ער קומט, וועהט מיט איהם אַריין אַ לופט פון רחובות און מיר פיהלען זיך רחובות'דיג. זיצען מיר און מיר ריידען שעה'ן נאָכאַנאַנד פון אונזערע שכנים אין דער קאָלאָניע, און מיר מאָלען זיך אויס ווי דער פּרדס אונזערער זעהט אויס, און קלערען צי מע האָט ניט אַרונטערגעהאַקט דעם הויכען אייקאַליפּט וואָס שטעהט נעבען אונזער געהעפט, און אַזוי ריידענדיג ווערט אונז אַלעמען אויפ'ן הארצען אויפגעראַמטער, וואַרעמער.

---

אָפט מאַכען מיר לאַנגע שפּאַצירגאַנגען אַרום חעל-

וואַן. איינמאָל האָבען מיר אַזוי אָוועקגעשפּרייזט אַזש ביז'ן נילוס.

פון יענער זייט רוקט זיך צו אונז אַלץ נעהנטער דער גרויסער בית עולם פון אַלט־מצרים — סאַקקאַראַה. בולטער פון אַלע פּיראַמידען, וואָס זיינען צוואָוואָרפען אַרום, זעהט זיך דער פּיראַמיד פון'ם קעניג צאָסער, געבויט אין זעקס גרויסע טרעפּען אַזוי ווי עפּעס אַ געוואַלדיגער ריעז וואָלט איהם געבויט, כדי אויפ'ן הימעל אַרויפצוקלעטערען.

דאָרט איז אַמאָל געשטאַנען די עלטסטע הויפּטשטאָדט פון מצרים, די שטאָדט מעמפיס — מוף אין העברעאיש — וואו מען האָט צו דעם וואונדערבאַרען גאָט אַפּיס געדיענט.

איין מאָל אין אַ לאַנגער צייט פלעגט זיך דער דאָזיגער גאָט בעווייזען אויף דער ערד אין געשטאַלט פון אַ שוואַרצען אָקס, מיט אַ ווייסער פליאַמע צווישען די הערנער. געבאָרען געוואָרען איז ער פון אַ קוה וואָס אַ בליץ איז פלוצים אין איהר אריין און האָט זי בעשווענגערט.

פלעגט דער אָקס־גאָט אַרומגעהן צווישען די מענשען אַ פערהייליגטער, אַ געאַכפּערטער און אַז ער האָט אויסגעלעבט זיינע בעשטימטע יאָהרען אויף דער ערד, פלעגען איהם די פּרומע פּריסטער בעגראָבען מיט גרויס פּאַראַד: האָט זיך אָנגעקליבען אַ גאַנצער בית־עולם פון די הייליגע אָקסען, אָדער ווי מען רופט עס, סעראַפּעאום.

אַ שלעכטען סוף האָט נאָר געהאַט דעריעניגער אַפּיס וואָס זיין גורל איז אויסגעפאַלען זיך צו ענטפּלעקען אין דער צייט פון קאַמביזעס, דעם זוהן פון דעם גרויסען כורש

מלך פרס, וואס האט בעזיעגט מצרים. דער פערזישער הערשער האט מיט זיין שפיעז דעם הייליגען אקס שיער ניט דער׳הרג׳עט. האט דער ארעמער גאט זיך געפלאגט א לאנגע צייט, געקרענקעלט און ארומגעאנגען א גוסס׳ער אין דעם טעמפעל, ביז ער איז געשטארבען פון דער וואונד, און די פריסטער האבען איהם שטילערהייד געבראכט צו זיין הייליגער קבורה.

---

די פעלדער פוןביידע זייטען וועג ווערען גרינער וואס נעהנטער מיר קומען צו דעם נילוס־טייך. די גרינקייט איז א שטארקע, א פרישע, אזוי ווי נאר וואס אפגעפארבט.

אויפ׳ן וועג קומט אונז אן אנטקעגען אן אראביש פאסטוכעל פון א יאהר צעהן צוועלף, שפרייזענדיג לאנגזאם הינטער א קליינער סטאדע שעפסען און ציעגען.

איינע פון דער סטאדע האט זיך פון וועג אראפגע־דרעהט און וויל מאכען שבת פאר זיך. דאס פאסטוכעל בייזערט זיך אויף איהר, און רופט זי צוריק ביים נאמען. שטעלען מיר זיך אפ ריידען מיט דעם פאסטוכעל און גע־פינען אויס, אז ער האט בעזונדערע נעמען פאר אלעמען און אויסגעקליבען האט ער די סאמע שעהנסטע: מאַ־ברוקאה (געבענשטע), מאחבובאה (געליעבטע), לאטיפאה (מילדע), זאריפא (חנ׳עוודיגע), דזשאמילא (שעהנע), אני־סא (פריינדליכע).

אין זכות פון די שעהנע נעמען גיבען מיר איהם א פיאסטער, און איידער וואס ווען שטעהען מיר אין א ראד פון קליינע אפגעריסענע אראבישע מיידלעך און אינגלעך,

איינינע מיט קויט־בעשמירטע האלב־בלינדע אויגען, וואס פערלאנגען אויף אלע אקטאוועס און אלע נוסחאות: „באק־שיש".

אן עלטערער פעלאח וואס בעוועסערט די בייטען אין א דערבייאיגען פעלד, בעמערקט עם און גיסט אויס אויף דער קליינער כאפטע א שטראם פון זידעל־ווערטער וואס וואלטען ביי שעקספיר'ען ארויסגעבראכט דאס שפייעכץ פון מויל. טראגען זיי זיך איינציגווייז אפ. כאפענדיג אלע ווייל'ע א קוק הינטערוועלאר, צי דער פעלאח האט זיך ניט אפגעקעהרט.

---

דער פעלאח איז געוועזן דאס נייע, בענייטע מצרים — די מצרים וואס פון איהרע פארטען געהען יעדער יאהר ארויס פאר הונדערטער מיליאנען דאלאר באוועל. די מצרים וואס האט איהר בעפרייאונג פון פרעה'ס „ערי מסים", איהר שפע און איהר זיכערקייט, צו פערדאנקען דעם „אינגלעזע" — אויף וועמען זי בעט דאך אין הארצען א שווארצען סוף, און צו וועמען זי האט אלערליי טענות.

אלט ווי די וועלט. קליינע פעלקער ווי קליינע מענשען, פערטראגען פיעל בעסער דעם יאך פון קנעכטשאפט ווי די לאסט פון דאנקבארקייט. און קריגט מען דאס טעלערל פון הימעל ארונטערגעווארפען, וועט מען דעם ווארפער קיינמאל ניט מוחל זיין די בייל וואס מע האט אין שטערען געקריגען...

---

דער נילוס איז אן ענטטוישונג. א שמאלער קויטיגער

וואסער אין וועלכע עס פארקען זיך אלטע, מיאוס'ע זעגעל־שיפלעך.

די ליכטיגע טרעהרען פון דער געטין איזיס וויינענדיג אויף דעם טויט פון איהר געליעבטען אזירים, וואס פון זיי האט זיך דער נילוס אנגעהויבען — זיינען קענטיג שוין לאנג אויסגעטריקענט געווארען...

---

דער טאג נויגט זיך צום סוף. קעהרען מיר זיך אום צוריק.

אויפ'ן וועג נאהנט פון חעלוואן, טרעפען מיר אן אראבער פיהרענדיג א יונגען שלאנקען פול־בלוטיגען פערד, וואס טענצעלט מיט שטאלצער חנ'עוודיגקייט אונטער'ן קורצען שטריקעל, זיך אויסדרעהענדיג אלע וויילע אקעגען זיין פיהרער אזוי ווי ער וואלט איהם שטיפעריש דעם וועג פערלויפען געוואלט...

דאס פיהרט מען א פערד פון א רייכען עפענדי אויף זיין טעגליכען שפאציר.

פון שעהנעם האלז הענגט איהם אויף דער ברוסט אראפ א זילבערן בלעכעל מיט איינגראווירטע אראבישע ווערטער.

מיר בויגען זיך איין און לייענען די הונדערט און צוועלפטע סורא פון קאראן :

„ער איז גאט דער איינציגער, גאט דער אייביגער, ניט ער האט געבארען און ניט ער איז געבארען געווארען און קיינער איז צו איהם ניט גלייך".

א סגולה אקעגען אן עין הרע.

---

מיר געהען פערביי די געצעלטען פון די קעמעל־פאַלים. די שמאַנט־קאָלירטע קעמלען ליעגען מיט אויסגע־שטרעקטע קעפּ און מעלה־גרה'ן מיט גרויסע צעלאַפּענע ליפּען.

פון די רייטער ליעגען טהייל אויסגעצויגען אויף דער ערד און רויכערען. קרייזעלט זיך דער בלאָער רויך אַקעגען די גאָלדיגקייט פון דער פערגעהענדער זון... טהייל האָבען זייער געבעט־טוך אויסגעשפּרייט און דאַווענען די תפילה פון פאַרנאַכט, זיך בייגענדיג און קניהענדיג מיט גרויס כונה...

א דינע בלאָקייט שפּרייט זיך אויס אויף די אַנטקעג־גענדיגע מאָקאַטאַם־בערג און די געלע מדבר־גראָהע היי־זער פון חעלוואַן קיהלען זיך נאָך דער שטיקענים פון טאָג...

---

אונזער וועג פיהרט אונז פערביי די צוויי פרייע שווע־בעל־ברונימער. איינער פאַר מאַנסבילען און א קליינע שטרעקע ווייטער, איינער פאַר ווייבער.

אַלע פאַרנאַכט פּעקלען זיך אהער אַריבער די האַרעמס פון חעלוואַן, אַלטע און יונגע פרויען, אַנגעטהאַן און פער־שלייערט אין שווארצען, מיט שווארצע לאַקירטע שיכלעך און רויטע אָדער שרייאיג־פאַרביגע זאָקען — האַלב נאַ־גע, האַלב קורטיזאַן.

אז מע קומט מאַכט מען זיך היימיש. מע נעהמט אַראָפּ דעם שלייער און מע טהוט אויס די לאַקירטע שיך מיט די שרייאיגע זאָקען, און מע באָדט די פיס. דערנאָך זעצט מען זיך אויס אויף דער ערד ארום דעם פּאַוויליאָן,

און מע פּלווידערט, און מע קייט פּערציקערטע ניס, האַלוואַה און אַנדערע זיסע נאַשערייען.

---

אַז מיר גהעהן פּערביי פּערדעקען אַלע אויף גיך זייע־רע פּנים'ער, און די אויגען וואָס בלייבען אָפּגעדעקט — לאַכען מיט שמד־שטיק...

האָבען מיר נאָך אַלעמען גאָרניט פּערלוירען. די אויגען זיינען דער שעהנסטער, אָפּט דער איינציגער חן, וואָס די עגיפּטישע פרויען פּערמאָגען.

די בעוועגונג פאַר „סופור" (אָפּשאַפונג פון שלייער), וואָס ווערט איצט ענערגיש אָנגעפיהרט פון דעם ראַדיקאַלען עלעמענט אין קאַירא, אויב זי זאָל האָבען אַ ערפאָלג, וועט מאַכען אַ סוף צו אַ סך שעהנע חלומות פון אָריענטאַלישער שעהנקייט...

---

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם לאָזט זיך אַראָב אַ גרויסע, ווייסע זון, ווי אַ זילבערנע שילד... די לופט איז קלאָר און שאַרף־דורכזיכטיג, דער הימעל איז נאַקעט, אָהן אַ שום צויט פון אַ וואָלקען. אַ בלאָער גלאַטער מדבר פון קאַלטע גלאָז... גליטשט זיך דער ווייסער שילד, פּאַמעליך, פּאַמעליך, אָהן אַ בעגלייט פון אַ פּאַרב אָדער אַ צופּיפּס פון אַ פויגעל, און די פּיראַמידען ווערען שוואַרצער, עלטער — „על־אהראם" — די זקנים, די אָפּגעלעבטע ווי די אַראַבער רופען זיי.

---

ביינאַכט בין איך ביז שפּעט געזעסען אויף דעם שטיי־

נערנעם באַלקאָן פון אונזער האָטעל, וואָס איז געקעהרט צום מדבר.

די קולות, וואָס פערטראָגען זיך דורך'ן טאָג פון דער גאַס, זיינען איינציגווייז אנד־ינמעלט געוואָרען. האָב איך די אויערען אָנגעשטרענגט צו הערען די שטילקייט פון דער מדבר, וואָס האָט אַ שפּאַן ווייט פון אונז, זיך געגראָהט אין דעם ליכט פון די שטערען...

מיט אַמאָל האָט אַן אומעדיגער קול אַרויסגעיאָמערט פון דער פינסטערנים... ערגעץ־וואו האָט אַן אַראַבישער בעל־הבית געסט פעררופען און האָט עמיצען גערונגען דעם קאָראַן איבערצוליינען — אַ „חאַתמעה" געמאַכט.

אומעדיגער און צער'דיגער איז דער נגון געוואָרען, האָט זיך אָפּגעבראָכען און האָט זיך ווידער אָנגעהויבען, זיך געדרעהדעלט און געצויגען נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד אין גראָען קבר־ריטהם, אַזוי ווי די זאַמד־וועלען פון דער סאַהאַראַ...

LXV.

# אַראַבעסקען

אז איך קום אין קאַירא זוך איך אויף מיין רחובות'ער פריינד און מיר לאָזען זיך צוזאַמען אוועק אין אַן עכט אראַבישען ווינקעל פון דער שטאָדט, אָדער מיר געהען צו־זאַמען קויפען אַראַבישע ספרים. ער רעדט אראַביש ווי א געבוירענער. איז ער מיין דראַגאָמאַן.

אין אַ שמאָלער אראַבישער געסעל, ניט ווייט פון דעם „על־אזהאר" מאָשיי, האָבען מיר שוין אונזער בע־קאַנטען מוכר־ספרים — א יונגער אראַבער מיט רויטע האָאר, אָנגעטהאָן אין אַ לויזער רויט־געבלימטער גאַלאַ־ביעה, געלע לעדערנע פאַנטאפעל און אַ הויכען רויטען תארבוש.

פון אָנהויב האָט ער מיך אויפגענומען און בעהאַנ־דעלט ווי אַ טוריסט, העפליך און שמייכלענדיג. און פאַר יעדער ספר וואָס איך האָב אין האַנד גענומען האָט ער זיך ניט געשעמט צו בעטען פינף מאָל אזוי פיעל ווי ער וואָלט פערלאַנגט פון אַן אראַבער. אין קיין נאָהענטע שמועסען האָט ער זיך מיט אונז ניט אריינגעלאָזט. זינט אָבער ער האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב דורכגעלייענט דעם „כיתאב

על־קארים" (דעם געהויבענעם ספר — דעם קאראן) אין אראביש, ניט קוקענדיג דערויף וואס ניט איך רייד און ניט איך פערשטעה צומאל ווען מע רעדט צו מיר אין דעם לשון — האט ער די מקחים גענומען ארונטערלאזען, און האט ליעב מיט אונז איינצו'טענה'ן. ביסלעכווייז ווערען מיר אלץ מעהר מקורב, און ער הויבט אונז אן בעטראכטען פאר אייגענע מענשען. אז עס קומט צוועלף און ער הערט דעם מועדדין פון א דערבייאיגען מינארעט רופען צו דער מיטאג־תפילה, לאזט ער אונז איבער היטען זיין קליינע קלייט און כאפט זיך אריין אין דער מאשיי צו מאכען זיי־נע „רעק'אס".

עס קומען צו איהם אריין א סך תלמידים פון „על־אזהאר", ווערט דער אמעריקאנער „אלים" (געלעהרטער) פארגעשטעלט און מע גריסט זיך מיט גרויס צערעמאניע.

---

אנוסטען זיינען מיר געווען אין דעם אראבישען מו־זעאום. די קאלעקציע, וואס איז איבעריגענס אין איהר ערשטען אנהויב, האט בלויז בולט'ער ארויסגעבראכט די ווינציגקייט און ארעמקייט פון דאס, וואס מע רופט אראַ־בישע קונסט.

אמת כאראקטעריסטיש־אראביש זיינען געווען די מאַ־זאאישע ארבייטען פון האלץ, מעטאל און עלפענביין, איינ־געלעגט אין אלערליי קונציג־פערפליאנטערטע פיגורען און ארנאמענטירט מיט פערשיעדענע קאראן־טעקסטען. די אונרעגעלמעסיגע פארמען פון דעם אראבישען אלף־בית, די געקרימטע און געדרעהדעלטע שטריכען, די פערשלידע־

רונג פון איין בוכשטאַב מיט'ן צווייטען, זיינען אַזוי ווי אומיסנע געמאַכט געוואָרען פאַר דעקאָראַטיווע צוועקען.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם קונציג־פערציר־טען זעקס־עקיגען טישעל (קורסי) פון סולטאַן שאַבאַן, פון פערצעהנטען יאָהרהונדערט און האָב זיך געקוויקט מיט דעם וויר־וואר פון די מאָזאַאישע געפלעכטען.

האָט מען אַביסעל לענגער געקוקט, איז דער וויר־וואַר פערשוואונדען און עס איז געוואָרען קלאָר און דייטליך, צ ו קלאָר... קיין נעבלען און קיין אָנצוהערענישען, קיין אונטער־טענער און קיין ניט־דערזאָגקייט, מעהר געאָמעט־ריע ווי קונסט... די אראַבער האָט געפעהלט שאָטענהאַפ־טיגקייט, האָבען זיי שטאַט געהיימניסען געשאַפען פליאַנ־טערס און אַראַבעסקען, שטאַט סודות — קונציגע געפלעכ־טען פון שטריכען און רינגען, דורך וועלכע עס רייסט זיך דאַך דורך די העלע טרוקענע זון, וואָס שלאָגט אויף דעם זאַמד...

אַזוי זיינען זייערע דיכטונגען פון יענע יאָהרהונדער־טען, ווען זיי זיינען געווען די איינציגע פאָהן־טרעגער פון ליטעראַטור — מעהר ענליך צו קונציג צונויפגעשטעלטע רעטעניסען ווי צו פּאָעזי...

אין אַ צווייטען טהייל פון דעם בנין, אין פערבינ־דונג מיט דער כעדיווישער ביבליאָטהעק, איז די וואונדער־באַרע זאַמלונג פון נאָהנט דריי טויזענד פערשיעדענע קאָראַנס, געשריבען אין פערשיעדענע לענדער און פער־שיעדענע צייטען, אָנהויבענדיג מיט די אָרעמע עקזעמפּ־ליאַרען פון די ערשטע קאַמפף־יאָהרען פון איסלאַם ביז די

פרעכטיגע קונסט־ווערק פערצירט מיט גאָלד און אַלערליי פאַרבען, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען פאַר די מעכ־טיגע כאַליפען, וואָס האָבען זייער ממשלה פערשפּרייט איבער אַ האַלבער וועלט.

---

קוק איך אויף אַ גרויסען וואונדערבאַר־פערצירטען קאָראַן, וואָס ליעגט אָפען פאַר מיר אין אַ גלאָז־קאַסטען. די בוכשטאַבען און די איינראַהמונג זיינען פון גאָלד און דעליקאַטנע פאַרבען, און אַלצדינג רעדט פון רייכער קע־ניגליכער פּראַכט. טראַכט איך פון דעם ערשטען קאָראַן, וואָס זעיד איבן תאביט האָט אויף דעם בעפעהל פון דעם ערשטען כאַליף צוזאַמענגעשטעלט. אין שטיקלאַך, אין איינ־ציגע סורא'ס און אין פּסוקים איז אַללאַה'ס בוך אַרומגע־גאַנגען צווישען דעם בעדואינער פאָלק, אַזוי ווי זיי זיינען שטיקלעך־ווייז צו דעם נביא אַנטפּלעקט געוואָרען.

אַז דער נביא איז געשטאָרבען און דער טרייער אַבו־בעקר איז „דער הערשער פון די גלויביגע" געוואָרען, האָט ער בעשלאָסען די צוזייהטע און צושפּרייטע סורא'ס און שטיקער צונויפזאַמלען און די ווערטער פון מוחאַמעד'ן אין איין תורה בעהעפטען.

די הייליגע אַרבייט האָט מען אַנגעטרויט דעם יונ־גען זעיד, וואָס איז דעם נביא'ס שרייבער און רעכטע האַנד געוועזען. דער נביא אַליין איז אַן „אומיאי", אַ ניט־געלערנ־טער געוועזען, און געוואוסט האָט ער בלויז וואָס דער מלאך „דזשיבריל" האָט איהם ענטפּלעקט.

האָט זעיד געזוכט און געזאַמעלט גאָט'ס וואָרט פון

פאַלם־בלעטער, פון ביינער און פון שטיינער און מעהר נאָך פון אַלץ, ווי ער דערצעהלט, „פון די הערצער פון מענשען", וואוהין זיי זיינען פון נביא'ס מויל געפאַלען.

---

איין טאָג האָבען מיר זיך ארומגעדרעהט אין די קרומע געסלעך פון „מאסר־על־אטיקא" (אַלט קאַירא), אָדער „על־פאַסטאַט", דער געצעלט, ווי מען האָט די שטאָדט אַמאָל גערופען.

דאָ איז דער געצעלט געשטאַנען פון אמר־איבן־על־אסי, ווען ער האָט אין זיבענטען יאָהרהונדערט מצרים פאַר'ן איסלאַם בעצוואונגען. דעמדאָזיגען געצעלט זיינעם האָט ער בשום אופן ניט געלאָזט איבערשטעלען אין אַן אנדער אָרט, כדי ניט חרוב צו מאַכען די היים פון די טויבען, וואָס האָבען דערין זייער נעסט געמאַכט. האָט מען די נייע הויפּט־שטאָדט געמוזט בויען ארום דעם געצעלט.

דאָס איז געווען נאָכדעם ווי דער פרומער אמר האָט זיך פון אַלעקסאַנדריא אומגעקעהרט, וואו ער האָט אויף דעם בעפעהל פון דעם כאַליף אָמאַר די בעריהמטע ביבליאָטעק פון די פּטאָלמעאישע קעניגען געלאָזט פאַנאַנדערטיילען צווישען די בעדער פון דער גרויסער שטאָדט. הייץ־מאַטעריאַל וואָס האָט זיי געקלעקט אויף זעקס חדשים.

לעבעדיגע טויבען זיינען דאָך חשוב'ער געווען ווי טויטע ביכער...

---

דורך אַ שמוציגען לאַבירינט פון חורבות און האַלב־איינגעפאַלענע ווענד דערשלאָגען מיר זיך צו דעם הויף,

וואו עס געפינט זיך די קעניסאַט־על־יאהוד — די אידישע שוהל, וואָס מע רופט אויך די עזרא־שוהל.

דער אַלטער אורשפּרינגליכער בנין איז ניט מעהר דאָ. די איצטיגע שוהל איז ניט לאַנג צוריק אויפגעבויט געוואָרען אויף דעם פּלאַץ פון דער אַלטער.

עס איז שבת בייטאָג און די שוהל איז פערשלאָסען. לויפט אַ קליין אינגעל אַוועק ברייגגען דעם שליסעל, און קומט תיכף צוריק מיט אַ הויכען בייכיגען אַראַבער, וואָס ס׳שטעלט זיך תיכף אַרויס, אַז ער איז אַ איד. ער איז דער שמש פון דער שוהל.

— אתה מדבר עברית?

— מוש אַריף (איך פערשטעהע ניט). איך פערשטעהע נאָר „ביל׳אַראַבי״.

עפענט ער די שוהל. וואַרפט זיך אין די אויגען אַ בימה פון מירמעל־שטיין בעשריבען מיט גילדערנע בוכשטאַבען, שבחים צו דעם גביר וואָס האָט די בימה מנדב געווען.

אין מיטען שוהל איז אָנגעוויזען דער אָרט וואו משה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענד אַקעגען הימעל און האָט מתפלל געווען דער האָגעל זאָל זיך אָפּטהאָן פון מצרים...

דער ארון־קודש — איינגעלעגטע ארבייט אין עכט אַראַבישען סטיל.

פון די זייטען אָרון קודש צוויי טונקעלע אַלקערלעך. מאַכט זיך אַ חולה מסוכן, ברענגט מען איהם אהין אריין און מע לאָזט איהם איבערנאַכט. איז דאָס אַ רפואה בדוקה.

ווען מיר געהען ארוים פון דער שוהל, קלייבען זיך ארום אונז ארום א באנדע קליינוואַרג. קיינער פון זיי בעט ניט קיין באקשיש. דאס האבען מיר די קדושה פון שבת צו פערדאנקען.

ארום דעם שמוציגען ענגען הויף זיינען וואוינונגען. אויף די צובראכענע ווערענדעס זיצען פעטע אראבישע אידען און לופטערען זיך אין שאטען.

מאכט אונז דער שמש אויפמערקזאם, אז דא וואוינט ניט אבי ווער. דאס קומען אהער פון קאאירא די רייכע בעלי־בתים אויף פרישע לופט...

# LXVI.
# אַאידאַ

אין אַ פינסטערער ווארעמער נאַכט זיינען מיר זאַלבע זיבעט געגאַנגען זעהן אַן אַראַבישע טרופּע שפּיעלען אין דעם כעדיווישען אָפּערא־הויז. אַראַבישע אַפּישען האָבען בעקאַנט געמאַכט דעם קאַירער עולם אַז „אונטער דער פּראָטעקציע פון אונזער האר דעם סולטאַן" וועט צום ער־שטען מאָל אויפגעפיהרט ווערען די דראַמא „על־יאַתימאַ־תעין" — די צוויי יתומות, איבערזעצט פון פראַנצויזיש. די סצענעס און מלבושים וועלען זיין עין לא ראתה און דער עיקר — עס וועט שפּיעלען דער בעריהמטער „שעיך סאַלאַמעה", וואָס אַז אַן עגיפּטער הערט איהם זינגען, געהט איהם אויס דאָס חיות:

מיר זיינען אָנגעקומען צום טהעאַטער ארום ניין אַ זייגער און זיינען קענטיג געווען פון די עשרה ראשונים. די אויפפיהרונג האָט זיך ערשט געזאָלט אָנהויבען האַלב צעהן.

ביי דער קאַסע איז געשטאַנען אַ יונגער אַראַבער אין אַ שווארצען פראַק מיט אַ ווייסען קראַוואַט און אַ הויכען

רויטען פעץ. אז מיר האבען פערלאנגט בילעטען פאר דער גאלעריע, האט ער זיך זעהר פריינדליך פערנייגט און מיט א צוקערדיגען שמייכעלע אונז גענומען אפריידען. אזעלכע געהויבענע „חאוואגאהס" אויף דער גאלעריע ? היתכן ? ער קען ניט צולאזען מיר זאלען זיך אליין אנ־טהאן אזא ביוש. וואלט ער פון אונזער אייגענעם כבוד וועגען אונז געראטען מיר זאלען בעסער צוצאהלען א קליי־ניגקייט, סך הכל פיער פיאסטער אויף א פערזאן און זיצען בהרחבה אונטען, ווי עס פאסט פאר אונזער הויכען שטאנד.

מיר האבען זיך אנגעשטויסען אז ער איז איינער פון דער טרופע.

אונזער אנפיהרער האט איהם פערזיכערט, אז מיר בעדאנקען איהם זעהר פאר זיין גוטסקייט און זיין איידעל־קייט, אבער מיר האבען פון דער נאטור א משונה'דיגע ליעבשאפט און צוגעבונדענקייט צו דער גאלעריע. האט ער דערוויילי בעמערקט, אז צווישען אונז געפינט זיך א דאמע און האט אפעלירט צו אונזער העפליכקייט : —

— פאר דער „סיטאהה" איז באמת א בזיון צו זיצען אויבען.

האבען מיר איינשטימיג ערקלערט, אז אויב מיר קע־נען ניט האבען דעם תענוג צו זיצען אויף דער גאלעריע, איז רעכט ביי אונז א ה ן „על־יאתימאתעין".

---

די גרויסע גאלעריע איז געוועז פול בעזעצט, מעהר־סטענטיילס מיט פעלאחין אין לויזע שווארצע מאנטלען און ווייסע געפלאכטענע קאפ־צודעקען, צווישען זיי האבען ער־

טער־ווייז אפגעשטאכענע די לעהם־פארבינגע קאקי־יוניפארמען פון ענגלישע סאלדאטען.

די פארטער און די לאזשען זיינען געווען כמעט ליידיג. בלויז דא און דארט א רייכער עפענדי אדער אן ענגלישער אפיציער. קיין פרויען זיינען ניט געווען אחוץ אויף אונזער גאלעריע, א פאאר אייראפעאישע דאמען אין בעגלייטונג פון מענער.

אויף דער רעכטער זייט האבען זיך געזעהן די לאזשען פון דעם סולטאן און זיין פאמיליע. די לאזשען פאר דעם הארעם *) זיינען פערצויגען מיט א סארט רואה ואינו נראה נעצווערק. ווען די פרוי פון דעם סולטאן אדער איהרע הויפדאמען קומען צו א פארשטעלונג, קענען זיי זעהן דורך די שפאלטען און אליין בלייבען ניט געזעהן.

---

איך האב געהאט צייט גענוג, איידער דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען, צו בעקוקען דעם פרעכטיגען בנין וואס „די שטאדט פון טויזענד און איין נאכט" האט צו פערדאנקען דעם קאפריז פון דעם פערשווענדערישען איזמאאיל פאשא וועמעס הונדערטער מיליאנען חובות וועלען נאך דורות און דורות לאסטען אויף דעם נילוס־לאנד.

דאס איז געשעהן ווען לעסעפ'ס גרויסער חלום איז

---

*) דער איצטיגער סולטאן קעמאל חוסעין, אזוי ווי דער כעדיוו פאר איהם, אבבאס הילמי, האט נאר איין פרוי. דאס ווארט הארעם (אייגענטליך : חארים — הייליג, „חרם") איז דער שם־הכולל פאר אלע פרויען־מיטגליעדער פון דער פאמיליע ווי אויך פאר דער טייל פון הויז וואו זיי האלטען זיך אויף.

דערפילט געווארען: די ארעמע פעלאחין וואס איזמאאיל׳ס נוגשים האבען געצוואונגען מיט די הענד די ערד ארויסצו־שופלען — האט דער הונגער און דער פיבער אוועקגעשיקט טויזענדערווייז זוכען זייער געקריוודעטען לויהן ביי די ווייסלייביגע און שווארצאויגיגע „חוריעהס״ אין דעם מאח־מעדאנישען גן־עדן. זייער ירושה אויף דער וועלט איז געבליבען ביי פרעה׳ן—דערזעלביגער פרעה וואס האט אזוי פיעל גלגולים, פיעל דורות עס זיינען דא אויף דער וועלט. דער סועץ־קאנאל איז געווען פארטיג. א נייער וואסער־באנד האט נעהנטער צונויפגעקניפט לאנדאן מיט קאל־קוטא... אבער דער מאדערנער הארון־על־ראשיד האט נאר דאן זיינע אקציעס ניט געהאט פערשאכערט און האט זיך בעטראכט פאר דעם הויפט בעל־שמחה. האט ער בעשלא־סען צו פייערען דעם יום־טוב פון דער עפענונג, ווי קיין הערשער פאר איהם האט קיין יום־טוב ניט געפייערט, און זאל די קארגע וואכערניצע איירָאפא בלייבען פערגאפט פאר דער פרייער האנד פונ׳ם אריענט...

האט ער אלע מלכים און גרויסע לייט פון דער גאנ־צער וועלט איינגעלאדען. שעהנע יאכטשיפען האט ער אומיסנע פאר די געסט בויען געלאזט. פאלאצען האט ער לכבוד זיי אויפשטעלען געהייסען. א שטראם פון גאלד איז געפלאסען. דער פעסט האט געזאלט אלע פעסטען פון פריהעריגע מלכים פערטונקלען.

---

איז וואכען נאכאנאנד קאירא געווען איין גרויסער באנקעט־זאאל. די פער פון איירָאפא האט זיך פערזא־

מעלט אין דער אלטער שטאָדט און אלאדין'ס לאָמפּ האָט אלע זייערע פּערוועלעניסען ערפילט.

דער קייזער פון עסטרייך איז אויפ'ן יום־טוב געקומען, די שעהנע קייסערין עווגעני האָט די שמחה בעשעהנט, דער קרוינפּרינץ פון דייטשלאנד איז איזמאאיל'ס גאסט געוועזען.

די בעפעלקערונג פון קאאירא האָט זיך מיטגעפרעהט. געוועזען גענוג שיריים פון אזא רייכען טיש פאַר זיי אויך.

און אונטערדעסען האָט די האנד געשריבען. ערגעץ אין א באנקהויז אין לאָנדאָן אָדער פּאַריז האָט זיך בעוויזען דער „מנה מנה תקל ופרסין" — א נייער חוב פון הונדערט מיליאָן פראנק.

---

די וועלט האָט פאַר די הונדערט מיליאָן פראנק איינגעהאנדעלט — „אאידא", אפשר די שטאַרקסטע און טיעפסטע שאַפונג פון דעם מעלאָדישען ווערדי.

וואָרום דער אייניקעל פון מוחאַמעד אלי האָט געוואָלט פאַר זיין יום־טוב האָבען אַן אָפּערא — אַן אָפּערא וואָס איז נאָך אין ערגעץ פריהער ניט געהערט געוואָרען. איז א בעשטעלונג אַוועק צו דעם מייסטער פון „איל־טראַוואַטאָרע". קעניגליכע בעלוינונג, דער הערשער פון עגיפּטען דינגט זיך ניט. און כבוד און אויסצייכנונג...

אַן אָפּערא פון מצרים...

איז דאָס וואָרט מצרים אין ווערדי'ס נשמה אריין אַזוי ווי א שוואַרצער געהיימניספולער פויגעל און ווערדי האָט געדיכטעט א טאָן־פּאָעמא וואָס איז עגיפּטישער ווי

עגיפּטען, וואָס אַזירים אַליין האָט ניט שעהנער פערפאַסען געקאָנט. צום ערשטען מאָל האָט דער ספינקס פון מצרים זיין סוד אין מוזיק אַנטפּלעקט...

---

צו דער אָפּערא האָט מען אַן אָפּערא־הויז בויען בע־דאַרפט. האָט מען אַ פּאַסיגען פּלאַץ אויסגעקליבען נעבען דער עזבעקיעה. איז אָבער דער פּלאַץ געווען בעבויט מיט אַלטע אַראַבישע הייזער און די איינוואוינער האָבען זיך פון אָרט ניט געוואָלט ריהרען.

זאָל די שמחה פערשטערט ווערען צוליעב אַזאַ געזינ־דעל? האָט מיט אַמאָל אַ שרפה א ו י ס ג ע ב ר אָ כ ע ן און אויף מאָרגען איז דער אָרט געווען פריי פאַר דעם גרוי־סען בנין...

---

ווערדי אַליין האָט געזאָלט קומען דיריזשירען זיין אָפּערא, נאָר די מורא פאַר'ן ים האָט איהם אָפּגעשראָקען; ביז דער לעצטער רגע האָט ער זיך געראַנגעלט מיט דער דעה און לסוף געלאָזט וויסען: אונמעגליך...

ניט בעשערט געווען איהם דער נחת.

די ביהנע אַליין איז געווען גרויס גענוג פאַר אַ גאַנ־צען חיל. און פון לוקסאָר און פון טהעבעס האָט מען די אויסגעגראָבענע אוצרות געבראַכט. אַלט מצרים איז גע־ווען אויף דער ביהנע, ניט געמאָלען און געשניצט, נאָר די אמת'ע אַלטע מצרים.

---

דער פאָרהאַנג איז אַרויפגעצויגען געוואָרען און דער שפּיעל האָט מפסיק געווען מיינע געדאַנקען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ באַנקעט. די געסט אָנגעטהאָן אין מלבושים פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט — די מאַנסבילען און ווייסע פּאַרוקען און די פרויען אין משונה־לאַנגע שלעפּעס, האָבען געהאַלטען בעכערס אין די הענד און האָבען געזונגען אין כאָר אַ טרינק־ליעד.

די פרויען האָבען געהאַט אַ סך צו לערנען אין הלכות גרימירונג פון אונזערע אידישע אַקטריסעס. זיי האָבען זיך ווייזט אויס גאָר קיין מיה ניט געגעבען צו פערשטעלען זייערע יאָהרען וואָס זיינען געווען ווייט פון ערשטער פרייש־קייט. די שטימען זיינען געווען ניט שלעכט, און די מעַ־לאָדיע זעהר אָנגענעהם. דאָס איז געווען דער איינציגער פרעהליכער געזאַנג, און לחלוטין ניט קיין אַראַבישע מוזיק. אַלע איבעריגע געזאַנגען וואָס זיינען אריינגעפּלאָכטען גע־וואָרען אין דער דראַמא, זיינען געווען אַראַבישע און ממילא פול מיט טרויער און מרה שחורה אָהן שיעור.

האַנדלונג איז געווען ווייניג. די אַקטיאָרען זיינען געווען שטייף און האָבען זיך שווער און אומגעלומפּערט בעוועגט. די זשעסטען זיינען געווען אָהן חן און אָהן פריי־קייט. דערפאַר האָט מען אַסך געערדט. און געערדט האָ־בען אַלע ניט איינער צום צווייטען נאָר דעקלאַמירענדיג צום פּובליקום.

די דעקלאַמאַציע איז דוקא געווען אויסגעצייכענט. זיי האָבען אויסגעשפּראָכען די ווערטער קלאָר און קלאַסיש מיט אַלע ענד־וואָקאַלען און איך האָב צום ערשטען מאָל אויסגעפונען ווי שעהן און מוזיקאַליש דער אַראַבישער לשון קען זיין, ניט קוקענדיג אויף די פיעל כאַרכלענדיגע

„ח"־קלאנגען, מיט וועלכע די שפראך צייכענט זיך אויס.

אין א קאנקורס פון צניעות אויף דער ביהנע, וואלטען די אראבישע אקטיארען און אקטריסעס אהן ספק גענומען דעם ערשטען פּריז. האט מען זיך געדארפט ארומנעהמען, האט מען עס געטהאן מיט א האלבען הארצען, זיך כלומרשט יא אנגעריהרט און ניט אנגעריהרט, געהאט ווי מע זאגט גאט אין הארצען, און דורכגעמאכט די פייניגונג וואס שנע־לער. קושען זיך איז געווען לא יזכר.

---

דער עולם ארום אונז האט הנאה געהאט פון אלצדינג. זיי זיינען אריין אין התפעלות פון יעדער בעוועגונג, פון יעדער ווארט און מינע. בעזונדערס ווען עס איז געקומען צו עפּעס א טרויעריגען מאמענט. די שווארץ־בעמאנטעל־טע פיגורען מיט די גרויסע ווייסע טורבאנען האבען ווי דערוואקסענע קינדער געהאלטען די אויגען צוגעשמידט צו דער ביהנע און צו די אקטיארען און אז עפּעס איז זיי בע־זונדערס געפעלען, האבען זיי ארויסגעלאזט א לאנגען אויס־געצויגענעם : א—א—א—אה... וואס האט משונה גע־קלונגען אין אייראפּעאישע אויערען.

די אמת'ע התלהבות איז ערשט געקומען ווען דער שיינדעל פון דעם אבענד, „שעיך סאלאמעה", וואס האט געשפּיעלט דעם הינקעדיגען יתום איז ארויס אויף דער ביהנע. ער האט געקראגען א לאנגע הארציגע אוואציע. איצט האט מען געוואוסט וועט קומען די רעכטע געדיכטע.

ער האט אויסגעזעהן צו זיין א יאהר פערציג. א קליין דאר מענשעל מיט גרויסע דיקע וואנסעס. דער עולם האט

אין די וואַנסעס ניט געזעהן קיין שום ווידערשפּרוך צו זיין ראָלע פון אַ יונגען אינגעל. „שעיך סאַלאַמעה" אַליין האָט קענטיג קיין חשק ניט געהאַט מקריב צו זיין אַזאַ שעהנע ציערונג צוליעב „די צוויי יתומות".

קיינער אין טהעאַטער האָט מעהר די אויגען פון איהם ניט אַרונטערגענומען און אַז ער האָט גענומען זינגען אַדער ריכטיגער געזאָגט פערגעהן אין „שטייגער", זיינען אַלע געווען ווי פער'כשופ'ט. ער האָט עס זיי אַלעמען פון האַר־צען אַראָפּגעזונגען...

אין דער אמת איז עס גאָר קיין געזאַנג ניט געווען, נאָר אומעטיגע געדרעהדעלטע נאָז־קלאַנגען, קרעכצען און יאָמערען, אָהן אַ פּלאַן און אָהן אַ סדר, אימפּראָוויזירט אויפ'ן מאָמענט, שטאַרק עהנליך צו אַלט־חזנישע דרעה־דלעך.

דער אַראַבישער עולם איז דערויף געווען אַ בעסערער מבין ווי איך. זיי האָבען שווער געזיפצט און דעם קאָפּ געשאָקעלט... און אַז „שעיך סאַלאַמעה" האָט זיך פער־חלינעט אין אַ רייה פון געבראָכענע שלוכצען, האָט אַ שטור־רעם פון לאַנגע אויסגעצויגענע „אַ—אַ—אַה—אַה'ס" אַ פּאַך געטהאָן דורכ'ן טהעאַטער אַזוי ווי דער לעצטער גסיסה־הויך פון אַ גאַנצע מחנה...

אַט־די ניט מוזיקאַלישע טענער, די זיפצען און שלוכ־צען און נאָז־יאָמערייען, זיינען געווען אייגענע, היימישע, און אין זיי איז געווען די גאַנצע פריידלאָזיגקייט פון דעם אייגענעם לעבען, די גאַנצע וויסטקייט פון דעם איסלאַם. האָבען ביי די דערוואַקסענע קינדער אין שוואַרצע מאַנט־

לען און ווייסע טורבאנען, טיעפע וועהטאגען זיך צו־
ווײנט, און דאס הארץ איז זיי צוגאנגען...

---

ווען מיר זיינען ארויס פון טהעאטער, איז שוין געווען
האלב צוויי פארטאג.

## LXVII.

# מוחאַמעד אַלי

די צוויי הויכע שמאַלע שפּיצען פון מוחאַמעד אַלי'ס מאַשעע, וואָס ווערען דינער און לופטיגער וואָס לענגער מע קוקט אויף זיי — ווייזען אונז פון ווייטען אָן דעם וועג צו דער ציטאַדעל.

מיר געהען פערביי די בעריהמטע מאַשעע פון סולטאַן האַסאַן, געבויט אין פערצעהנטען יאָהרהונדערט. אַז דער בוימייסטער האָט זי געענדיגט בויען, האָט מען איהם אויף'ן בעפעהל פון סולטאַן די הענד אָפּגעהאַקט, ער זאָל קיין צווייטע אַזאַ מעהר ניט קענען בויען. איז האַסאַן'ס מאַשעע געבליבען ביז איצט אַ וואונדער פון איסלאַם.

ווען נאַפּאָלעאָן איז געקומען אין מצרים די ירושה פון די פּרעה'ס איבערצונעהמען, האָט ער געלאָזט אַ פּאָאַר קאַנאָן־קוילען אריינשיסען אין דעם בנין. האָט זיי דער הייליגער בנין בעהאַלטען צווישען זיינע שטיינער, און האָט פון דעם קאָרסיקאַנער'ס חוצפה געשפּעט ווי עס שפּעטען אַלטע שטיינערנע בנינים פון אַ בשר ודם...

זעהט מען די קוילען עד היום אין דעם וואַנד.

מיר הויבען זיך אויף באַרג־אַרויף און באַלד שטעהען

מיר ווי קליינע קארליקלעך אין דעם שאָטען פון די הויכע איינגאנג־טורעמס פון דער ציטאַדעל־מויער פעסט און פינ־סטער ווי די פּיראַמידען פון וועמעס שטיינער מע האָט זיי געמויערט.

דער גרויסהארציגער סולטאן סאַלאַדין האָט מיט די טויטע הערשער פון אַלט־מצרים קיין איינזעהעניש ניט גע־האַט און אַז ער האָט געדאַרפט בויען זיין „קאַל'א" אָדער פעסטונג, האָט ער קיין בעסערען מאַטעריאַל ניט געפונען ווי די שווערע שטיינער מיט וועלכע זיי האָבען געטרוימט זיך צו פערבאַריקאַדירען אַקעגען צייט און אונטערגאַנג.

---

אַן ענגלישער סאָלדאַט מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, שטעהט ביים טויער און וויל וויסען ווער מיר זיינען. מיין אַמעריקאַנישער פּאַספּאָרט איז דער ענטפער און מע לאָזט אונז אַריינגעהן אין דעם געוועלבטען אריינפאַהר.

איך געה לאַנגזאַם און קוק זיך אום אויף די קאַלטע שטיינערנע וועגד.

אין דעמדאָזיגען געוועלבטען דורכגאַנג האָט עס דער פאָטער פון דער איצטיגער דינאַסטיע אין עגיפּ־טען, דער אייזערנער מוחאַמעד אַלי — פּיעל אייזערנער ווי זיין סטאַטוע אויף דעם סקווער אין אַלעקסאַנדריע וואָס רופט זיך מיט זיין נאָמען — אין יאָהר 1811 זיין ממשלה בעפעסטיגט, און זיין מאַכט בעזיעגעלט.

די מאַמעלוקישע בעיס האָבען זייער רוקען ניט בויגען געוואָלט. רויב און מאָרד און בלוטזויגעריי זיינען פון דורות ז י י ע ר מאָנאָפּאָל געווען. און צו פּריש איז

נאָך געווען אין זכרון די צייט ווען דער ניי־אָנגעקומענער הערשער האָט אין סאַלאָניקאַ אַ קאַווע־הויז געהאַלטען.

האָט ער זיי אַלעמען — פיער הונדערט און זיבעציג אין צאָהל — געלאַזט פערבעטען צו זיך אין דער ציטאַדעל. זיין זוהן, דער פּרינץ טוסון, דאַרף אַ נייעם ראַנג קריגען און מיט בגדי מלכות בעקליידט ווערען, וויל ער זיי אויף דער שמחה האָבען.

אין דער ציטאַדעל האָט מען קאַווע געטרונקען און מוחאַמעד אַלי האָט זיך פאַר זיינע געסט אין פריינדליכ־קייט צוגאָסען. דערנאָך האָט מען זיך רייטען געזעצט און מע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פּראָצעסיאָן.

אַזוי שנעל ווי דער צוג איז געקומען אונטער דעם שטיינערנעם איינפאָהר, זיינען די טויערען פערשלאָסען געוואָרען און פון אַלע זייטען האָט אויף די אונבעוואָפענטע מאַמעלוקען גענומען פאַלען אַ האָגעל פון קוילען. פערד און מענשען זיינען געפאַלען און האָבען זיך צונויפגעקנאָ־טען אין איין בלוטיגער קנויל. פון דער פּאַסטקע איז בלויז אַנטרונען איינער.

דער איינער האָט רייטענדיג אויף זיין פערד, איבער די טויטע און גוסס'ע זיך אַ וועג דורכגעריסען. האָט דער־גרייכט אַן עפענונג אין דער פעסטונגס־מויער און איז פון דאָרטען, מיט'ן פערד מיט אַלעמען אַרונטערגעשפּרונגען אונטען אין דעם גראָבען. דער פערד איז צושאָטען גע־וואָרען און ער האָט מיט אַ צובראָכענעם פוס זיך דער־שלעפּט צו אַ בעקאַנטען'ס הויז.

צו דערזעלביגער צייט איז מוחאַמעד אַלי געשטאַנען

אין איינעם פון די זאאלען פון זיין פאלאץ און האט גע־ווארט אויף דער בשורה אז זיין הערשאפט איז געזיכערט.

---

וואו מיר געהען — ענגלישע סאלדאטען. פיהרט אונזער וועג ביז צו דער מאשעע פון מוחאמעד אלי. ביי דעם טויער שטעהט א גרויסער עולם, מעהרסטענטיילס סאלדאטען, וואס ווילען אריינגעהן. עס פעהלען אוים פאנטאפעל אנצוטוהאן אויף די שיך, מוז מען ווארטען ביז די וואס האבען די פאנטאפעל וועלען צוריקקומען. רייסען זיך איניגע סאלדאטען אריינצוגעהן מיט די שטיוועל מיט אלעמען, אבער דער אראבער ביים טויער שטויסט פריינד־ליך אפ. ער וועט דעם חלול הקודש ניט צולאזען, האבען איינינגע אויסגעטהאן זייערע סאלדאטסקע שטיוועל און זיי־נען אריין אין זייערע זאקען, טראגענדיג די שטיוועל אין די הענד.

אונזער רייה קומט און מיר בינדען ארום די אומגע־לומפערטע שליארבעס און טרעטען אריין אין דעם הויף פון דער מאשעע. א גרויסער פרייער פלאץ ארומגערינגעלט מיט מארמארנע זיילען. אין מיטען א פרעכטיגע פיעל־עקיגע האנעפיעה (כיור) פון ווייסען אלאבאסטער מיט צאפענס פון אלע זייטען. זעהט אוים אזוי ווי א אונ־געהויערע סאדא־וואסער פאנטאן.

דא וואשען די „גלויביגע” די הענד און די פים פאר יעדער תפלה.

---

מיר קומען אריין אין דער מאשעע און עס וויקעלט

אונז אַרום די טיעפע דונקעלע רוה פון אַללאה'ס הויז. דורך די קאַלירטע גלאַזען פון דער ריעזיגער קופּאַלאַ וואָס הענגט הויך איבער אונז, זייהט זיך אַ מילדקייט און אַ באַרימהער־ציגקייט... די קריסטאַלען וואָס הענגען אַרונטער פון די הונדערט־רעהריגע הענג־לייכטער, פערלירען אין דעם דונ־קעלהייט זייער בּיליגקייט און שימערען אַזוי ווי כשוף־דימענטען אין אַ פינסטערער אונטערערדישער הייהל...

פסוקים פון קאָראַן שלענגלען און פלעכטען זיך אויף דער סטעליע און אויף די ווענד, און וועבען שנורען פון סודות.

אויף דעם דיל פון טייערען מירמעלשטיין זיינען אויסגעבעט ווייכע פּערזישע געוועבען. געהט מען און מע פיהלט ניט די אייגענע טריט. מע בעוועגט זיך שטיל, שווייגענדיג, און מע לאָזט דעם צאַרטען פאַרביגען שיין פון דער קופּאַלאַ אַריינפליסען אין זיך, ווי אַ בערוהיגונג און אַ דערהויבונג...

---

די הויכע גיגאַנטישע זיילען וואָס לעהנען אונטער די קופּאַלאַ זיינען פון געלען מירמעלשטיין. דער מיהראַב (פערטיעפונג אין וואַנד צו ווייזען די ריכטונג פון מעקא) איז פון אַלאַבאַסטער. מאַרמאָר און אַלאַבאַסטער פון אַלע זייטען. רופט מען זי ניט אומזיסט „די אַלאַבאַסטער־מאָ־שעע". דער מימבאַר (בימה פאַר דרשה'ן) איז איינגע־פאַסט מיט עלפענביין און פּערלמוטער.

איך קוק אויף דער פּראַכט און דער רייכטום אַרום. ווי וואָלט זיך דערמיט פערגליכען די ערשטע אָרעמע מאָ־

שעע וואָס דער „נביא, אַללאַה׳ס ליטזועליגקייט און פריי־
דען אויף איהם״, האָט געלאָזט בויען אין מעדינא ? דאָרט
וואו זיין קעמעל האָט זיך צוערשט אָפּגעשטעלט, ווען ער
איז אַהין אַנטלאָפען פון זיינע מעקאַנישע שונאים.

זיין ערשטער מימבאַר איז געווען אַ אָפּגעהאַקטער
פּאַלמבוים. אַז איהם האָט דער שליח פון אַללאַה זיך אָנ־
געלעהנט ווען ער פלעגט ריידען צו זיינע „אַנסאַר״, זיינע
קריעגסלייט. האָט עמיצער צוזאַמענגעשלאָגען פון האָלץ
אַ בימה, און מוחאַמעד האָט זיין פּאַלמבוים פערלאָזען. איז
דאָס האַרץ פון דעם פערשעהמטען פּאַלמבוים אויסגעגאַנגען
פון וועהטאָג, און אַז דער נביא האָט עס בעמערקט, האָט
ער דעם שטאַם מיט ליעבשאַפט געגלעט, ער זאָל ניט פער־
איבעל האָבען.

---

אין אַ ווינקעל פון דער מאָשעע, אָפּגעצאַהמט מיט אַ
בעגולטען נעצוועוערק איז דער קבר פון דעם בויער פון דער
מאָשעע. אַ הונדערט טריט פון דאַנען האָט די ערד דאָס
בלוט פון די מאַמעלוקען אריינגעזאַפּט... האָט ער אין
גאָט׳ס הויז אַ שוץ פאַר זייער צאָרן געזוכט.

---

אייניגע פון די אויסטראַליאַנישע סאָלדאַטען האָבען
זיך אויסגעצויגען אויף דעם ווייכען טעפּיך. איך קעהר
אָפּ דעם געזיכט. הינטער די בעגילדטע שטאַכעטען און
טיעף אונטען אין זיין קבר, זעה איך ווי דער בייזער מוחאַ־
מעד אַלי קנייטשט זיינע דיקע ברעמען, אויף דער פער־
שוועכונג.

---

מיר געהען ארויס און קומען צו „יוסף'ס ברונען", וואס האט מיט אונזער אייגענעם יוסף קיין שום שייכות ניט. דאס האט סאלאדין, וועמעס ערשטער נאמען איז געווען „יוסף", געלאזט אויסגראבען.

דער ברונען איז פערשלאסען. מע לאזט קיינעם ניט ארונטער. ווי מע פלעגט עס אמאל טהאן.

אין א ווינקעל זיצען א הויפען פערוואונדעטע אינ־דישע סאלדאטען וואס מע האט פון פראנקרייך אריבערגע־שיקט זיך אויסצוקורירען אין מצרים וואו זיי קענען הא־בען מעהר זון און מעהר זייער צוגעוואוינטע סביבה. זיי זיינען בלויז לייכט פערוואונדעט און וועלען מסתמא אין גיכען ווידער צוריקגעשיקט ווערען. זייער אומערדיגקייט און גלייכגילטיגער יאוש שטעכט אפ צווישען די לוסטיג־קייט פון די ענגלישע סאלדאטען, וואס רויכערען און וויצ־לען זיך און לאכען אויפ'ן קול.

---

עס איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג. די זון איז מיעד דערקראכען דעם לעצטען פערטעל פון איהר וועג. איך האב זיך אנגעשפארט אויף דער מויער און האב אראפגע־קוקט אונטען. פאר מיינע אויגען איז געלעגען אויסגע־שפרייט די שטאדט וואס האט פון די אראבישע דיכטער זייערע שעהנסטע ליעדער ארויסגעצויבערט: „איהר ערד איז גאלד, איהרע הייזער זיינען פאלאצען, איהר ריח זיסער פון געווירצען, איהרע פרויען ווי די חוריעהם פון גן־עדן... זי איז די מוטער פון דער וועלט"...

„די נילוס־וועלען זיינען די טרעהרען וואָס איך פערגים ווען איך פערלאָז דיך" — זינגט אַ צווייטער.

די אַראַבישע אויגען האָבען אַזוי שעהן געזעהן.

מ י ד  האָט אַ מכשף פערשאָלטען. די צעהנדליג טויזענדער הויכע גראָע הייזער מיט פלאַכע דעכער אַנגערוקט איינער אָן צווייטען, זיינען מגולגל געוואָרען אין קברים פון אַן אַלטען געדיכטען בית־עולם...

פון צווישען די קברים זיינען ארויסגעשטיגען הונדערטער און הונדערטער מינאַרעט־שפּיצען און זיינען פערגאַנגען אין דער הויך, אַזוי ווי לעצטע שלוכצען פון אַ גוסס...

רונד ארום די שפּיציגע טהורעמס האָבען זיך אין שוואַרצע שנורען געדרעהט און געשליעדערט דאָ העכער און דאָ נידעריגער, די הייליגע איבים פויגלען...

און ווייט — ווייט האָט דער שטומער טויטער מדבר געוואָרט, די זון צו פערשלינגען...

## LXVIII.

# דער גאָט „ראַ"

די ביסעל בעזוכער ווערען פערלאָרען אין די גרויסע הויכע זאַאַלען פון דעם מוזעאום. די מלחמה האָט די פרעמ־דע טוריסטען פערייאָגט. איבעריגענס איז איצט ניט די צייט פון יאָהר פאר בעזוכער. עס איז אָנהויב מאי אָבער די חמימה דערגרייסען איז ווי פון אַ קאַלכאויוועז.

די וואָס געהען הינטער אונז מיט שוואַכע און גע־לעהמטע טריט, זיינען יונגע אויסטראַליאַנישע סאָלדאַטען וואָס האָבען זייער יום־טוב צו פערדאַנקען אַ קויל אין די לונגען. וואַרטען זיי אויף דער שיף וואָס וועט זיי צו־שטעלען צוריק קיין מעלבאָרן. פון דאָרט וועלען זיי נאָך האָבען אַ לאַנגע, לאַנגע נסיעה מיט דער באַהן, פער אָקס און אויף פערד, ביז זיי וועלען אין דער היימישער דאָרף אָנקומען, ערגעץ ווייט אין דעם הינטערלאַנד פון אויסטראַ־ליען. די קויל וועט סטאַיען אויף אַ פענסיע און די דאָ־דאַנעלען — אויף דערצעהלען אייגענע און פרעמדע גבורות ביז דעם לעצטען טאָג פון לעבען.

וויל מען אַלס צוגאָב האָבען נאָך עפּעס אחוץ די דאָר־

דאַנעלען, צייט וועט זיין אַסך און הערערס וועלען ניט פעהלען. קומט מען אַריינכאַפּען די „מאַמים".

---

עס איז שטיל און קיהל. די העפליכע אַראַבישע אויפ־פּאַסער, פערטאַיען זיך אין די ווינקלען און הינטער די שאַו־קאַסטענס. דער גרויסער שטיינערנער כעפרא גלאַצט איבער אונזערע קעפּ אַוועק אין שטרענגער מאַכט. איך הויב זיך אָן פיהלען אונהיימיש. איך קען איהם נאָך פון גיזא וואו זיין פּיראַמיד האַט אויף מיר אַ מורא אָנגעוואָר־פען. פאַלען זעכציג יאָהרהונדערטען ווי אַ שווערער שלאָף פון די אויגען אַראָפּ. אַ הויכער גרויסער פּאַלאַץ פון מיר־מעלשטיין און באַזאַלט. דיקע הויכע זיילען ציהען זיך פון די זייטען, און דורך די זיילען זילבערט זיך דער נילוס פון דער ווייטען און די טייטעל־פּאַלמען שפּרייטען זייערע גרי־נע פאַכערס אַקעגען דער זון... אויף אַ הויכען גילדערנעם טהראָן זיצט „דער זוהן פון „רא", דעם זונן־גאָט, „דער גע־וועלטיגער פון צפון און פון דרום"... פון ביידע זייטען שווארצע ריעזען ווי פון האַרטען עבען־האָלץ געטאַקט.

„אַ פרעמדער !..." וואַרטען די שקלאַפּען אויף אַ וואונק, מיט זייערע שפּיזען זיך צו פערמעסטען.

---

איך פערקירעווע זיך אָן אַ זייט און וואַנדער אַרום פון אַלטקייט צו אַלטקייט, פון וואונדער צו וואונדער. נעבען אַ פּאָאַר'ל אונטער אַ גלאָז שטעל איך זיך אָפּ. פּרינץ ראַהאַטעפּ און פּרינצעסין נאָפריט לאָזען ניט ווייטער געהן. די בת־מלכה נאָך מעהר ווי דער בן־מלך.

איז דאָס ניט נעכטען געהאַמערט און געמאָלט גע־
וואָרען ?

ארום די שלייפען א שמאָלער באַנד בעמאָלט מיט
לאָטאָס־בלומען, פון אונטער'ן באַנד א קורצער לויזער ארונ־
טערהענגענדער קאַפּ־טוך. די ברעמען שוואַרץ און געדיכט,
דער פּנים רונר און פול ווי א רייפער מילגרוים, די הויט
גלאַט ווי דער נילוס־שטראָם אין א הייסער לבנה־נאַכט,
דער נאָז שטאָלץ פערריסען, די ליפּען דיק און אויסגע־
שטעקט ווי בריסט ביים זויגען, די אויגען פערלויערט טיעף
אין די לעבער...

א צווייטער ספינקס. הונדערט פראַגעס שפּאַרען
זיך ארום דער רעטעניש פון פאַר זעכציג יאָהרהונדערטען
צוריק. ווער איז דער גרויסער קינסטלער געווען וואָס
האָט, לאַנג איידער עס איז א גריכיש פאָלק געווען, דעם
גריכישען פידיאַס אריבערגעשטיגען ? וואו איז דער סוד
פון זיין קונסט פערשוואונדען ?

פון אונטער דעם האַלז־באַנד ציטערט דער שעהנער
האַלז און די ברוסט אָטהעמט אונטער דעם דינעם לייב־
טוך.

האָבען די פערלויערטע אויגען פון דער שטאָלצער
בת־מלכה דעם מייסטער מיט א שמייכעל בעלויהנט, מיט
א וואונק בעצאָהלט ? אפשר איז ער א שקלאַף געווען און
האָט מיט זיין מייסטערווערק זיין פרייהייט געקויפט ?
אפשר איז ער צום טויט פעראורטיילט געוועזען און האָט
מיט זיין קונסט זיין לעבען צוריקגעוואונען ?

די פולע זאַפטיגע ליפּען ציהען זיך צום קוש. דער

קינסטלער איז פערגעסען און נאפריט רופט מיט די טיעף
אריינגערוקטע אויגען...

---

איך רייס זיך אוועק מיט געוואלט פון ראהאטעפ׳ס פערפיהרערישער וייב און שפאציר פון זאאל צו זאאל, פון קאסטען צו קאסטען. אלט־מצרים שפרייט אוים איהר מאכט און איהר חכמה און קיניגט ווידער איבער די פעלקער.

סארקאפאגען בעשריבען מיט היראגליפען, פיגורען פון קופער און שטיין און האלץ וואס יאגען ארויף אן אונ־היימליך געפיהל מיט זייער לעבעדיגקייט, טאוולען, בארע־ליעפען, כלי־בית, וואפען, ציערונג, טייערע שטיינער, פא־פירוסען, אבער מעהר פון אלץ דער טויט, דער טויט...

ווי א וויסטער קאשמאר איז דער טויט אויף די אלטע עגיפטער געלעגען, ווי א שווארצע גרויסע חיה האט ער גע־הויערט אין זייערע געמיטהער, און זיי האבען זיך אקעגען איהם געראנגעלט און איהם בעצווינגען געוואלט. זייער גאנץ לעבען איז געווען איין טראכטען און קליגען זיך ווי דעם טויט בייצוקומען.

---

פון אלע זייטען מאלונגען און שניצערייען, וואס שטע־לען פאר ווי מע פיהרט דעם באלזאמירטען נפטר צו דער קבורה, ווי מע בעקלאגט איהם, ווי מע וועגט דאס הארץ פונ׳ם טויטען אויף א וואגשאל, ווי די נשמה קומט בע־זוכען דעם טויטען גוף.

„אושעבטים" אהן א צאהל. קליינע פיגור׳כלעך פון

מומיעס, געמאכט פון האָלץ, פון שטיין אדער פון געגלייזטע לעהם, אין דער געשטאלט פון דעם גאָט אַזירים. זיי האָט מען דעם טויטען מיטגעגעבען פאר העלפערס. ווארום אַסך ארבייט איז דעם טויטען ארויפגעלעגט געוואָרען. ער האָט געמוזט פעלדער זייהען, גראָבענס מיט וואסער אָנפילען און זאמד טראָגען. האָבען די „אושעבטים" פאר איהם די אַר־בייט פעררוכט.

---

מיר געהען פון מומיע צו מומיע, מאָלען זיך יעדען באַלזאמירטען ווי ער האָט ביים לעבען אויסגעזעהן און פלעכטען גאנצע ראָמאנען ארום איהם.

ווי זאָרגפעלטיג מע האָט עם דעם קערפער איינגעווי־קעלט, ווי אָפגעהיט מע איז געווען די אברים זאָלען גאנץ בלייבען. פון צווישען די צייהנער האָט מען דעם טויט זיין רויב ארויסרייסען געוואָלט.

אַז די נשמה וועט ארויסקומען בשלום פון די שרעק־ליכע מלחמות וואָס זי האָט דורכצומאכען אין דער אונטער־וועלט, און וועט זיך ווידער צוריקקעהרען צו דעם גוף, זאָל זי איהר אַלטע וואוינונג געפינען גרייט זי אויפצונעהמען.

---

האָט מען ארום דעם גאָט אַזירים דעם חלום פון תחית המתים און פון אונשטערבליכקייט געשפונען.

סעט האָט אויף זיין ברודער דעם גאָט אַזירים א שנאה געקראָגען און האָט איהם געטויט און צושניטען אויף פער־צעהן שטיקער און די שטיקער האָט ער צוואָרפען איבער

גאנץ מצרים. האט די געטין איזיס, די טרייע ווייב פון אזירים, געוואנדערט און געוואנדערט ביז זי האט די שטי־קער צונויפגענומען און דארט וואו זי האט א שטיק גע־פונען האט זי א טעמפעל געבויט פאר דעם טויטען אזירים און אזירים איז ווידער אין לעבען אויפגעשטאנען און איז דער הערשער פון דער אונטערוועלט געווארען.

---

דערצעהלט הערא דאטוס אז באלזאמירט האט מען ניט נאר די מלכים און די גרויסע לייט. די מקחים זיינען גע־ווען פערשיעדענע און דער באלזאמירער פלעגט די קונדען ווייזען דריי מאדעלען. ווי נאכ'ן פערמעגען האט מען אויס־געקליבען.

וויכטיג איז נאר געווען, דעם קערפער אקעגען אונ־טערגאנג צו בעשיצען, די מלחמה מיט'ן טויט אנפיהרען אין זיין אייגענער ממשלה — אין קבר.

ניט צומאל זייערע הייליגע חיות און פויגלען האבען די אלטע עגיפטער דעם טויט געוואלט נאכלאזען. האט מען זיי אויך געהאלטען גאנץ, גרייט פאר דער נשמה ווען זי וועט זיך צוריקקעהרען...

איז א גאנצער צימער אין דעם מוזעאום אנגעשטעלט מיט איינגעבאלזאמירטע פויגלען, קעץ, שלאנגען און אנ־דערע בעשעפענישען.

די גאנצע קונסט פון די עגיפטער איז געווען א גע־בורט פון טויט, א סגולה קעגען טויט. אפשר וועט די באל־זאמירונג דאך ניט קיין שום זיין ? אפשר וועט דער לעב־לאזער חומר דאך ניט אויסהאלטען, האבען זיי פון שטיין

און האַלץ געשטאַלטען פון דעם טויטען געמאַכט. כדי דער „קאַ", דער „צווייטער איך", זאָל ניט שטאַרבען צוזאַמען מיט דעם ערדישען גוף.

---

דער גאָט פון אַלע געטער, ער וואָס איז געוועזן איידער די ערד, און וואָס האָט זיך אַליין בעשאַפען, איז געוועזן „ראַ", דער גאָט פון זון, ווייל מצרים איז אַ לאַנד פון זון און ליכטיגקייט געוועזן. אָבער דער טויט האָט זיך ווי אַ שאָטען צווישען די עגיפּטער און זייער „ראַ" געשטעלט, האָבען זיי דעם שאָטען פערטרייבען, דעם טויט מנצח זיין געוואָלט. זיי האָבען מיט איהם נאָכאַנאַנד מלחמות גע־האַלטען. און אין דער מלחמה איז זיי דער טויט פון זינען ניט אַרויס, ער איז זיי אין די ביינער אַריין, און זייער לעבען איז געוואָרען פינסטער און מצרים איז געוואָרען אַ צונאָמען פאַר שקלאַפעריי און אונטערדריקונג.

אזוי שנעל ווי אַ קעניג האָט זיין צעפּטער אין האַנד געקראָגען, האָט ער גלייך די ערשטע פונדאַמענט־שטיינער געלעגט פאַר זיין פעסטונג אַקעגען טויט — זיין קבר־פּיראַמיד.

וואָס זיין מאַכט און זיין רייכטום איז געשטיגען, אַלץ שטאַרקער האָט ער די מלחמה אָנגעפיהרט, אַלץ העכער האָט ער זיין פּיראַמיד געמויערט. און דער טויט האָט פון לעבען אַ קנעכט געמאַכט.

---

דער זוהן פון עמרם איז אַ גוטער תלמיד פון די חרטומים געוועזן. ער האָט פון זיי די אמונה אין דעם

גאָט פון אַלע געטער, דעם גאָט פון זון און ליכט, איבער־גענומען. אָבער דעם סוד ווי דעם טויט בייצוקומען האָט ער דער ערשטער אויסגעפונען.

ער האָט איהם אין גאַנצען אויסגעלאָזען פון חשבון.

ער האָט די אמונה אין „רא" געלייטערט און דער־הויבען און זי איז ביי איהם געוואָרען די אמונה אין דעם גאָט פון געזונדען געדייהענדען לעבען, ער האָט דעם אַל־טען גלויבען אין אַ שטראָם פון העלקייט גע׳טובל׳ט און איהם פון אַלע שרעקען און שאָטענס גערייניגט.

פאַר די אמונה אין „רא", דעם גאָט פון העלען לעבען, איז משה די מצרים געווען אַ גרויסער בעל־חוב. ווי ביי־טער ער, דער בעפרייער, איז געווען קעגען דער קנעכט־שאַפט פון פּרעה׳ן, האָט ער דאָך אָנגעזאָגט „לא תתעב מצרי..." זאָלסט אַ מצרי ניט פאַראַכטען.

---

איך שטעה פאַר דער איינגעטריקענטער מומיע פון רעמסס דעם צווייטען, דער שטאָלצער הערשער וואָס האָט אויף זיין גרויסער שטיינערנער סטאַטוע געלאָזט אויפ־שרייבען „איך בין דער מלך פון די מלכים. דער וואָס וויל וויסען ווי גרויס איך בין, זאָל פּרובען איבערשטייגען איינס פון מיינע ווערק"...

צווישען די עגיפּטאָלאָגען איז אַ חלוקי דעות פאַראַן. מיר אָבער ווילט זיך האַלטען מיט דעם וואָס בעשטעהט אַז דאָס איז דערזעלביגער וואָס ווען ניט די קלוגע אידישע הייבאַמען וואָלט איך איצט ניט געשטאַנען און געקוקט אויף זיין אָפּגעבריקעלטער נאָז.

זאָג איך צו איהם :

„זוהן פון דעם גאָט רא״, די אמונה אין זון און אין לעבען לעבט... די פּרעה׳ס שטאַרבען, די פּתום און רעמסס׳ס ווערען מיסט־הויפענס, די פּיראַמידען צופאַלען אין שטויב, אָבער גאָט „רא״ לעבט״...

# LXIX.
# על־אַזהאַר

מיר געהען דורך דער מוסקי, דער הויפּט־אָדער פון דעם קאַאירער געשעפטס־לעבען. פון ביידע זייטען ציהען זיך געדיכט איינער נאָכ'ן אַנדערען, האַלב־איראָפּעאישע, האַלב־אָריענטאַלישע קלייטען און מאַגאַזינען. אויף דער שמאָלער גאַס און אויף די ענגע טראָטואַרען שוויבעלט אַ געמיש פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. גילדערנע מאַר־גען־שטראַהלען טאַנצען אום אויף ווייסע אימאַמעהס, רוי־טע בעפּרענזעלטע פעצען, שוואַרצע קאַפּעלושען, שטרויענע היט און גראָע לייוועטענע קיוועדס. דאָ און דאָרט פלעקט זיך דורך אַ גרינער טורבאַן — אַ סימן פון אַ „שעריף" — אַן אָפּשטאַם פון דעם „נביא'ס" משפחה. אַראַבישע פרויען אַנגעטהאַן אין שוואַרצען, און דעם פּנים פערשלייערט ביז אַרויף צו די אויגען, מישען זיך אוים מיט פערשייט־געקליי־דעטע יונגע טוריסטקעס. אין דער לופט הענגט אַ פּיל־דער פון אַלערליי לשונות : ענגליש, פראַנצויזיש, איטאַ־ליעניש, טערקיש, גריכיש און וואָס נאָר פאַר אַ שפּראַך איהר ווילט. פון דעם פּילדער שניידען זיך שאַרף אַרוים די טרויעריגע נגונים פון די אַראַבישע פעדלער.

אַ וועגעלע אויף וועלכען עס שטעהט אַ גרויסער קע־

סעל פול מיט הייסע באַב, שפּאַרט זיך לאַנגזאַם דורכ'ן עולם. הינטער דעם וועגעלע גייען דריי פּאַרשוינען, איינער אַ בלינדער וואָס גייט איז דער מיט הויבט אַז אַ זמר „יאַ פול" (אַ די באַב!). וואָס בעזינגט די שבחים פון די פּאַסאַזשיעס. בעת ער זינגט האַלט ער די האַנד אויפ'ן גאַרגעל און פון ביידע זייטען בעגלייטען איהם זיינע צוויי שותפים, אַן אַלטער איינגעבויגענער אַראַבער וואָס הינקט אונטער אויף אַ פוס און אַ יונגער קאַפּע־ברוינער בחור פון אַ יאָהר אַכצעהן. דער נגון איז טרויעריג און קען ריהרען אַ שטיין, און ווען ניט די פּאַרע וואָס זעצט פון די באַב וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס זיינען זיי אימעצען מספּיד.

אין מיטען לויפט פערביי אַ קליינער אייזעל און פונ'ם אייזעל באַמבלען זיך די לאַנגע פיס פון אַן אויסטראַליענישען סאָלדאַט וואָס לאָזט זיך אויף זיין אורלויב וואוילגעהן. הינטער איהם לויפט דער אַראַבישער אייזעל־יונג און שלאָגט זיך אַרויס פון די כחות זיין קונד ניט צו פערלירען פון אויג.

הערט זיך מיט אמאָל אַ געשריי: יאַמינאַק! (אויף רעכטס!) און אַז „אַראַביעה" פאָהרט האַסטיג דורך צוואַרפענדיג דעם עולם אויף ביידע זייטען און הינטער דער „אַראַביעה" קומט אָן אַ קעמעל אַנגעלאָדען מיט היי און גייט טריט ביי טריט, מיט רחבות, אַזוי ווי ער וואָלט זיין דער איינציגער אויף דער גאַס.

---

מיר פערקירעווען זיך רעכטס אין אַ זייטיגער גאַס.

פלאַנטערען זיך אַרום אין שמאָלע אַראַבישע הינטער־געס־לעך צווישען הויכע האַלב־חרוב'ע בנינים וואָס זייער שעהנ־סטער טייל זיינען די קונציגע „מעשרעביעהם" (אַזעלכע הילצערנע רעשאַטקעס געברויכט אַנשטאַט פענסטער), און קומען ענדליך צו אונזער ציעל. מיר זיינען נעבען דער מאַ־שיי „על־אַזהאַר" — די פּרעכטיגע — די בעריהמטע אַראַ־בישע אוניווערזיטעט אָדער ישיבה וואָס איז נאָהענט פון אַ טויזענד יאָהר געווען דער זייל און די שטאַרקייט פון דעם מאַחמעדאַנישען גלויבען.

---

דער ערשטער בויער פון דער מאַשיי איז געווען גאַור־האַר אָדער דזשאַוהאַר *) דער העלדישער חיל־פיהרער פון דעם כאַליף מואיז, וואָס האָט איינגענומען מצרים און גע־גרינדעט די שטאָדט „על־קאַהיראַה" — נאָך דעם שטערן „על־קאַהיר", דער בעזיגענדער (דער אַראַבישער נאָמען פון מאַרס) וואָס איז געשטאַנען גלייך איבער דער נייער שטאָדט ווען מע האָט זי אָנגעהויבען בויען.

שפּעטער אַז דער כאַליף איז אַליין געקומען זיך צו בעזעצען אין זיין נייער רעזידענץ־שטאָדט, און אין דעם מח פון זיין אידישען יועץ, דעם משומד יאַקוב איבן קילים, געבוירען געוואָרען דער געדאַנקען צו פערוואַנדלען די מאַ־שיי אין אַ ישיבה און דערמיט אַריבערציהען דעם צענטער פון איסלאַם פון באַגדאַד קיין מצרים. אַ גרויסער מלומד אין מוחאַמעד'ס תורה איז ער געווען, האָט ער אַליין געננו־

---

*) דער „ג" וואָס ווערט אין אַלע אַנדערע אַראַביש־שפּרעכענדע לענדער אַרויסגערעדט ווי „דזש", ווערט אין מצרים אַרויסגעשפּראָכען האַרט.

מען אויף זיך די ארבייט צו שרייבען די נויטיגע ספרים. האט מען צוגענומען פינף און דרייסיג תלמידים און מע האט זיי אויסגעהאלטען מיט אלע הצטרכות'ען.

---

דער בנין איז אין דעם משך פון צעהנדליגער דורות פיעל מאל בעגייט און פערגרעסערט געווארען. די הייליג־קייט און די וויכטיגקייט פון דער ישיבה איז דער וועלט פון איסלאם איז געוואקסען פון יאהר צו יאהר, און די „מוגאווירין" אדער תלמידים האבען זיך נאכאנאנד גע־מעהרט, ביז זייער צאהל דערגרייכט איצט צוועלף טויזענד. די צאהל פון די שעיכס אדער פראפעסארען איז דריי הונ־דערט און נייגצעהן.

---

מיר קומען אריין דורך „באב־על־מוזעינין". דער טויער פון די בארבירער. אין אמאליגע צייטען פלעגט מען דא די תלמידים שערען און גאלען די האאר.

מיר בעצאהלען פאר א „תעזקערעה" (איינלאז־צעטעל) צו קליינעם פיאסטער (צוויי און א האלב סענט), און א יונגער אראבער דערלאנגט אונז גרויסע געלע פאנטאפעל אנצוטהאן אויף די פיס. די הייליגע שטיינער פון על־אזהאר זאלען מיר מיט אונזערע שיך ניט מטמא זיין. עס געהט זיך ניט זעהר לייכט אין שליארבעס וואס זיינען גע־מאכט געווארען לכתחלה פאר עוג מלך הבשן'ס פיס. אבער ווי עס איז שלעפען מיר זיך נאך איהם און קומען אריין אין דעם „סאחן" אדער אפענעם הויף פון דער מאשיי.

עס איז א טאג אדער א שטונד אין טאג ווען קיין

למודים געהען אין דער אוניווערזיטעט ניט אן. די תלמידים זיינען צושאטען אין אלע זייטען. טייל זיצען אין הויפענס ארום די זיילען פון די „ליוואנס" (זיילענגאנגען), אבער דאס ר'יב איז צושפרייט אויף דעם אפענעם זוניגען הויף. אנדערע זיצען די פיס פערלעגט אונטער זיך און שאקלען זיך איבער א געלען קונטרס — זעלטען וואו מע זעהט א גאנצען ספר — אנדערע ליגען אויסגעצויגען, ווי גרוים זיי זיינען, אויף דער ערד און שלאפען, און אנדערע עסען זייער פריהשטיק — א „פיטע" מיט א קריגעל וואסער. עס זיינען דא נאך גאר יונגע בחורים'לעך און עס זיינען דא אזעלכע וואס געהען שוין צו דער עלטער, קענטיג א גאנץ לעבען אין על־אזהאר פערבראכט.

אט זיצט א שווארצער בערבער און קוקט פערטראכט אויף דער ערד מיט זיינע גלאנציגע אויגען, א ווייס קאל־מיקיש געזיכט ליעגט אנגעשפארט אויף אן ארעם הינטער איהם, און ביי דער זייט זיצט א דארער קרענקליכער יונ־גער הינדוס...

ליעגט אין יעדערנס אויגען דאס פערטראכטע בענקען נאך די היים־לאנד, ווער נאך דעם גאנגעס, ווער נאך ווייטע פאלם־וועלדער, ווער נאך שנעען.

פון אינדיען, פון חינא, פון די פיליפינען־אינזלען, פון יאווא, פון זאנזיבאר און פון רוסלאנד זיינען זיי אהער געקומען צו לערנען די ווערטער פון אללאה... פרעמדע זיינען זיי דא, די שפראך איז ניט זייער שפראך און דאס פאלק איז ניט זייער פאלק. אבער גאט'סווארט איז איינס און פעראייניגט אלעמען. און די ווערטער פון אללאה זייי־

נען געגעבען געווארען אין דעם אראבישען לשון און אין קיין אנדער שפראך טאר מען זיי ניט פערשוועכען.

קומט מען און מע הערט ווערטער און קלאנגען וואס מע פערשטעהט ניט, און אז מע האט זיך א ווארט אדער א זאץ אויסגעלערענט, האלט מען איהם ווי א טייער פערל, און דערנאך וועט מען דעם אוצר אוועקטראגען אין דער היים, אין דער ווייטער היים, וואו די גלויביגע חלומ'ען פון דער הייליגער מעקא און לעבען אויף די טראפענס וואס קומען אן צו זיי פונ'ם גרויסען קוואל פונ'ם „על־אזהאר"...

וועט איינער פון זיי ווערען א קאדי (שופט) און א צווייטער א מופטי און א דריטער אן אימאם (בעל־תפלה) אין א מאשיי, אדער וועט זיך איינשאפען א ווייבע רוט און וועט שינדען די הויט די קליינוואַרג פון זיין דארף און זיי אריינהאקען אין קאפ פסוקים פון קאראן וואס ער אליין הויבט ניט אן צו פערשטעהן. אדער אז אללאה האט איהם מיט בלינדקייט געשטראפט, וועט ער א „מועדדין" ווערען און וועט דריי מאל א טאג רופען פון דעם הויכען מינארעט די גלויביגע לעבודת הבורא *).

*) די בלינדע, וואס זיינען תמיד ביי די מוסלימער פריווילעגירטע פערזאנען, האבען אמאל אין „על־אזהאר" געפיהרט די גרענדע ביד רמה. דער בעריהמטער, און אין עגיפטישע זאכען אלוויסענדער, ע. וו. לעין דערצעהלט, אז די בלינדע פלעגען פשוט אלעמען טעראריזירען. ווי נאר זיי האבען זיך געפיהלט אין עפעס געקריוודעט, פלעגען זיי קריגען עטליכע זעהענדיגע פיהרערס און פלעגען זיך אוועקלאזען מיט גרויסע שטעקענס אין די הענד איבער די גאסען, ארונטערצייסען די טורבאנען פון די פערבייגעהער און אויסראבירען די קלייטען. ווען דער בעריהמטער געלעהרטער על־קו־וועיסיני, אליין א בלינדער, איז געווארען דער „שעיך־על־אזהאר", איז געוועזן די ערשטע זאך וואס ער האט געטהאן — לאזען שמייסען יעדער בלינדען וואס האט זיך דארט געפונען. די רפואה אבער האט וועניג וואס געווירקט. זיי האבען אפגעווארט א שעת־הכושר, האבען זייער געהויבענעם לעהרער געבונדען הענד און פיס, איהם אפגעצאהלט די שמיץ וואס ער האט זיי געגעבען, מיט רוח, און איהם געצוואונגען אויפצוגעבען זיין אמט.

דערווייל קומט מען דורך ווי עס איז. א קליינע שטי־
צע גיט די „על אזהאר", אביסעל פערדיענט מען אליין.
מאכט זיך א לויה אדער א שמחה, דינגט מען איינעם פון
די מוגאווירין ער זאל דעם קאראן לייענען. קען מען שוין
פון הונגער ניט שטארבען.

איבעריגענס איז דער געהאלט פון די „שעיד'ס" אויך
א קלענליכער און די מעהרסטע זיינען ענטוועדער מענשען
מיט מיטלען אדער זיי זיינען אחוץ לעהרער אין „על־אז־
האר" — כלי קדש.

דער „שעיד־על־אזהאר", דער רעקטאר פון דער אוני־
ווערזיטעט, מוז זיין הויכען שטאט אויפהאלטען אויף א
שכירות פון פינף הונדערט דאלאר א יאהר.

---

מיר שפרייזען צווישען די טויזענדער וואס ליגען אדער
זיצען אויף דער ערד. וואו ניט וואו הויבט איינער אויף
אן אומעטיגען גלייכגילטיגען בליק און קוקט אונז א מא־
מענט אן, די מעהרסטע קעהרען זיך צומאל ניט אום.

מיר געהען פערביי די פערשיעדענע „ריוואקס" וואס
געפינען זיך אין די „ליוואנס", יעדער לאנד האט איהר
„ריוואק", א חדר וואו די ארעמע תלמידים פון יענעם לאנד
קענען זיך אויפהאלטען.

---

אונזער אויג פאלט אויף א ווינקעל וואו אפגעריסענע
אראבישע קליינע קינדער, איגנעלעך און מיידעלעך צוזא־
מען, זיצען צונויפגעקארטשעט אין א הויפען אויף דער
ערד און לערנען דעם אראבישען אלף־בית פון בלעכען בע־

שריבען מיט שווארצע אותיות. א יונגער דרדקי־מלמד, אפשר אליין א תלמיד אין „על־אזהאר", קנעלט מיט זיי.

די מיידעלעך זעהען אוים ווי צושראקענע מייזלעך צווישען דער מאסע דערוואקסענע בחורים וואס פילען אן דעם הויף, און דער גאנצער חדר פאסט זיך עפעס ניט צו דעם רומעל פון דער גרויסער מאחמעדאנישער אוני־ווערזיטעט.

---

פון אלע זייטען רעגענט זונענשיין און ליכטיגקייט, די שטיינער פון הויף זייגען ווייס און ריין געוואשען, און אין הויף געפינען זיך הונדערטער, טויזענדער קרעפטיגע יונגע שלאנקע בחורים, מיט שווארצע ליכטיגע אויגען און ווייסע לאכעדיגע צייהן, אבער איבער אלעמען הענגט א שווערע מרה־שחורה. די פרייד פון לעבען פעהלט...

אין די ערנסטע אויגען איז די וויסטע אימה פאר די צוויי פינסטערע מלאכי חבלה, „נעקאר" און „מונקאר" וואס קומען צו יעדען מוסלים נאך זיין טויט, איהם נעה־מען אויפ'ן פערהער צי ער ווייס די עיקרים פון דעם מאח־מעדאנישען גלויבען, און אז ער ווייס ניט צו ענטפערען ווי עס בעדארף צו זיין, רייסען זיי זיינע שלייפען מיט אייזער־נע גאפלען און פייניגען איהם אהן רחמנות...

# LXX.
# „די זעפּפעה"

היינט איז דער פריה האָט דער באַרוועסער סאאיד, דער משרת פון אונזער האָטעל, אונז אַריינגעבראַכט אַ קאַרטעל געדרוקט אין אַראַביש. אויבען אויפ'ן קאַרטעל איז געווען אויפגעדרוקט אַ גרויסע קרוין און פון דער קרוין האָט אַרויסגעשטעקט אַ האַלבע לבנה מיט אַ שטערען אין מיטען.

ליינען איך איבער:

„מוחאַמעד חאַסאַן בעט מעלת כבודכם איהר זאָלט איהם אָנטהאָן דעם כבוד, צו קומען אין זיין וואוינונג וואָס געפינט זיך אין דער שטאָדט חעלוואַן, אין דעם צוועלפטען טאָג פון חודש רעגעם, אין דעם יאָהר דרייצעהן הונדערט און דריי און דרייסיג, זיבען אַזייגער אין אָבענד, אויף דער זעפּפעה פון זיין טאָכטער".

דער נאָמען פון דער כלה איז מיט עכט־אַראַבי־שער צניעות אויסגעלאַזען.

פערשטעה איך, אַז דער בעל־שמחה איז קיין אַנדערער ניט ווי דער שוואַרצער סודאַנעזער וואָס פערקויפט אונזער

האַטעליער היהנער. ער איז מיט יאָהרען צוריק געקומען אַהער פון סודאַן, איז געווען אַ לאַנגע צייט אַ משרת, דער־נאָך האָט ער זיך גענומען צו היהנער און איז פון דעם עסק געוואָרען אַן עושר.

אַז ער האָט חתונה געמאַכט זיין ערשטע טאָכטער — אַ בתולה פון אַ יאָהר פערצעהן — האָט ער עם געהאַלטען פאַר נויטיג איינצולאַדען ניט נאָר אונזער בעל־אכסניא, וואָס איז זיינער אַ קונד פון יאָהרען, נאָר אויך דעם בעל־אכסניא׳ס געסט. אין אַן אַנדער יאָהר, ווען דער האָטעל איז אָנגעפילט מיט טוריסטען, וואָלט עס פאַר מוחאמעד חאַסאַן געווען אַ הכבדה. היי־יאָהר האָט ער בלויז גע־דאַרפט רופען אונז און די הויכע דיקע רוסישע באַראָנעסע, וואָס איהרע אַקציעס זיינען שטאַרק געשטיגען אין האָטעל זינט זי האָט בעצאָהלט פאַר דעם ערשטען מאָנאַט, הגם דער בעל־הבית ציטערט נאָך אַלץ אַז זי וועט איהם סוף־כל־סוף אַנזעצען.

---

ארום אכט אזייגער אין אָווענד האָבען מיר זיך אַלע אריינגעזעצט אין אַן אַראַביעה און זיינען אוועקגעפאָהרען ווייט אַוועק, אַזש אין עק שטאָדט, וואו מוחאמעד׳ס הויז געפינט זיך.

אונזער בעל־הבית׳טע קען די גאַנצע אַראַבישע בע־פעלקערונג, רופט איטליכען מיט׳ן נאָמען און וויים וואָס עס טהוט זיך ביי יעדערן אונטער׳ן נאָגעל. דערצעהלט זי אונז, אַז דער חתן איז דער כלה׳ס אַ קרוב. ער האָט זיך אויפגעצויגען טאָקע ביים היהנער־פערקויפער אין הויז.

מיט דער כלה איז ער פון קינדווייז אַן געווען ווי אַ ברודער. אָבער אַזוי שנעל ווי מע האָט בעשלאָסען דעם שידוך — דאָס איז געווען מיט יאָהרען צוריק — האָט ער זי מעהר ניט געטאָרט אין די אויגען אַנזעהן.

---

די אראַביעה האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ גרויסען שטיינערנעם איינפאָהר און דער שוואַרצער אבי־הכלה בכבודו ובעצמו איז אונז אַנטקעגען געגאַנגען מיט גרויס פּאַראַד, אונז אַריינגעפיהרט אין אַ בעזונדערען חדר וואו עס האָבען אויף אונז גאַסטפריינדליך געוואַרט אַ טיש אָנגעשטעלט מיט הער־און־גערענק, און פיינע בעקוועמע שטולען.

אַ קוק געטהאָן אויף דעם גערעקטען טיש האָב איך אָנגעהויבען חרטה האָבען פאַרוואָס איך בין גאָר געקומען. איך האָב זיך גערוכט אויף אַן אראַבישע סעודה, מיט נידעריגע דיוואַנעם, טישלעך און דעם גאַנצען צובעהער פון אַן אראַבישער מאָהלצייט, לסוף לאָזט זיך אויס אַז מוחאַמעד האָט זיך די גרעסטע מיה געגעבען, אַז אַלצדינג זאָל זיין כמנהג אייראָפּאַ. ווי מיר האָבען אויסגעפונען שפּעטער, האָט ער אומיסנע פאַר אונז געדונגען אַ קוכאַר פון אַ געהויבענעם האָטעל, אַ בריה אין צוגרייטען אייראָפּעאישע מאכלים.

אַז דער קוכאַר איז אַ מאַדים אין זיין פאַך, האָבען מיר אויסגעפונען מיט'ן ערשטען געריכט. די עסענס וואָלטען געווען אַ כבוד פאַר'ן שעף פון דעם ריז־קאַרלטאָן האָטעל אין ניו יאָרק.

איך האָב פּרובירט האַלטען אַ חשבון פון די פּאַטראָ־וועס, אָבער וואָס ווייטער מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין דער סעודה, איז דאָס צעהלען געוואָרען אַלץ שווערער. האָ־בען מיר בלויז צום מויל גענומען און דעם טעלער אָפּגע־רוקט, און כהרף עין איז שוין אַ צווייטער געשטאַנען אויף זיין אָרט. נאָך די פּיראַמידען פון ריינע טעלער וואָס זיי־נען געשטאַנען אויפגעטורעמט אין אַ ווינקעל, האַרענדיג אויף זייער רייה, האָב איך פערשטאַנען, אַז ס'איז נאָך ווייט צום סוף.

מיר האָבען געשלונגען שנעל, זיך פערבריהט די צונג און געאַרבייט פלייסיג. די באַראַנעסע איז געווען אויסגע־רויטעלט און האָט בעוויזען גבורות, אָבער די טעלער אין ווינקעל זיינען כמעט ניט געמינערט געוואָרען.

אַ האַלב טוץ משרתים האָבען געסאַרווערט אַרום אונז. פולע טעלער פון איין זייט און לעדיגע פון דער אַנדערער זיינען געפלויגען פון האַנד, ווי ביי יאַפּאַנעזישע דזשאָנ־לערס.

האָבען מיר בעשלאָסען איבערצוהיפּען געריכטען, יוצא זיין מיט אַ קוק און זיך קעהרען צו דעם צווייטען מאכל: זיינען די טעלער נאָך שנעלער געפלויגען, ס'האָט אַזש די אויגען געבלענדט. אַ גרויסע קאַטשקע בעפּוצט מיט גרינ־סען און געווירצען האָט שטומערהייד גערופען מיט אַלע חנ'ען פון אַ געבראַטענעם עוף, אָבער מיר האָבען זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט אפילו.

אָבער צו אַלץ נעהמט אַן ענד, אפילו צו אַראַבישער גאַסטפריינדליכקייט. האָט מען אונז דערלאַנגט אַ בעקען

מיט וואסער די הענד צום וואשען, און מיר האבען גע־
דאנקט אללאה פאר אונזער בעפרייאונג און האבען זיך
געאיילט אריינצוגעהן אין הויף וואו די אמת'ע אראבישע
שמחה איז אנגעגאנגען. די פרויען זיינען אוועק אין הא־
רעם צו דער כלה.

---

דער גרויסער געראמער הויף איז געווען בעהאנגען
מיט קאלירטע פאפירענע לאמטערנעס. אבער די אמת'ע
ליכטיגקייט איז געקומען פון דער פולער לבנה וואס האט
אראפגעקוקט גלייך אין הויף אריין. איז געווען העל ווי
אין מיטען טאג.

ארום דעם הינטערשטען טייל פון הויף זיינען געווען
אויסגעהאנגען אלערליי פארביגע, גרויסע און קליינע טע־
פיכער און אז עולם פון היבשע עטליכע הונדערט מענשען
זיינען טייל געזעסען אויף שטוהלען, טייל אויף נידעריגע
בענקלעך און טייל האבען זיך גלאט ארומגעדרעהט פון
ארט צו ארט.

מיר זיינען געווען די איינציגע וואס האבען ניט גע־
טראגען א תארבוש אדער טורבאן. קיין אנדערע אייראַ־
פעער חוץ אונז זיינען ניט געווען. א גרויסער טייל פון
דעם עולם זיינען געווען שווארצע סודאנעזער, לאנדסלייט
פון דעם בעל־שמחה.

---

אזוי שנעל ווי א חשוב'ער גאסט איז אריינגעקומען
אין הויף, האט דער ארקעסטער, וואס דער אויפגעקומענער
מוחאמעד האט אראפגעבראכט פון קאאירא, געטהאן אלץ

וואס איז געווען אין זיין כח איהם צו פער׳מיאוס׳ען דאס לעבען. די פערשיעדענע אינסטרומענטען זיינען גע־ווען אויף שטעכמעסער צווישען זיך און זיינען איינער דעם צווייטען געגאנגען אויף צו להכעיס. אין איין זאך אבער האבען זיי אלע איינגעשטימט, אז מע דארף מאכען וואס מעהר ליארעם און געפילדער..

פערשטעהט זיך, אז אזוי שנעל ווי מיר האבען זיך בעוויזען, האט די קאאירער קאפעליע אויפגעשפיעלט לכבוד אונז א געהויבענע שטיק. דער קאפעלמייסטער אליין, אנגעטהאן אין אן אלטען אפיצערסקען מונדיר מיט גרויסע מעשענע קנעפ, האט אויף זיין קלארנעט געארבייט מעשים.

אז איך האב זיך צוגעזעצט, איז ער צוגעקומען מיט א שמייכעל און האט מיך בעגריסט מיט דער שטאלצער מינע פון א רובינשטיין וואס האט נאר וואס פערלאזט די קלאווישען... איך האב איהם דערלאנגט א פאאר זיל־בערנע מטבעות, און האב, צו מיין שרעק, באלד געקריגען אן אפדאנק מיט א צווייטער מורא׳דיגער אטאקע.

---

אין מיטען עולם, אויף א סארט בימה איז געזעסען א פיקי (א געלעהרטער) און האט אלע ווילע ארויסגעזונגען א פסוק פון קאראן, זיך האלטענדיג ביים גארגעל און וואר־פענדיג מיט דעם קאפ הין און הער... אז ער האט געענ־דיגט, האבען די צוהערערם ארויסגעלאזט דעם געוועהנ־ליכען התפעלות׳דיגען „א—א—א—אה״...

אין א צווייטען טייל פון הויף האט אן אפגעריסענער

בחור'ל, קענטיג איינער פון די ניט־געבעטענע געסט גע־טאַנצט דעם אָריענטאַלישען בויך־טאַנץ, האַלטענדיג צו דערזעלביגער צייט אַ קורץ שטעקעלע איבער'ן קאָפּ מיטביידע הענד. ער האָט אַרויסגעוויזען גרויסע קונצען און דאָס רעדעל אַרום האָט איהם צוגעגעבען אַלץ מעהר חשק.

איז אַ צווייטער אַרוים פון עולם, נאָך אַ אינגערער פון ערשטען, און ביידע האָבען געטאַנצט אויף געוועט איינער אַקעגען צווייטען.

צווישען עולם זיינען נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען סאַר־ווערס. אייניגע האָבען פאַנאַנדערגעטראָגען שעלכלעך קאַווע, אַנדערע האָבען פון גרויסע טיעפע שיסלען אויס־געטיילט לעמאָנאַדע, און נאָך אַנדערע האָבען געטיילט פשוט'ע אייז־וואַסער.

די דריי מינים כיבוד זיינען אויסגעטיילט געוואָרען נאָך די חשיבות פון דעם גאַסט. געווען אַזעלכע וואָס מע פלעגט זיך אפילו מיט די קאַן פון אייז־וואַסער פערביי־געהן. בעליידיגט אָבער האָבען זיי זיך ניט. אַז ניט אייז־וואַסער, זיינען זיי גלאַט געזעסען און הנאה געהאַט.

עס איז געווען נאָך אַ קלאַס — די גאָר געהויבענע געסט און די נאָהנטע מקורבים, זיי פלעגען די סאַרווערס אַרויסקלייבען פון צווישען עולם און אַריינפיהרען אין אַן אָפּגעטיילטען פערהאַנגענעם ווינקעל, וואו עס איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי אַ גרויסער מאַהלצייט.

---

דער חתן האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען עולם אין וואָכעדיגע קליידער אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס.

ערשט אַרום עלף אַזייגער איז ער נעלם געוואָרען און אַז ער האָט זיך ווידער בעוויזען, איז ער געווען אָנגעטהאָן אין אַ ראָזען חאַלאַט מיט גילדערנע קווייטען. איצט האָט זיך אָנגעהויבען די אמת׳ע „זעפפעה״. די צערעמאָניע פון אונטערפיהר־ען דעם חתן צו דער כלה וואָס האָט געוואַרט אויף איהר בעשערטען אין דער צוקינפטיגער דירה פון דעם יונגען פּאָאר פּאָלק, אייניגע גאַסען ווייטער.

יונגע בחורים מיט בוקעטען און ליכט אין די הענד האָבען דעם חתן אַרומגערינגעלט, און די פּראָצעסיאָן איז אַרויס פון הויף אויף דער גאַס. דער גאַנצער עולם איז געווען אויפגעראַמט און פרעהליך, נאָר דער חתן אַליין — הפנים אַזוי האָט געפאָדערט דער דרך ארץ — איז געווען אומיסנע ערנסט און האָט געהאַלטען די אויגען האַלב צו־געמאַכט אַזוי ווי ער וואָלט וועלען כאַפּען אַ דרעמעל.

פאַראויס האָט מען געטראָגען גרויסע לאַמטערנעס וואָס אויף זיי איז געווען אויפגעשריבען „לאַ איללאַה אול־אַללאַה״ (ניטאָ קיין גאָט חוץ אַללאַה), און אַ טייל פון די יונגע לייט האָבען געהאַלטען אין איין זינגען אַ מאָנאָ־טאָנעם מזמור אין וועלכען מע האָט געלויבט „מוחאַמעד אַלעיהי סאַלאַמו״, צוקלאַפּענדיג דערביי אויף קליינע פּיי־קעלעך.

צו דערזעלבינגער צייט זיינען פאַראויס פאַר אַלעמען און אָפּגעזונדערט פון די אונטערפיהרערס, געגאַנגען די קאַאירער כלי־זמרים, מיט דעם אָפּיציערסקען מונדיר בראש און האָבען געקאַצעניאַמערט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

זיך זעהר וועניג קימערענדיג צי זיי פאסען זיך יא אריין אין דעם מזמור פון די יונגע לייט אדער ניט.

---

די פראצעסיע איז געגאנגען זעהר לאנגזאם. די גאסען זיינען געווען שטיל און פול מיט לבנה-ליכט, און די קולות פון די זינגערס און די שפיעלערס האבען אפגעהילכט פון אלע ווינקלען.

אין דעם געזעמעל האבען אויך ניט געפעהלט קיין ענגלישע סאלדאטען, וואס זיינען מיטגעגאנגען ווי אמת'ע מחותנים.

עס איז שוין געווען צוועלף אזייגער. האב איך דעם חתן איבערגעלאזען אויף גוטע הענד און בין אוועק אין האטעל.

---

די עכטע צערעמאניע וועט זיך אייגענטליך ערשט אנהויבען אין הויז וואו די כלה איז. אבער דאס קען קיין אנדער מאנסביל אויסער'ן חתן ניט זעהן.

קודם כל וועט מען איהם אריינלאזען אין דעם צימער וואו די כלה מיט איהרע קרובות און געסט געפינען זיך. וועט זיך די כלה איבערטהאן לכבוד איהם זיבען מאל, אין זיבען פערשיעדענע מלבושים, און איטליך מאל וואס זי וועט ארויסקומען אין א נייעם מלבוש, וועט זי צוטענצלען צו איהם מאכענדיג אלערליי קאקעטישע העויות און בעוועגונגען. די דאזיגע קליידער-בייטעניש און חנ'דלען זיך, וועט נעהמען א רעכט ביסעל צייט. ערשט אז מע וועט דערמיט פארטיג ווערען, וועט מען אוועקשיקען אלע פרויען און דער חתן וועט בלייבען אליין מיט דער כלה.

# LXXI.

# אָפּשייד

די איינציגע ענגלישע סאָלדאַטען וואָס מע האָט ביז איצט אַנגעזעהן אין חעלוואַן, זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען אַהער געקומען פערברענגען זייער אורלויב־טאָג. זיי פלעגען קומען פון העליאָפּאָלים, פון מענאָ, פון מאַהדי, און פון אַנדערע נאָהנטע ענגלישע לאַגערען.

מיט אַמאָל פלעגען די שטילע פערשלאָפענע גאַסען זיך אויפכאַפּען, אַלע ווינקלען האָבען געווימעלט מיט די הויכע יונגען פון אויסטראַליען, והעיר חעלוואַן צהלה ושמחה. וואו אַז אָפּענע טהיר איז מגולגל געוואָרען אין אַ שענקעל אָדער אַ רעסטאָראַן, און די תושבים, הונגעריג נאָך אַ פערדינסטעל, האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען געזוכט אַרויסצוקריגען פון די סאָלדאַטען די לעצטע פּעני.

---

איצט האָט אַנגעהויבען קומען אַז אַנדער מין סאָלדאַטען. ריכטיג גערעדט, זיינען זיי ניט געקומען, גיכער האָט מען זיי געבראַכט. יעדער צוג האָט זיי געבראַכט, און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַנגעקומען אויפ'ן וואָקזאַל, האָ־

בען די מיליטערישע אמבולאנצען זיי אויף גיך אפגעפיהרט.

קאאירא און אלעקסאנדריא זיינען שוין געווען פול. און גאליפאלי האט נאך אלץ געשיקט און געשיקט נייע טראנספארטען, שיריים פון די קרעפטיגע ריעזען וואס די טרייע קאלאניעס האבען זייער מוטערלאנד צום קרבן געשיקט. האט מען אנגעהויבען מאכען פלאץ אין חעלוואן. דעם גרויסען אריסטאקראטישען האטעל „על־חאיאט", האט מען פאר א האספיטאל געמאכט, און דעם פירסטליכען „טעוופיק פאלאץ" ערווארט אן עהנליכער גורל.

אז דער צוג קומט אן און מע פיהרט אדער טראגט די פערוואונדעטע צום אמבולאנץ אראפ, שטעהען ארום די אראבער און קוקען צו. פלעמעלט דורך די אויגען אויף א סעקונד דער האס צו די שונאים פון איסלאם, און באלד שוין ווידער חנפ'עט זיך דער אריענטאלישער שמייכעל.

---

פון ארץ ישראל קומען אן נאכריכטען איינע פינסטערער פאר דער צווייטער. די טערקישע רעגיערונג איז די ציוניסטען רודף עד חרמה. זי וויל מאכען א תל פון דעם ישוב, אויסווארצלען די גאנצע ארבייט פון פופציג יאהר... דזשעמאל פאשא האט א טויט־שטראף ארויפגעלעגט אויף די וואס וועלען ציוניסטישע מארקעס געברויכען...

די קאלאניעס ווערען אויסגעליידיגט פון דער רעגיערונג, צומאל די וואסער־רעהרען פון די ביארעס צוגענומען... אן אונטערגאנג...

---

דער מדבר, וואָס האָט אין אָנהויב פאַר מיר אַזאַ משונה'דיגען חן געהאַט, האָט איצט אַנגעוואָרפען אויף מיר אַ וויסטע שטומפּע מרה־שחורה פון וועלכע איך האָב זיך בשום אופן ניט געקענט אַרויסרייסען. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. דער האָטעל, דער וואַק־זאַל אַנטקעגען, די שטעדטעל, די מענשען, דער מועדין מיט זיין אומעדיגען זינגען פון מינאַרעט דריי מאָל אַ טאָג, מיינע אַראַבישע ספרים, די פּיראַמידען, אַזוי ווי דער מדבר — אַלץ איז געווען גראָ, טרוקען, מיאוס. אין דעם געלען ליכט איז אַ וויסטקייט און אַ טויטקייט געווען.

אַלע פאַרביגקייטען און שעהנקייטען וואָס איך האָב מיט זיך פון ארץ ישראל מיטגעבראַכט, זיינען אַזוי ווי אַריינגעזויגען געוואָרען פון מדבר. איך האָב געהאַט דאָס געפיהל אַזוי ווי איך בין פערמויערט אין אַ פּיראַמיד לעבעדיגערהייד, און קיין קלאַפּען און קיין האַמערען וועט מיר קיין הילף ניט ברענגען.

---

דאָס געפיהל פון אָפּגעזונדערטקייט און פערשטוי־סענקייט וואָס איז איצט געוואָרען אונערטרעגליך, האָט זיך איינגענטליך אָנגעהויבען פיעל פריהער — אין דעם טאָג ווען איך האָב געקראָגען פון מיין פריינד פ... די שוואַרצע בשורה, אַז פּרץ איז געשטאָרבען...

איינער אַליין ביי דעם ראַנד פון דער ליבישער וויס־טע, בין איך אַרומגעגאַנגען ווי משוגע פון וועהטאָג....

עפּעס א י ן מיר אַ טייל פ ו ן מיר איז גע־שטאָרבען. און אַרום מיר אַלץ און אַלע זיינען געווען

אזוי גלייכגליטיג. וואס פאר א שייכות האבען זיי מיט פרץ'ן געהאט ? וואס פאר א שייכות האבען זיי מיט מ י ר געהאט ?...

---

דערווייל האבען מיינע פריינד אין אמעריקא ניט אויפגעהערט מיך צו באמבארדירען מיט בריעף, איך זאל צוריקקומען.

וואס איז דער תכלית אין מצרים ?

האב איך זיי געשריבען : עס איז ניט מצרים. אבער פון מצרים קיין ארץ ישראל איז א טאג רייז און אזוי לאנג ווי איך בין אין מצרים, האב איך נאך די פעדים וואס בינדען מיך צו צו ארץ ישראל ניט אפגעריסען, פיהל איך נאך צייטענווייז אזוי ווי איך וואלט אין רחובות געוועז. זאג איך צו זיך : אט באלד וועלען מיר זיך אומקעהרען, און עס וועט זיין אזא פרייד אין אונזער הויז ווידער אריינ־צוקומען, הערען די פויגלען פאר'ן הויז און דעם הינקע־דיגען שמיעד ווי ער האמערט אויף דער קאוואדלע...

---

האט פ... געשריבען, אז די פערבינדונג מיט ניו יארק ווערט אלץ שווערער און אונזיכערער. איז זיין עצה מיר זאלען לענגער ניט אפלעגען. אפפאהרען אזוי לאנג ווי עס איז נאך דא א מעגליכקייט.

עס הערען זיך קלאנגען, אז דייטשע סובמארינס הא־בען זיך בעוויזען אין די מיטעללענדישע וואסערען.

פרעגט ער אויך . וואס איז דער תכלית. אויב ניט ארץ ישראל, וואס טויג אונז דער מדבר ?

איז דאס גלייכסטע פאר אונז ניו יארק.

---

האבען מיר זיך בעשלאסען, און מיר האבען געשריבען צו פ...'ן ער זאל פאר אונז קויפען שיפסקארטען אויף דער גריכישער ליניע, וואס איז לויט אלע חשבונות, געווען די גיכסטע און די זיכערסטע, און מיר האבען זיך גענומען מכין זיין.

די יודעי חן האבען מיר אנגעזאגט, אז איך מוז קריגען די ערלויבניש פון אמעריקאנישען קאנסול און אז איידער איך געה צום קאנסול מוז איך זיך פערזארגען מיט א פאטאגראפיע פון מיר און מיינע בני בית. האב איך זיך ארומגעדרעהט א גאנצען פריהמארגען אין די גאסען פון קאירא ביז איך האב דערטאפט א פאטאגראפשטשיק אויף דער גאס. אז איך בין געקומען מיט'ן בילד צום קאנסול, האט ער מיר ערקלערט, אז עס איז גאנץ שעהנע ארבייט, אבער מע דארף האבען ניט איינס נאר דריי. ווארום ניט נאר ער אליין וויל האבען פון מיר אן אנדענק. נאר די מיליטערישע אדמיניסטראציאן פון עגיפטען וויל מיך אויך ניט אוועקלאזען אהן א זכר. אחוץ דעם, איינס אויפ'ן פאספארט גופא.

כדי אונז איינצושפארען געלט האט פ... די אגענטען פון דער גריכישער ליניע אריינגערעכענט אין נדן, אז איך בין א שריפטשטעלער.

פ...'ס רעקאמענדאציע האט געהאט א גרויסע ווירקונג. ווי איך האב שפעטער אויסגעפונען האבען זיי מיר בערעכענט מיט צוויי הונדערט פראנק — מעהר.

---

בעזארגט די שיפסקארטען אין אלעקסאנדריא, איז

פ... אומיסנע צוליעב אונז געקומען צופאהרען פון אלעק־
סאנדריא קיין חעלוואן. ער האט אונז געהאלפען איינפאקען
די זאכען, און האט אונז געמאכט פארטיג פאר דער נסיעה.

דאס זעגענען זיך פון חעלוואן איז אונז ניט געפאלען
שווער. פרעמדע מענשען אלע. קיין ווארצלען ניט געשלא־
גען, קיין נעסט ניט אנגעווארעמט. אבער פון דעם מדבר,
דוקא פון דעם מדבר, וואס איך האב אויף איהם אזא אומ־
חן געווארפען די לעצטע צייט, האב איך אפשיער נעהמען
געוואלט.

האב איך זיך אויף אן אראביעה ארויפגעזעצט און
בין אוועקגעפאהרען ווייט־ווייט פון דער שטאדט אויף
דעם בארג וואו דער אבסערוואטאריום שטעהט. דער אב־
סערוואטאריום איז געווען פערמאכט פאר בעזוכער. דאס
האט מיך ווייניג־וואס געקימערט. די שטערען וועל איך
אומעטום געפינען. און ווי גרויס זיי זיינען אארט מיך ניט.

איך האב נאר דעם מדבר צום לעצטען מאל גוט גע־
וואלט אנקוקען...

טויט, טויט האבען זיך די כוואליעס געצויגען, גע־
צויגען... קברים־בערגלאך אהן א שיער, און פון דעם טוי־
טען פעלד האבען די פיראמידען ארויסגעשטעקט ווי רי־
זיגע מצבות...

א געלע וואקסענע ליכטיגקייט איז געלעגען אי
אויפ'ן מדבר, אי אויף דער גראער חעלוואן...

. . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . .

דעם פופצעהנטען טאג אין יוני 1915, נאכדעם ווי
מען האט אונז אויסגעפרעגט, ארומגעזוכט און ארומגע־

טאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס, האָבען מיר זיך אריינגעזעצט אויף דער קליינער שיפעל, וואָס האָט אונז אָפּגעפיהרט צו דעם גריכישען דאַמפּפער „סיריא", וועלכער איז גע־פאָהרען קיין פירעאוס.

ארויסקירעווענדיג זיך פון פּאָרט זיינען מיר פאַר־ בייגעפאָהרען אַ טראַנספּאָרט־שיף פול מיט סאָלדאַטען, וואָס איז געשטאַנען פעראַנקערט. זי איז געווען אַרויס־ געפאָהרען צו די דאַרדאַנעלען און האָט זיך אומגעקעהרט צוליעב אַ ידיעה וואָס איז אָנגעקומען אַז אַ סובמאַרין דרעהט זיך נאָהנט אַרום און לויערט אויף איהר...

---

אויף דער „סיריאַ" זיינען געפאָהרען לויטער גריכען, על פּי רוב אַזעלכע וואָס האָבען זיך מיט יאָהרען צוריק בעזעצט אין עגיפּטען און זיינען דאָרט רייך געוואָרען. אַצונד זיינען זיי געפאָהרען זיך אָפּפרישען אין דער מו־ טער־לאַנד. זיי זיינען אַלע געווען זעהר אויפגעראַמט, אַזוי ווי מענשען וואָס פערגינען זיך צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען אַ לאַנגען יום־טוב.

די איינציגע אַמעריקאַנער זיינען געווען מיר און אַ הויכער מאַן פון אַ יאָהר פערציג, וואָס איז געגאַנגען אָנ־ געטהאָן אין געקעסטעלטע הויזען, אַן אַגענט פון דער „אַמעריקאַן טאָבאַקאָ קאָמפּאַני", וואָס האָט זיך געהאַל־ טען פון אַלעמען פון דערווייטען און איז קענטיג געווען זעהר בייז און פערערגערט אויף די גריכען. ער האָט הפּנים פון אַמעריקאַ קיין צו גרויסע ליעבשאַפט צו זיי ניט מיטגעבראַכט.

---

דער איינציגער מיט וועמען מע האט געקענט א ווארט אויסריידען איז געווען א האלב-גריך, האלב-ענגלענ־דער, א רעגיערונגס-בעאמטער אין אטבארא, אין סודאן. א געבוירענער אין סודאן, איז ער צום ערשטען מאל אין זיין לעבען געפאהרען בעזוכען די היים פון זיין מוטער אין קאלאמאטעא.

ער האט מיטגעפיהרט, א מתנה פאר דעם מוזעאום פאר נאטור־וויסענשאפט אין אטהען, א קאלעקציע פון גיפטיגע שקארפיאנען און טאראנטולאס, וואס זיינען זעהר בנמצא אין דער שטעדטעל וואו ער וואוינט.

מיט די גריכען אויף דער שיף האט ער זיך וועניג־וואס געפריינדעלט. ער איז געווען אנגעטהאן ווי א ריי־זענדער ענגלענדער און האט געזוכט נאכצומאכען ענגלי־שע מאניערען.

ער האט אונז אסך אנדערצעהלט פון דעם לעבען אין דעם סודאן, בעזונדערס פון די בארבארישע מנהגים וואס זיינען איינגעפיהרט ביי די דארטיגע מוסלימער. דער בארבארישסטער פון אלע, די ברוטאלע אפעראציע וואס ווערט געמאכט קליינערהייד אויף מיידלעך כדי צו זיין זי־כער מיט זייער יונגפערשאפט ביז זייער חתונה.

---

א שטיקעל וועג פאר פירעאוס האט זיך די „סיריא" אפגעשטעלט און א קליין שיפעל איז צוגעקומען צו איהר. פון דער שיפלע איז ארויף צו אונז אויפ'ן פערדעק א זעהר צרה'דיג געקליידעטער גריך וואס האט געטראגען אויף דער פלייצע א מין בלעכענע קאן.

פון דערדאַזיגער קאַן האָט ער געמאַכט אַ פּאָאַר איינ־שפּריצונגען אין פערשיעדענע ווינקלען פון דער שיף. דער־נאָך האָט ער זיך זעהר פיין צוזעגענט מיט די בעאַמטע, און איז ווידער אַפּגעפאָהרען אין זיין שיפעל.

שטעלט זיך אַרויס, אַז דער מאַן מיט דער בלעכענער קאַן איז דער קוואַראַנטין־אינספּעקטאָר, וואָס איז געקומען די שיף דיזינפעצירען.

האָט דער לאַנגער אַגענט פון דער „אַמעריקאַן טאַ־באַקאָ קאָמפּאַני", וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגען ווי אַ לעהמענער גולם, אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער, אַז ער האָט זיך אַזש פערבלינעט.

— סאָם קוואַראַנטין פּאַר יו (נאַ דיר אַ קוואַראַנטין!)

---

אין אַ קיהלען פרישען פריהמאָרגען זיינען מיר אַריינ־געפאָהרען אין דעם פּאָרט פון פּירעאוס.

דער דאַמפּפער „וואַסילעווס קאָנסטאַנטינאָס" (קעניג קאָנסטאַנטין), דער שטאָלץ פון דער גריכישער האַנדעלס־מאַרין, האָט ערשט געזאָלט אָנקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום. זיינען מיר אַפּגעפאָהרען מיט דער באַהן אין אַטהען, וואו מיר האָבען אויפגעזוכט אַ האָטעל אין דער רוישיגער אָמאָ־נאָיאַ גאַס.

## LXXII.

# אין אַטהען

דער „קסענאָדאָכעיאָן“ אָדער האָטעל וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען, איז געווען אין סאַמע קאָד פון שטאָדט. פון אונזער פענסטער האָבען מיר אַ גאַנצען טאָג און ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, געקאָנט זעהן דאָס רוישיגע גאַסענלעבען. טראַמוויים האָבען נאָכאַנאַנד געקלונגען, אויטאָמאָבילס זיינען געלאָפען היז און הער און די טראָטואַרען זיינען געווען שוואַרץ מיט מענשען. געוואָרפען אין די אויגען האָט זיך די גרויסע צאָהל גלחים און אָפיציערען. די גלחים האָבען געטראָגען לאַנגע האָאר פערפלאָכטען אין אַ קנויל אויף דער פּאַטילניצע, שוואַרצע קיטלען און הויכע קאַפּעלושען וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי קוגעל־טעפּלעך מיט אַן איבערגעקעהרטער טעלער פון אויבען. די אָפיציערען זיינען געווען אָנגעטהאָן אין דייטשע אוניפאָרמען און האָבען זיך געהאַלטען שטייף־דייטש.

דאָ און דאָרט האָבען זיך דורכגעשפּרענקעלט נאַציאָנאַלע קאָסטומען, ווייסע, קורצע, געפּאָלדעוועטע טוניקס, שוואַרצע וועסטען פּאַזאַמענטירט מיט גאָלד און קליינע טורבענע יאַרמעלקעס, פון די אַרומיגע אינזלען.

פאַרנאַכט זיינען די טישלעך פאַר די קאַפעס געדעקט געוואָרען, די טראַטואַרען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין רעסטאַראַנען אונטער'ן פרייען הימעל, און דאָס קלינגען פון גאָפּעל און מעסער האָט זיך צומישט מיט דעם קלאַנג פון די טראַמוויים און דער טרובען פון אויטאָמאָבילס.

ווייט אַוועק איבער דער שטאָדט האָט זיך געשאַטענט אקעגען דעם טונקעל־בלויען הימעל דער שטיינערנער יחוס־בריעף פון דער נייער אַטהען — דער אַקראָפּאָלים.

---

אונזער צימער איז געווען זעהר זויבער, געראַם און בעקוועם. די בעדיענונג אויסגעצייכענט. מיר האָבען נאָר געהאַט אין אָנהויב אביסעל צרות מיט'ן לשון. ניט געווען קיינער אין האָטעל וואָס זאָל קענעןריידען ענגליש אָדער פראַנצויזיש, אחוץ אַ פּאָר געקליבענע ווערטער. די טעג און נעכט, וואָס איך האָב מיט יאָהרען צוריק, זיך געפּלאָגט איבער דער אָדיסעא, זיינען מיר ניט בייגעשטאַנען גענוג איך זאָל קענען בעשטעלען אַ פריהשטיק אין האָמער'ס שפּראַך. איז דער בעל־אכסניא, אַ זעהר לעבעדיגער גריעך, מיט שווארצע גוטמוטיגע אויגען, געפאַלען אויף אַ המצאה. ער האָט צוזאַמענגערופען דעם גאַנצען פּערסאָנאַל פון האָטעל. האָט יעדערער פון זיי געגעבען צושטייער זיינע פּאָאר ענגלישע ווערטער און אַזוי ארום האָט מען צוזאַמענגעלעגט גענוג צו קומען מיט אונז אויף אַ טאָלק.

---

אויף מאָרגען ווען איך בין געווען אין דער הויפּט־קאַנ־

טאר פון דער שיף־געזעלשאפט, האב איך געקראגען דעם אומאנגענעהמען בעריכט, אז די „וואסילעווס קאנסטאנטינאס“ איז פערהאלטען געווארען אין גיבראלטאר אויף א בעפעהל פון דער ענגלישער רעגירונג. מע איז איהר חושד אין קריעגס־קאנטראבאנד. קען מען ממילא ניט וויסען ווען זי וועט אנקומען.

האבען מיר, הייסט עס, גענוג צייט צו בעקוקען אטהען וויפיעל אונזער הארץ גלוסט.

עס איז געווען אין רעכטען זומער אבער דאס וועטער איז געווען פריש אזוי ווי אין פריהלינג, און דער הימעל ריין אזוי ווי נאך א רעגען און לאבעדיג בלא.

אליין אהן א פיהרער האבען מיר ארומגעוואנדערט גאנצע טעג דורך די גאסען פון דער נייער, און צווישען די חורבות פון דער אלטער שטאדט.

צוערשט איז געקומען דער אקראפאלים.

שטונדענלאנג האבען מיר ארומגעשפאצירט צווישען די האלב־איינגעפאלענע טעמפלען, וואס האבען אפילו אין זייער חרוב'קייט און צובראכענקייט געאטהעמט מיט רוהיגער שעהנקייט. האבען מיר דידאזיגע שעהנקייט אזוי ווי א קיהלען ערפרישענדען געטראנק געזופט.

דער מדבר פון חעלוואן, די זאמדען, די מומיעס און די פיראמידען האבען נאך אין מיין געמיטה ארומגעשפוקט. האט דער הויך פון דעם לאבענדען דיאניסאס זיי פערטריבען. פון צווישען צוויי שטיינער האט זיך א פרענזעל פון גראז דורכגעריסען, האט עס אויסגעזעהן ווי דער גאט פון

פרייד וואָלט זיין בלעטער־בעפלאַכטענעם טירזאָס פון אונ־
טער די חורבות צו אונז אַרויסשטעקען געוואָלט.

אָט איז דער ערעחטהעיאָן, מיט די זעקס ריעזיגע
פרויען־פיגורען, די קאַריאַטידען, אונטערשפּאַרענדיג דעם
שווערען געבוי, אין גראַנדיעזער איינפאַכקייט. פול־ענטוויי־
קעלטע לייבער און צו דערזעלביגער צייט דורכגעהויכט פון
גייסט... סימבאָלען פון יענעם האַרמאָנישען גלייכגעוויכט
צווישען גוף און נשמה, צווישען חומר און פאָרם, וואָס איז
געווען דער סוד פון אַלט־גריכענלאַנד'ס גרויסקייט.

אינוועניג איז אַמאָל געשטאַנען פון גאָלד און פון על־
פענביין געמייסטערט די גיגאַנטישע סטאַטוע פון אַטהען'ס
בעשיצערין, פּאַלאַס אַטהענע, די געטין פון חכמה, וואָס איז
פאַרטיג־בעוואפענט פון צעאוס' קאָפּ אַרויסגעשפּרונגען.
עמיצער האָט דעם דונער־ברענגענדען הערשער פון אָלימ־
פּוס געוואָרענט אַז די פרוכט פון זיין ליעבע מיט מעטיס,
וועט שטאַרקער זיין פון איהם. האָט ער די מאַמען צוזאַ־
מען מיט איהר נאָך ניט געבאָרענעם קינד איינגעשלונגען.
האָט העפעסטוס, דער גאָט פון פייער, מיט אַ האַק זיין איי־
גענעם טאַטען דעם שאַרבען אויפגעהאַקט און אַטהענע איז
אויף דער וועלט געקומען, אויף צו להכעיס דעם דעספּאָט
פון די געטער...

---

מיר זיינען געבען פּאַרטהענאָן, די שעהנסטע ירושה
וואָס די אַלטע גריכישע בוי־קונסט האָט איבערגעלאָזען:
די הויכע זיילען שטעהען זיכער און רוהיג אין זייער

שעהנהייט, ווי לאַנגע בעכערס אָנגעפּילט מיט שטומער מוזיק.

---

געהען מיר פערביי דעם ווינקעל פון דעם פּאַרטהענאָן, וואָס איז מעהר גלגולים ווי אַלע אַנדערע אויסגעשטאַנען.

דער אָרט וואו מע האָט אַמאָל צו די פריידיגע געטער געדיענט איז אין זעקסטען יאָהר הונדערט געהייליגט גע־וואָרען צו דעם פערבלוטיגטען אַסקעט פון נצרת. זיינען אוועק ווידער יאָהרהונדערטען און די דיענער פון איסלאַם האָבען אַ מינאַרעט אויסגעבויט און פריה און שפּעט האָט דער מועדזין אַרונטערגעזונגען פון אַקראָפּאָלים, אַז „מוחאַ־מעד איז דער שליח פון אַללאַה".

איצט האָט מען די חורבות ווידער די געטער אָפּגע־געבען.

---

טויטע און האַלב־אָדער אין גאַנצען איינגעפאַלענע חורבות... אָבער אַלץ רעדט פון אַ קונסט וואָס איז גע־באָרען פון לעבען און פון לעבענס־פרייד... יעדער שטיין פון די חורבות איז אַ געזאַנג צום לעבען, אַ הימן צו שעהנ־הייט, צו דעם גענוס פון שעהנהייט...

יענע אין עגיפּטען איז געווען אַ קינד פון טויט, אַ געבורט פון אַנגסט, אַ פערקערפּערונג פון אַ קאָשמאַר...

דער בלאָער ים און דער בלאָער הימעל זיינען איינ־אַנדער אין די אָרעמס געפאַלען, און די גריכישע קונסט איז די פרוכט געוועזן... די ע ר ד אַרום איז געווען טרוקען, וויסט, פעלזיג — בלויז הימעל און בלאָער עגע־

אישער ים... פון הימעל — די רוה, דאס גלייכגעוויכט, דער עפּאָס, פון ים — דער ריטהמוס, די לייכטקייט און די בויגיגע גראַציע...

די פּיראַמידען און די עגיפּטישע מייסטערווערק האָט דער מדבר געשאַפען, און זיי זיינען געווען טויט ווי ע ר...

---

מיר געהען אַראָפּ פון אַקראָפּאָלים און שפּאַצירען דורך די רואינען פון דעם אַלטען דיאָניסאָס־טהעאַטער. אַקעגען דעם אָרט וואו עס איז די שטיינערנע ביהנע געוועזן, אין סאַמע ערשטע רייה געפינען זיך די פּלעצער פאַר די גרויסע בעאַמטע. אָט איז דער פּלאַץ פון דעם אויבער־פּריסטער. זיין נאָמען איז אויסגעקריצט אויף די שטיינער...

נאָך אַ פּאָאר טריט, דער עסקולאַפּעיאָן, הייליג צו דעם גאָט פון געזונד, אַסקלעפּעיאָס. אַ שעהנער טעמפּעל איז עס געווען, מיט שעהנע נימפען און געטער און צוגלייך אַ הייל־אַנשטאַלט. אַלץ האָבען די אַלטע גריכען בעשעהנען געוואָלט, אפילו קראַנקהייט.

און אָט דאָרט ווייט אַריבער זיינען די חורבות פון דעם געריכט־פּלאַץ פון דעם אַרעאָפּאַג, וואו דאָס פרייע פאָלק האָט דורך זיינע אויסגעקליבענע פערטרעטער גערעכטיגקייט אויסגעטיילט.

---

חורבות, חורבות...

און אָנהענגענדיג זיך אָן דידאָזיגע חורבות האָט אַ פערשקלאַפּט, דערנידעריגט און נידעריג פאָלק זיך אַרויפגע־

שוואונגען צו דער מדרגה פון א געזונדען פלייסיגען פאלק, וואס יאגט אן דאס נייע לעבען מיט קפיצת־הדרך...

אכציג יאהר צוריק איז אטהען א קליין דערפעל געווען. איצט וואוינען דא נאהנט פון צוויי הונדערט טויזענד נפשות. ביבליאטעקען, מוזעאומס, אן אוניווערזיטעט, א — פארלאמענט.

אכציג יאהר! מיט פיעל עלטער ווי אונזער „ישוב” ? גיט עס מיך א ברען אזוי ווי מיט אן אנגעגליהטען אייזען..

---

אויף דעם סמך פון זייער פ ע ר ג א נ ג ע נ ה י י ט האבען זיי מעכטיגע שתדלנים געקריגען, שתדלנים מיט קריעג־שיפען און מיט ארמעען...

און שטאלץ זיינען זיי מיט זייער אויפלעבונג, מיט זייער לאנד, מיט זייער שפראך.

וואס זייער נייע ליטעראטור איז ווייס איך ניט. אבער וואלטען זיי א העלפט פון אונז געהאט, וואלט יעדער פערקויפער פון שלעכטע אלקאהאל אין אלעקסאנדריע, און יעדער שטיוועל־פוצער אין שיקאגא, דערפון געוואוסט און וואלט זיך דערמיט געגרויסט.

יעדער טרעגער אויף דער גאס יחוס'ט זיך מיט דער שיף „וואסילעוס קאנסטאנטינאס”, און וועט אייך פון איהר אלערליי וואונדער דערצעהלען... א ו נ ז ע ר שיף.

---

מיר האבען בייראנ'ס סטאטוע געזעהן.

צוליעב די האלב־מיליאן האלב־אזיאטען איז ער אין

מיסאלאנגי שטארבען געקומען, דער גרויסער בעשעפער פון „טשאילד האראלד".

אונז האט ער אפגעפארטיגט מיט זיינע „היברו מע־לאדים"...

---

מיר זיינען געווען אין דעם סטאדיאן, וואו פופציג טויזענד מענשען האבען געקענט די שפיעלען אויף דער ארענא צוזעהן. פון לויטער מירמעלשטיין איז עס גע־בויט, רייה איבער רייה פון דריי זייטען.

צופאלען איז עס געווען פון אלטקייט, האט דער גרויסער גריכישער מיליאנער אוועראף א פערמעגען אוועקגעלעגט און האט עס צוריקגעבויט.

פול איז אמהען מיט אזעלכע נדבות. די ווייטע זיהן האבען געזוכט זייער מוטערלאנד צו בעשעהנען.

איך בין ארויף אויף דער העכסטער רייה און האב פון דארטען געהאט א וואונדערשעהנע אויסזיכט, פון איין זייט אויף די בלא־פערצויגענע בערג און פון דער צווייטער אויף דעם טיעף־גריגעם קעניגליכען גארטען...

טראכט איך פון אווערא‎ף'ען און דערמאן זיך אן אונזערע מיליאנערען — און די אויסזיכט ווערט מיר פער־דארבען.

איך וועל מוזען וואס שנעלער אוועקפאהרען. איך האלט אין איין פערגלייכען און פיהל זיך נאכאנאנד גע־קריוודעט...

. . . . . . . . . . . . . .

# LXXIII.
# צוריק

אין אַטהען ערשט האָב איך זיך דערוואוסט פון די צוויי הונדערט פראַנק וואָס די שיף־געזעלשאַפט האָט מיר איבערגערעכענט אין זכות וואָס איך בין אַ שריפטשטעלער.

בין איך אַוועק אין קאַנטאָר.

עס איז געווען אַרום פיער אַזייגער נאָכמיטאָג און די קאַנטאָר איז געווען פול געפּאַקט, ניט אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפען, און פאַר די טהירען האָט זיך געשפּאַרט אַ גרויסע מחנה אויפגערעגטע פּאַסאַזשירען. די שיף האָט געזאָלט אָפּגעהן מאָרגען און איבער צוויי טויזענד שיפסקאַרטען זיינען געווען אויסצומאַכען. הינטער אַן אָפּצאַהמונג זיינען אַרומגעלאָפען פערהאַוועט צוויי יונגע לייטלעך און האָבען ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טהאָן.

איך האָב זיך ווי עס איז דורכגעשטויסען און געפרעגט ביי דעם עלטערען יונגען מאַן אויפ'ן דירעקטאָר. וואָס זיין נאָמען איז מיר פון דער ערשטער מינוט ניט געפעלען. ער האָט געהייסען קאַראַלאָמים.

— מס'יע לע דירעקטאָר שלאָפט.

— וואָס הייסט ער שלאָפט ?

— פשוט, ער שלאָפט. ער שלאָפט אַלע טאָג.

פאַל איך שוין אַריין אין כעס:

— ביי אונז אין אַמעריקא אַ דירעקטאָר אַרום דער צייט פון טאָג זיצט אין קאָנטאָר און —

ער לאָזט מיך ניט דערענדיגען. איך האָב אָנגעריהרט קענטיג זיין העלענישען האָנער.

— אין אַמעריקא מעג זיך אַ דירעקטאָר טהאָן וואָס ער וויל. ביי אונז אַז מע איז אַ דירעקטאָר, שלאָפט מען.

דער „דירעקטאָר" איז ענדליך צוריק געקומען פון זיין מיטאָג־שלאָף, אָבער איך האָב אויפ'ן ערשטען קוק געזעהן, אַז די צוויי הונדערט פראַנק וועלען שוין פערבלייבען אין אַטהען — אַ ניט־ווילענדיגער בייטראַג פון דער אידישער ליטעראַטור צו דער גריכישער האַנדעלס־מאַרין.

---

דעם אַכט־און־צוואַנציגסטען יוני האָבען מיר זיך געזעצט אויף דער „וואַסילעווס קאָנסטאַנטינאָס".

אויף דער שיף איז געווען אַ קליינע צאָהל אַמעריקאַנער מיסיאָנערען און לעהרער, וואָס האָבען זיך צוליעב דער מלחמה אומגעקעהרט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו די פעראייניגטע שטאַטען. די איבעריגע זיינען געווען גריכען וואָס זיינען געפאָהרען קיין אַמעריקא, טייל צום ערשטען, טייל צום צווייטען און טייל צום דריטען מאָל.

דאָס רוב פון די וואָס זיינען געפאָהרען צום צווייטען מאָל זיינען געפאָהרען אין צווייטער קאַיוטע.

זיי האָבען זיך אַלע געפּיהלט זעהר תקיף אויף דער שיף: גאָ זעה, וואָס מיר זיינען. אַ „וואַסילעווס קאָנ־סטאַנטינאָס", ניט קיין קלייניגקייט.

אינטערעסאַנט איז געווען, אַז וואָס ווייטער מיר זיי־נען אַרויסגעפּאָהרען אין ים, און וואָס נעהנטער מיר זיינען געקומען צו די ברעגעס פון אַמעריקא, אַלץ ווענינער „וואַ־סילעוו קאָנסטאַנטינאָס'דיג" האָבען זיך די זיהן פון גרי־כענלאַנד אַנגעהויבען פיהלען... מע האָט געזעהן בחוש, ווי זייער תקיפ'דיגקייט ווערט שוואַכער וואָס אַ רגע.

---

די גריכען פון דריטער און פיערטער און אַלע אַנדערע קלאַסען — איין גאָט ווייס וויפיעל קלאַסען עס זיינען אויף דער שיף געווען — האָבען גאַנצענע טעג געשפּיעלט אין פּאָטשעניש.

מע האָט אויסגעקליבען איינעם און איהם אוועקגע־שטעלט אַביסעל פאַראויס. די לינקע האַנד האָט ער גע־מוזט האַלטען אַזוי אַז זי האָט פערשטעלט זיין געזיכט און איז צו דערזעלבער צייט געווען אָפען צו דערויסען. הינ־טער איהם האָבען זיך אויסגעשטעלט די פּאָטשערס, וואָס האָבען איינער נאָך'ן אַנדערען געפּלעמט זייער קרבן אויף דער אויסגעשטרעקט האַנד. האָט ער געטראָפען ווער דער מנדב פון פּאָטש איז, האָט דער פּאָטשער פערנומען זיין פּלאַץ. אַז ניט, האָט ער אַזוי געקענט אָפּשטעהן ביז 'ס פלעגט אַזש בלוט שפּריצען פון די האַנד. פלעגט ער אַריינ־פאַלען אין רוגזה, פלעגען חברה נאָך פּאָטשען מיט מעהר חשק, און דער עולם אַרום האָט אַנגעקוואַלען.

## פון אָלימפּוס־שפּיעלען ביז פּאַטשעניש...

---

אין גיבראַלטאַר האָט מען אונז פערהאַלטען. אַ גאַנ־צען העלען טאָג איז די שיף געשטאַנען מיט'ן פּנים גע־קעהרט צו די קאַנאָנען פון דער באַרג־פעסטונג, אַזוי ווי אַ חדר־אינגעל מיט דער רוט אין האַנד...

---

מיר האָבען בעצאָהלט פאַר בילעטען פון ערשטען קלאַס, אָבער געהאַלטען האָט מען אונז אין דער צווייטער. די עסענס זיינען געוועזען שלעכט, ניט אין מויל צו נעהמען. וואָס טהוט גאָט אַ נס? קריעג איך אַ שטאַרקע ענט־צינדונג אין האַלז און ווער זעהר ערנסט קראַנק.

איז געקומען דער דאָקטאָר, וואָס איז קענטיג אויף דער שיף נאָר פון אַנשטעל וועגען, און איז פון דערהיים אַ שמיעד. דוקא אַ שמיעד, קיין אַנדער מלאכה ניט, דאָס בין איך געוועזען זיכער:

אַ מזג טוב איז ער דוקא געוועזען. דאָס האָט מען גע־קענט זעהן אַן זיינע גוטע אויגען. האָט ער זיך מיט מיר ניט געהאַמפּערט און האָט מסכים געוועזען אַז איך בין טאַקע מיט אַן אמת אַ חולה.

אַז ער איז שוין געוועזען פון יענער זייט טהיר, האָבען מיר איהם דורך אונזער דאָלמעטשער—ער אַליין האָט אַ וואָרט אויסער גריכיש ניט פערשטאַנען—צוריקגערופען און דערמאָנט, אַז ער האָט פערגעסען צוויי זאַכען. ראשית האָט ער די טעמפּעראַטור ניט גענומען, און צווייטענס האָט ער גאָרנישט געטהאָן די קראַנקהייט אָוועקצונעהמען.

די ערשטע בקשה האָט ער תיכף ערפילט. די צווייטע האָט ער נעבאך געוואָלט ערפילען אָבער פשוט ניט גע־וואוסט ווי...

האָט ער שטאָט געבען מעדיצין מיך מפצה געווען מיט דעם וואָס ער האָט בעפוילען אַז מע זאָל פון מיינעטוועגען אויפמאַכען דעם שטייג לעבעדיגע היהנער וואָס די „וואַ־סילעווס קאָנסטאַנטינאָס" האָט מיטגעפיהרט מיט זיך, און קאָכען פאַר מיר יאיכלעך...

פלעגט מיר דער משרת פון אונזער קאַיוטע, אַן אויס־געדיענטער גריכישער זעלנער מיט'ן נאָמען דימיטרי, צוויי מאָל אַ טאָג אַריינבריינגען צו האַלבע הוהן. זעהענדיג די שיריים וואָס איך לאָז איבער, האָט דימיטרי אויף מיר שטאַרק רחמנות געקריגען און ער האָט מיר געבראַכט אַן אַראַנזש וואָס ער האָט פאַר מיר גע'גנב'עט אין דער ער־שטער קלאַס.

---

איין טאָג איז דער דאָקטאָר צו מיר געקומען מיט דער ערקלערונג, אַז פון יאיכלעך אַליין וועל איך אָפגע־שלאָפט ווערען. דאַרף איך האָבען איינשפּריצונגען און די איינשפּריצונגען וועלען קאָסטען צוויי פראַנק אַ שטיק.

איך האָב דעם אולטימאַטום פערשטאַנען. אַזוי ווי פאַר היילען טאָר ער קיין געלט ניט בערעכענען, און פון די היהנער האָט ער אויך געוואָלט אָפלעקען אַ ביינדעל, האָט עס געהייסען, ענטוועדער איינשפּריצונג, אָדער — אויס הוהן...

האב איך בעשלאסען זיך לאזען איינשפריצען, אבי דעם שטייג ניט אפלאזען...

---

בלויז א פאר טעג פאר ניו יארק בין איך פון בעט ארויסגעקראכען. די שיף איז געגאנגען אין א רוהיגען גרינעם ים, און דער פרענזעלדיגער שוים פוןביידע זייטען האט זיך צולעגט ווי אין ווייסע לופטיגע בלומען...

באלד האבען מיר געקראגען אן ערשטען קבלת־פנים פון די ים־פויגלען...

שיפען האבען קורסירט פון אלע זייטען אפטער און אפטער און אט איז א וואלקען ביים האריזאנט... קוני־איילאנד שווימט ארויס און ווערט אלץ בולט'ער און בולט'ער.

אט איז א מאטאר־שיף צוגעשוואומען, און דער לאצמאן איז ארויף. מיר זיינען אין רשות פון אמעריקא.

מיר האבען זיך אפגעשטעלט אין אבענד. איבער נאכט האבען מיר געזאלט אויפ'ן שיף בלייבען. פון ביידע ברעגעס האבען טויזענדער ליכט אומגעטאנצט אין דער שטילער זומערדיגער נאכט, אזוי ווי גרויסע פייער־פליגען...

איך האב די נאכט ניט געשלאפען. איך בין ניט אומגעדולדיג געווען אנצוקומען... איך האב זיך ניט געפרעהט און ניט געווארט אויף קיין זאך... איך האב זיך אליין ניט געקענט פאנאנדערקלייבען אין דעם פלאנטער וואס האט ווי א שווערער שפינוועבס זיך געפלאכטען אויף מיין געמיטה...

. . . . . . . . . . . . . .

אַ ליכטיגער יולי־פריהמאָרגען איז עס געווען ווען דער דאַמפּפער האָט זיך אַריינגעוויעגט אין זיין פּיער. אויפ'ן דאַק זיינען געשטאַנען טייערע פריינד, ליעבע געזיכ־טער האָבען געשמייכעלט פון ווייטען און אויגען זיינען גע־ווען פייכט מיט פרייד און מיט ליעבשאַפט. איך בין ווי־דער געווען צווישען מיינע טרייע פריינד... אָבער פאַר די אויגען האָט זיך אַזוי ווי אַ וואָלקען אַראָפּגעלאָזט פלור־צים. איך בין געווען אין כעס אויף זיך און אויף זיי און אויף דער גאַנצער וועלט...

— פאַר וואָס איז עס ניט בעשערט געווען ?...

(ע נ ד)